STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00156

DER OYTSER FUN ALE MEDROSHIM

Y. Y. Zevin

Permanent preservation of this book was made possible by
David, Jon, Carmen, Judy, Abe & Alex
in honor of
the 50th anniversary of Melvin & Cynia Shimm, August 15, 1998

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אוצר
פון אלע מדרשים

אלע אגדות, ערצעהלונגען און משלים, ארויסגענומען
פון מדרש רבה, מדרש תנחומא, מדרש חמש מגילות,
מדרש שוחר טוב, זוהר, מדרש אגדה, ילקוט שמעוני,
ספר הישר, און פון אלע אנדערע מדרשים

איבערזעצט

—פון—

ישראל י. זעווין (תשר״ק)

אין פיער טייל

צווייטער טייל

ניו יארק
Tashrak Publishing Co., 185-187 East Broadway, N. Y.
תרפ״ו

Legends from the Midrash

Copyright 1926 by
ISRAEL J. ZEVIN

(Printed in the United States of America).

Presswork and Binding by
Montauk Bookbinding Corp., 194 Greene St., New York
U. S. A.

אינהאלט־פערצייכנים
פון
צווייטען טהייל

1. ווי אהרן הכהן איז געשטאָרבען 9
(תנחומא הקדום, ילקוט שמעוני, מסעי)

2. ווען משה האט געבעטען דעם טויט 13
(ילקוט שמעוני, סימן תתנ"ד)

3. משה רבינו'ס יום הדין 15
(תנחומא, ואתחנן)

4. רחב'ס זכות 19
(מדרש רות; אגדת שמואל; כל אגדות ישראל)

5. עכנ'ס זינד 20
(תנחומא, משפטים; פרקי דר' אליעזר, כל א"י)

6. די זיבען אייזערנע טויערען 22
(ספר יוחסין, מאמר ה')

7. שטיין און אייזען 26
(כל אגדות ישראל [זעה סנהדרין, צ"א]

8. יהושע און די זון 27
(מדרש אגדה, אחרי מות)

9. די וואסער פון ארץ ישראל 29
(תנחומא, מסעי, ילקוט שמעוני)

10. דאָס ליכט פון דבורה 29
(אליהו רבה, ט')

11. יפתח׳ס טאַכטער 30
(תנחומא, כל אגדות ישראל)

12. פינחס און יפתח 32
(בראשית רבה, ס׳)

13. נעציינט אַ נוטען ביישפּיעל 33
(אליהו רבה, ה׳)

14. די גערעטעניש אויף שמואלס 34
(מדרש שמואל, ג׳)

15. אַ טובה פאַר אַ רעה 35
(מדרש שמואל, ג׳)

16. אַ הוליאַנקע אין מיטען טרויער 36
(ילקוט שמואל, א׳)

17. דוד און אביגיל 37
(ילקוט שמואל, כל אגדות ישראל)

18. דער באַרימהערציגער פּאַסטוך 39
(שמות רבה, ב׳)

19. דוד המלך׳ס חכמה 40
(מדרש רבותנו)

20. יואב׳ס סטראַטעגיקע 43
(מדרש רבותנו)

21. מיכל און דוד 48
(שוחר טוב, נ״ט)

22. אַ קלוגע פרוי 49
(קהלת רבתי, ט׳)

23. אבשלום און זיין שטראָף 54
(כל אגדות ישראל לויט פערשידענע קוועלען)

24. דוד׳ס מטבעות 65
(בראשית רבה, ל״ט)

25. דוד און זיינע שונאים 56
(שוחר טוב, מ״א)

26. דוד׳ס גרויסער קרבן 57
(כל אגדות ישראל, [זעה סנהדרין, ק״ז])

27. דער בופלאקס און דער לייב 58
(שוחר טוב, כ״ב)

28. דוד׳ס דרך ארץ פאר זיין רבי 59
(אליהו רבה ג׳; מו״ק, ט״ז)

29. בלוט שווייגט נים 60
(אוצר מדרשים; ספר חסידים, סימן רל״ב)

30. נארישקייט גילט אויך 63

(שוחר טוב, ל״ד)

31. פאטער ליעבע און מוטער ליעבע 65
(מדרש רבותינו)

32. קליגער פון פרעה׳ן 70
(תנחומא, חוקת)

שלמה און פרעה׳ס טאכטער 70
(ויקרא, י״ב; במדבר, י׳)

וואס בעשערט דאס בעווערט 71
(מבוא התנחומא הקדום)

33. א מאן מיט צוויי קעפ 75
(אוצר מדרשים)

34. די דריי ברידער 78
(מדרש חכמת שלמה)

35. שלמה און די פרויען 83
(אוצר מדרשים)

36. די קעניגין פון די מוראשקעס 88
(מעשה הנמלה, כתובים אחרונים)

37. א קריגעַ צווישען דעם מענשענ׳ס גליעדער 91
(שוחר טוב, ל״ט)

38. די ניינעריגע קעניגין 94
(כל אגדות ישראל)

39. שלמה המלך געפינט אוים א גנב 107
(מדרש רבותינו)

40. דער מדבר־האָהן פאר שלמה׳ן 110
(תרגום שני)

41. אין לאנד קיטור 112
(תרגום שני)

42 דער קריסטאַלענער פּאַלאַסט 114
(תרגום שני)

43. די מלכת שבא פרעגט רעטעניסשען 116
(תרגום שני; כל אגדות ישראל)

44. די פערשלאָסענע קעסטעל 120
(כל אגדות ישראל)

45. די פאלשע פרוי 129
(אוצר מדרשים)

46. שלמה המלך אין גלות 131
(אוצר מדרשים)

47. א פרוי טענה׳ט איין מיט שלמה׳ן 136
(כל אגדות ישראל)

48. ווען שלמה המלך האָט געוויינט 140
(מדרש משלי, ט״ו)

49. דער זאָטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען 142
(לעגענדע)

50. פון די קליינע קינדער׳ס וועגען 148
(פרקי ר״א; מדרש יונה)

51. תחית המתים פון א צדיק 151
(כל אגדות ישראל)

52. דער חלום פון נביא הושע 152
(מדרש אגדה, אחרי מות)

53. חבקוק און דניאל 154
(יוסיפון, כל א"י)

54. דניאל און די פאלשע כהנים 157
(יוסיפון, כל א"י)

55. דער שלאנג פון בבל 161
(כתובים אחרונים, בר"ר, ס"ח)

56. פערניכטעט מיט א קוש 154
(שיר השירים רבה, ז')

57. איובס צדקות 165
(כל אגדות ישראל)

58. דער פראצענטניק 170
(ילקוט שמעוני, ירמיהו)

59. וואס ושתי האט געזעהן 170
(ילקו"ש, אסתר; תרגום שני)

60 אסתר און הגא 172
(ילקו"ש, אסתר; תרגום שני)

61. מרדכיס אנזאג צו אסתרין 175
(מדרש אבא גוריון, כל א"י)

62. אסתרס זיבען דיענסטמיידלעך 177
(ילקו"ש, אסתר; תרגום שני)

63. וואס א פריינד האט דערצעהלט המנ'ן 178
(כל אגדות ישראל לויט א משל אין אסתר רבה)

64. די חדשים פון יאהר בעטען פאר אידען 180
(אסתר רבה)

65. המן מאכט א תליה 184
(כל א"י לוים פערשידענע קוועלען)

66. המז'ס מפלה 185
(תרגום שני ; מדרש אבא גוריון)

67. די ליעבע פון א אידישע פרוי 190
(כל אגדות ישראל)

68. יהודית 210
(סדר הדורות ; כתובים אחרונים)

1

ווי אהרן הכהן איז געשטאָרבען

פערציג יאהר נאָכדעם ווי די אידען זיינען ארויס פון מצרים האָט דער אייבערשטער געזאָגט צו משה'ן: „געה און זאָג דיין ברודער אהרן, אז עס איז געקומען זיין צייט צו פערלאָזען די וועלט".

האָט משה רבנו גענומען בעטען:

„רבונו של עולם! ווי קען איך געהן און זאָגען מיין ברודער אזא זאַך, אז זיין צייט איז געקומען?"

האָט דער אייבערשטער געענטפערט:

„אזוי מוז עס געשעהן, אבער אהרן וועט ניט שטאַרבען אזוי ווי אלע מענשען, דען אין דעם טאָג וואָס ער האָט אבגעהאַלטען די מגפה אויף די אידען, האָב איך גוזר געווען אז איך וועל איהם ניט איבערגעבען אין די הענט פון דעם מלאך המות".

דער מנהג איז דאָן געווען אזוי: יעדען פריהמאָרגען פלעגען די נשיאים קומען צו אלעזר, דער זוהן פון אהרן, און צוזאַמען מיט אלעזר'ן פלעגען די נשיאים געהן צו אהרן, און אהרן, אלעזר און די נשיאים פלעגען דאַן אלע געהן אָב־געבען כבוד משה'ן. אין יענעם טאָג האָט משה געענדערט דעם מנהג. ער איז אויפגעשטאַנען פריהער און צוזאַמען מיט אלעזר און די נשיאים איז ער געקומען צו אהרן.

האָט אהרן געזאָגט: „משה, מיין ברודער, וואָרום האָסטו היינט געענדערט דעם מנהג?"

האָט משה געענטפערט: „אזוי האָט מיר דער אייבער־שטער געהייסען."

און אזוי זיינען זיי געגאנגען: אהרן אין מיטען, משה ביי זיין רעכטער האנד און אלעזר ביי זיין לינקער. ווען די אידען האבען געזעהן, אז אהרן געהט אין מיטען, האבען זיי געזאגט: „דער רוח הקודש איז אוועקגענומען געווארען פון משה׳ן און איז איבערגעגעבען געווארען צו אהרן״.

די אידען האבען אהרן ליעבער געהאט פון משה׳ן, ווייל משה איז געווען זעהר שטרענג מיט׳ן געזעץ און דער געזעץ איז ביי איהם געווען וויכטיגער פון אלעס אין דער וועלט. אהרן האט זיך אבגעגעבען מיט מאכען שלום צווישען איין מענש און דעם אנדערען, צווישען מאן און פרוי. אז אהרן פלעגט זיך דערוויסען, אז איינער איז ארויס ביי נאכט צו בעגעהן א זינד, פלעגט ער ארויסגעהן אין וועג, און אז ער פלעגט איהם אויפזוכען, פלעגט ער צו דעם מאן זאגען: „צו וואס געהסטו אזוי שפעט ביינאכט אין וועג? מענשען קענען דיך חושד זיין אין שלעכטע זאכען, חלילה, און דו קומסט דאך ארויס פון א מיוחסת׳דיגער משפחה, און אליין ביזטו אויך א פיינער מענש״. אט אויף אזא אופן פלעגט אהרן פערהיטען מענשען פון זינד. און פאר די זאכען האבען איהם אלע אידען שטארק ליעב געהאט.

אין יענעם טאג, ווען משה איז געקומען צו אהרן און האט איהם געפיהרט, בעגלייט פון אלעזר און די נשיאים, האט אהרן געפרעגט:

„משה, מיין ברודער! זאג מיר, וואס דארפסטו מיך?״

האט משה געענטפערט:

„ווארט ביז וואנען מיר וועלען ארויפגעהן צום בארג.״

ווען זיי זיינען ארויף אויפ׳ן בארג, האט משה געזאגט:

„מיין ברודער, אפשר האט דער אייבערשטער דיר פער־טרויט עפעס א פקדון און ער וויל עס יעצט צוריק האבען?״

האָט אהרן געענטפערט:

„דער אוהל מועד מיט אַלע זיינע כלים זיינען מיר פער־טרויט געוואָרען, אפשר האָב איך זיי ניט ריכטיג אָבגעהיט?“

„די מנורה מיט איהרע זיבען ליכט האָט דער אייבער־שטער ביי דיר בעהאַלטען“, האָט משה געזאָגט.

אהרן האָט ניט געוואוסט, אַז מיט דעם מיינט משה זיין נשמה. און זעהענדיג, אַז ער פיהלט דאָס ניט, האָט משה געזאָגט:

„אהרן, מיין ברודער! עס איז געקומען די צייט וואָס דו דאַרפסט אוועקגעהן פון דער וועלט!“

ווען אהרן האָט דאָס געהערט, האָט ער אַרויפגעלעגט זיינע הענט איבער׳ן קאָפּ און האָט געוויינט הויך, אויפ׳ן קול. נאָכדעם האָט איהם משה צוגעפיהרט צו אַ הייהל און איהם געצייגט: „אהרן, מיין ברודער! זעה דאָרט רוהען אברהם, יצחק ויעקב, און דו טראָגסט אויף זיך די הייליגע כהונה־קליידער, וועסטו זיי טמא מאַכען. טוה דו אָן אלעזר׳ס קליי־דער, און נאָכדעם וועל איך מיט דיר אריינגעהן אינוועניג“.

אהרן האָט אַזוי געטאָהן. ווען זיי זיינען דאָרט אריינ־געקומען אין הייל האָבען זיי דאָרט געפונען אַ ליכט ברענען און אַ פערבעטעטע בעט. האָט משה געזאָגט:

„אהרן, מיין ברודער! געה אריין אין דער בעט!“ איז אהרן אריין. „ציה אויס דיינע הענט“. האָט אהרן אויסגע־צויגען. „שליס צו דיינע אויגען“. האָט ער געשלאָסען. „מאַך צו דיין מויל“. האָט ער צוגעמאַכט. אין יענעם אוי־גענבליק האָט דער אייבערשטער צוגענומען זיין נשמה מיט אַ קוש. און משה האָט איהם אַ קוש געטאָהן אויף איין באַק און אלעזר אויף דער אַנדער באַק.

די אידען זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען אונטער׳ן באַרג און געוואַרט און געציטערט. דער שטן האָט זיי אָנ־גערייצט און געזאָגט, אַז משה מיט אלעזר האָבען אַרויפ־

גענומען אהרן, איהם צו טאָהן שלעכטס. און אהרן איז זיי געווען זעהר ליעב. האָבען די אידען געקוקט און געוואַרט ביז אהרן וועט צוריק קומען. און אַז זיי האָבען געזעהן אַז משה און אלעזר זיינען אַרונטער און אהרן האָט געפעהלט, האָבען אַלע אידען אָנגעכאַפּט משה'ן און אלעזר'ן און גע־שריען: „וואו איז ער?" האָט משה געענטפערט: „דער אייבערשטער האָט איהם בעהאַלטען אין גן־עדן!"

„מיר גלויבען דיר ניט!" האָבען די אידען אויסגעשריען. „אפשר האָט ער דיר געזאָגט אַ זאַך וואָס דיר איז ניט גע־פעלען און דו האָסט איהם בעשטראָפט מיט טויט".

האָבען די אידען געוואָלט פערשטיינען משה'ן מיט אלעזר'ן צוזאַמען. באַלד האָט דער אייבערשטער געגעבען אַ בעפעהל צו די מלאכים: „הויבט אויף דאָס בעט פון מיין ליעבען אהרן, הויך אין הימעל, כדי די אידען זאָלען זעהן און וויסען, און זיי זאָלען ניט שעדיגען משה'ן מיט אלעזר'ן!" די מלאכים האָבען אויפגעהויבען דאָס בעטעל און די אידען האָבען געזעהן ווי דער אייבערשטער געהט פאַראויס די מטה און איז איהם מספּיד, און די מלאכים זאָגען נאָך: „תורת אמת היתה בפיהו" — די וואָהרע לעהרען האָט ער געפּרע־דיגט. דאָן זיינען אַלע אידען, גרויס און קליין, אויפגעשטאַ־נען און האָבען געקלאָגט נאָך איהם און געוויינט זעהר ביטער.

משה האָט אויך געוויינט און געזאָגט:

„וועה איז מיר, וואָס איך בין פערבליבען איינער אליין. אַז מיין שוועסטער מרים איז געשטאָרבען איז אפילו קיין איינציגער איד אונז ניט געקומען טרייסטען. בלויז איך און אהרן און זיינע קינדער זיינען געשטאַנען ביי איהר מטה, האָבען זי בעוויינט און בעקלאָגט און געבראַכט איהר צו דער קבורה. ווען אהרן איז געשטאָרבען האָב איך און זיין זוהן זיך מתעסק געווען מיט איהם. אָבער איך, וואָס וועט זיין מיט מיר? ווער וועט שטעהן ביי מיין טויטען בעט?

ניט קיין מאמע, ניט קיין זוהן און ניט קיין ברודער און ניט קיין שוועסטער. ווער וועט וויינען נאָך מיר?״

האָט דער אייבערשטער איהם געענטפערט:

„זאָלסט זיך גאָר ניט זאָרגען. איך אליין וועל זיין ביי דיין לעצטע מינוט און וועל דיך בעערדיגען מיט גרויס כבוד. און אַזוי ווי דער מלאך המות האָט ניט געהאַט קיין שליטה איבער אהרן און ער איז געשטאָרבען מיט מיין קוש, אַזוי וועט דער מלאך המות איבער דיר אויך קיין שליטה האָבען און דו וועסט שטאַרבען מיט מיין קוש, און קיינער וועט ניט וויסען וואו דיין קבר איז, אַזוי ווי קיינער ווייסט ניט וואו עס געפינט זיך דער קבר פון אהרן דיין ברודער.״

2

ווען משה האָט געבעטען דעם טויט

משה האָט איינמאָל ביי זיך געפּאַסט אַזאַ בעשלוס:

„איך וועל אָנשרייבען דרייצעהן ספרי־תורה, איינעם פאַר יעדען שבט, און איינער וועט אַריינגעשטעלט ווערען אין גאָט׳ס ארון. און ווען מענשען וועלען קומען און צוגעבען צו די ווערטער פון דער תורה אָדער וועלען פון זיי אַרונטערנעהמען, וועלען די קינדער פון לוי אַרויסנעהמען די ספר־תורה פון גאָט׳ס ארון און ווייזען אַלעמען גאָט׳ס וואָרט פּונקט ווי ער האָט געגעבען אויפ׳ן באַרג סיני.

ווען משה האָט געשריבען די ספרי־תורה האָט ער ביי זיך געטראַכט:

„איך בעשעפטיג זיך איצט מיט אַ זאַך וואָס איז אַ קוואַל פון לעבען פאַר אַלע וואָס האַלטען עס טייער — איך וועל דערפאַר קיינמאָל ניט שטאַרבען!״

גאָט האָט זיך דאַן צו איהם בעוויזען און געזאָגט:

„מיין קנעכט משה, פערענדיג דיין ארבייט, ווייל דער טאָג פון דיין טויט איז נאָהענט!“

„לאָמיך נאָך לעבען, אַ גאָט!“ — האָט משה זיך געבעטען — „זאָל יהושע זיין דער פיהרער פון גאַנצען פאָלק און איך וועל זיין משרת!“

„נעהם און בעדיען יהושע׳ן אַזוי ווי ער האָט דיך בעדיענט!“ — האָט גאָט געזאָגט.

ווען משה האָט פערענדיגט אָנשרייבען די ספרי־תורה, איז ער אַוועק צו דער געצעהלט פון יהושע׳ן און זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיהר. יהושע איז געזעסען אינוועניג און פאַר איהם זיינען געזעסען די אידישע עלטסטע און זיך איינגעהערט צו זיין תורה. און גאָט האָט געמאַכט אַזוי, אַז יהושע האָט ניט געזעהן ווי משה שטעהט ביי דער טיהר פון געצעהלט איין איינגעבויגענער און הערט זיך צו צו זיינע רייד. אין דערזעלבער צייט זיינען אידען אָנגעקומען צו יהושע׳ס געצעהלט און זיי האָבען געזעהן ווי משה שטעהט ביי דער טיהר און יהושע ז י צ ט. די אידען האָבען אויסגעשריען צו יהושע׳ן:

„אַ, וואָס איז מיט דיר געוואָרען, וואָס דו קוקסט זיך ניט אום אויף אונזער פיהרער משה און לאָזט איהם שטעהן ביי דער טיהר?!“

ווען יהושע האָט דאָס געהערט איז ער פערציטערט געוואָרען און ווען ער האָט געקוקט צו דער טיהר און געזעהן משה׳ן שטעהן, האָט ער צוריסען זיינע קליידער און געשריען אין ביטערער פערצווייפלונג:

„וועה איז מיר, מיין רבי, מיין פיהרער, קום אריין און זעץ זיך אויבען־אָן פון דער פערזאַמלונג!“

און משה האָט געזאָגט:

„פון היינט אָן און ווייטער וועל איך ד י ך בעדיענען און אַלץ וואָס דו וועסט מיך בעפעהלען וועל איך טאָהן. און

אלס בעלוינונג דערפאר, וועט מיך גאָט לאָזען לעבען און מיך אריינברענגען אין דעם לאנד וואָס ער האָט געגעבען צו די אידען".

יהושע איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו משה׳ן און זיי זיינען ביידע אוועקגעגאַנגען צום אוהל מועד. ווען זיי זיינען אַנגעקומען אַהין, איז אַרונטערגעקומען אַ וואָלקענדיגער זייל און געמאַכט אַ צווישענשייד צווישען משה׳ן און יהושע׳ן, און גאָט האָט גערעדט צו יהושע׳ן. און ווען דער וואָלקען איז צוריק אַרויף, האָט משה געזאָגט צו יהושע׳ן:

„מיין רבי! וואָס האָט גאָט צו דיר גערעדט?"

„איך קען דיר ניט דערצעהלען וואָס גאָט האָט מיר געזאָגט, וויל ער האָט עס מיר פערבאָטען!" — האָט יהושע געענטפערט.

ווען משה האָט דאָס געהערט האָט ער אויסגעשריען מיט וועהטאָג:

„בעסער הונדערט מאָל שטאַרבען, איידער איינמאָל מקנא זיין!"

ווען גאָט האָט געזעהן אַז משה וויל שטאַרבען, האָט ער צו איהם געזאָגט:

„געה אַרויף אויפ׳ן שפּיץ בּאַרג און איך וועל עפענען דיינע אויגען און דיר ווייזען דאָס גאַנצע לאַנד וואָס איך האָב געגעבען צום פאָלק ישראל, און אויך וואָס עס וועט מיט זיי טרעפען אין ענד פון די צייטען וועסטו זעהן..."

—◇—

3

משה רבינו׳ס יום הדין

ווען עס איז געקומען משה רבינו׳ס יום הדין און דער אייבערשטער האָט איהם געזאָגט, אַז ער מוז פערלאָזען די וועלט, האָט משה זיך גענומען בעטען אַז ער זאָל כאָטש

לעבען ביז די אידען וועלען אריינקומען אין ארץ ישראל. ער האט אזוי גע'טענה'ט: „רבונו של עולם! הויב זיך אויף פון דיין כסא־דין און זעץ זיך אוועק אויף דיין כסא־רחמים. משפט מיך מיט רחמנות און לאז מיך ניט שטארבען. שטראף מיך. לאז מיך ליידען יסורים און איך זאל אבקומען פאר מיינע זינד, אבער גיב מיך ניט איבער אי' דער מאכט פון מלאך המות. אויב דו וועסט טאהן אזוי ווי איך בעט דיך, וועל איך דערצעהלען דיינע שבחים פאר דער גאנצער וועלט. אה, לאמיר ניט שטארבען, נאר לעבען זאל איך בלייבען, אום איך זאל קענען דערצעהלען די וואונדערבארע מעשים פון דעם אלמעכטיגען!"

האט דער אייבערשטער געענטפערט: „זה השער — עס איז דא אין הימעל א בעזונדער טויער פאר צדיקים אריינ־צוקומען. אבער פערלאזען די וועלט מוזען אלע, צדיקים אזוי ווי אלע מענשען. אזוי איז איינגעפיהרט געווארען די וועלט זייט זי איז א וועלט געווארען".

ווען משה האט געזעהן, אז זיין געבעט העלפט ניט, איז ער געגאנגען צו הימעל און ערד און האט געזאגט: „איהר הימעל און ערד! בעט רחמים אויף מיר!" האבען הימעל און ערד געענטפערט: „איידער מיר זאלען בעטען רחמים אויף דיר, האבען מיר געדארפט בעטען רחמים אויף אונז, ווייל די הימלען וועלען אמאל צוריסען ווערען אזוי ווי א וואלקען און די ערד וועט צופוילט ווערען אזוי ווי א קלייד".

איז משה געגאנגען צו זון און לבנה און האט זיי געבעט־טען: „איהר זון און לבנה, בעט אויף מיר רחמים!" האבען זון און לבנה געענטפערט: „איידער מיר זאלען בעטען רחמים אויף דיר, האבען מיר געדארפט בעטען רחמים אויף אונז, ווייל סוף כל סוף וועלען מיר אלע אויסגעהן ווי א ליכט!"

האט זיך משה געווענדעט צו די בערג: „איהר גרויסע בערג און קליינע בערג! בעט אויף מיר רחמים!" האבען

די בערג געענטפערט: „איידער מיר זאָלען בעטען רחמים אויף דיר האָבען מיר געדאַרפט בעטען רחמים אויף אונז, ווייל גרויסע בערג וועלען אַבגעווישט ווערען און קליינע בערג וועלען פערשווינדען.“

איז משה געגאַנגען צום ים הגדול: „דו ים, גרויסער ים! בעט אויף מיר רחמים!“ האָט דער ים געזאָגט: „דו זוהן פון עמרם! וואָס איז מיט דער היינט געשעהן? דו ביזט דאָך אַמאָל געקומען צו מיר מיט דיין שטעקען, האָסט מיך געשלאָגען און צוטיילט אין צוועלף חלקים, און איך האָב זיך ניט געקענט שטעלען געגען דיר, ווייל די שכינה איז געגאַנגען אויף דיין רעכטער האַנד, און יעצט וואָס איז גע־וואָרען מיט דיר?“

ווען דער ים האָט משה'ן דערמאָנט די וואונדערליכע זאַכען וואָס ער האָט געטאָהן אין זיינע אינגערע יאָהרען, האָט משה אויסגערופען: „אַה, ווער וואָלט מיך געקענט ברענגען צוריק צו מיינע אַמאָליגע יאָהרען! אַמאָל, ווען איך בין געשטאַנען נעבען דיר בין איך געווען א מלך, און יעצט ציה איך זיך אוים בעטענדיג און קיינער קוקט זיך ניט אום אויף מיר!“

גלייך נאָכדעם איז משה געגאַנגען צום מלאך מטטרון, דער שר הפנים, און האָט צו איהם געזאָגט: „בעט רחמים אויף מיר אז איך זאָל ניט שטאַרבען!“ האָט מטטרון גע־ענטפערט: „משה, מיין רבי! צו וואָס זאָלסטו זיך אַזוי מטריח זיין? עס איז אומזיסט — איך האָב אַזוי געהערט מאחורי הפרגוד, דאָס דיין געבעט וועט ניט אָנגענומען ווע־רען“.

משה האָט אַרויפגעלעגט זיינע הענט אויף זיין קאָפּ און גענומען שרייען און וויינען: „צו וועמען זאָל איך געהן בעטען רחמים אויף מיר? איך פרעג דיך, רבונו של עולם, איז דאָס רעכט, אַז די פיס וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען אי־

הימעל און דער פנים וואס האט זיך געזעהן מיט דער שכינה זאלען ליגען אין דער ערד אזוי ווי אלע מענשען? מען וועט דאך זאגען: „מה דאך משה וואס איז ארויף אויפ'ן הימעל און איז געווען איינער פון די מלאכים און האט גע־רעדט מיט'ן אייבערשטען פנים אל פנים און זיין תשובה האט מען ניט אנגענומען, היינט ווי איז שוין א פשוט'ער מענש וואס פערלאזט די וועלט אהן תורה און אהן מצוות, וועט מען דאך זיין תשובה געוויס ניט אננעהמען".

„זאג מיר," האט דער אייבערשטער געפרעגט, „צו וואס ביזטו זיך אזוי מצער? צו וואס נעהמסטו זיך אזוי צום הארצען?" האט משה געענטפערט: „רבונו של עולם! איך האב מורא פאר די מאכט פון מלאך המות!" האט דער אייבערשטער געענטפערט: „איך וועל דיך אין זיינע הענט ניט איבערגעבען".

„אבער, רבונו של עולם!" האט משה צולעצט ווידער געבעטען. „איז דאס רעכט, אז יוכבד מיין מוטער וועלכע האט געהאט א סך צער דורך מיר ביי איהר לעבען ווען מען האט מיך אין וואסער אריינגעווארפען, זאל זי נאך האבען צער דורך מיר נאך איהר טוט?"

און דער אייבערשטער האט געענטפערט:

„אזוי איז געווען מיין ערשטער געדאנק ווען איך האב די וועלט בעשאפען, און אזוי איז די פיהרונג פון דער וועלט. יעדער דור האט זיינע דרשנים, יעדער דור האט זיינע פרנסים, יעדער דור האט זיינע פיהרער. ביז יעצט האסטו געדיענט דעם אידישען פאלק און יעצט איז געקומען די צייט, אז דיין תלמיד יהושע זאל דיענען!"

4

רחב׳ס זכות

ווען יהושע האט געשיקט כלב׳ן און פינחס׳ן אויסצופאר־שען דאס לאנד אין יריחו, האט ער צו זיי געזאגט:

„ווען איהר וועט אריינקומען אין דער שטאדט יריחו, זאלט איהר זיך אוועקשטעלען און שרייען: טעפּ צו פער־קויפען! קויפט טעפּ! ווען איהר וועט אזוי טאהן וועלען די איינוואוינער פון שטאדט זיך אויף אייך ניט אומקוקען און עס וועט אייך קיין שלעכטס ניט געשעהן“.

כלב און פינחס האבען געטאהן ווי יהושע האט זיי געהייסען. זיי זיינען אריין אין הויז פון א פרוי וואס האט געהייסען רחב. ווען עס איז געווארען נאכט האט דער קעניג פון יריחו געשיקט צו רחב׳ן א בעפעהל: „גיב ארויס די מענער וואס שפּיאנירען דאס גאנצע לאנד!“

רחב האט גענומען כלב׳ן און פינחס׳ן, זיי ארויפגע־בראכט אויפ׳ן דאך און געוואלט דארט ביידען בעהאלטען. האט פינחס צו איהר געזאגט:

„בעהאלט כלב׳ן אליין, מיך דארפסטו ניט בעהאלטען, ווייל גאט האט מיך געהייליגט און מיך געמאכט גלייך צו א מלאך, וואס זעהט און ווערט ניט געזעהן!“

נאכדעם ווי רחב האט בעהאלטען כלב׳ן האט זי געזאגט:

„איך ווייס אז גאט האט אייך איבערגעגעבען דאס דאזיגע לאנד און קיינער פון אונז וועט אייך ניט קענען בייקומען. אייער גאט איז אין הימעל און ער הערשט איבער דער גאנצער ערד. דעריבער שווערט מיר אין גאט, אז דער־פאר וואס איך האב מיט אייך געטאהן א חסד, וועט איהר מיר אויך טאהן א חסד, און לאזען לעבען מיין פאטער און מוטער און אלע זייערע נאהענטע!“

און גאָט האָט געזאָגט:

„דערפֿאַר וואָס רחב האָט געזאָגט: גאָט איז אין הימעל, כאָטש זי האָט מיך ניט געזעהן, און דערפֿאַר וואָס זי האָט טייער געהאַלטען איהר פֿאָטער און מוטער און געבעטען פֿאַר זייער לעבען — וועל איך זי לאָזען לאַנג לעבען און עס וועלען פֿון איהר אַרויסקומען ירמיהו און חלקיה און שריה און מעשיה און ברוך בן נריה, חנמאל און שלום און יחזקאל, פֿאַר וועמען די הימלען וועלען געעפֿענט ווערען און ער וועט זעהן דאָס געטליכע...“

5

עכנ׳ס זינד

עכן בן כרמי, פֿון שבט יהודה, האָט אין פֿערלויף פֿון דער מלחמה אין יריחו געזעהן אין דעם שונא׳ס לאַגער אַן אָפּגאָט מיט אַ גאָלדענעם צונג, און ער האָט עס געגלוסט און עס צוגענומען צוזאַמען מיט דעם שעהנעם דיוואַן וואָס איז אונטער דעם אָפּגאָט געווען אויסגעשפּרייט און די זילבערנע מתנות וואָס די איינוואוינער פֿון יריחו האָבען דאָרט אַהינגעבראַכט. ער האָט דאָס אַלץ צוגענומען און עס בעהאַלטען אין זיין געצעלט.

דערמיט האָט ער אַרויסגערופֿען גאָט׳ס צאָרען, און אידען זיינען געפֿאַלען אין דער מלחמה מיט די מענשען פֿון עי און יאיר־בן־מנשה, אַ קלוגער און גאָטספֿאַרכטיגער, איז דער׳הרג׳עט געוואָרען.

ווען יהושע האָט דאָס געהערט האָט ער צוריסען זיינע קליידער און געלעגען אויף דער ערד פֿאַר גאָט׳ס ארון ביז אָוונד. גאָט האָט דאַן געזאָגט צו יהושע׳ן:

„שטעה אויף! פֿאַר וואָס האַלסטו דיין פּנים צו דער ערד? ישראל האָט געזינדיגט, און זיי וועלען ניט קענען

ביישטעהן דעם שונא אויב זיי וועלען ניט אויסראָטען דאָס שלעכטע צווישען זיך״.

יהושע איז אוועק צום כהן־גדול און האָט געקוקט אויף די צוועלף טייערע שטיינער פון דעם חושן־משפט וואָס דער כהן־גדול האָט געטראָגען, און ער האָט געזעהן אַז איין טייערער שטיין וואָס האָט בעלאַנגט צום שבט יהודה איז פערדונקעלט געוואָרען און זיין ליכט געהט אוים אַלץ מעהר און מעהר. יהושע האָט דאַן געוואוסט אַז דער שבט יהודה האָט געזינדיגט. יהושע האָט דאַן גורל געוואָרפען צווישען אַלע אידישע שבטים, און עכן איז געכאַפּט געוואָרען. אָבער עכן האָט גע׳טענה׳ט:

„עס זיינען ערשט פאַריבער ניט מעהר ווי פערציג טעג זייט דער געטליכער מענש משה איז געשטאָרבען, און שוין האָסטו פערגעסען וואָס ער האָט געזאָגט אַז נאָר אויף דעם עדות־זאָגען פון צוויי אָדער דריי מענשען קען אַ בעשול־דיגטער הינגעריכטעט ווערען?! זאָלען קומען מענשען און עדות זאָגען אַז איך האָב גענומען פון די זאַכען פון יריחו וואָס זיינען אַריינגעלעגט געוואָרען אין חרם!“

ווען די קינדער פון יהודה האָבען געהערט עכן׳ס רייד האָבען זיי זיך גענומען שטאַרק קריגען מיט יהושע׳ן; ווען די איבעריגע שבטים האָבען דאָס געזעהן, האָט דאַן אויס־געבראָכען אַ מחלוקה צווישען זיי און דעם שבט יהודה. די קריגערייען האָבען געריהרט עכן׳ס הארץ און ער האָט ביי זיך בעשלאָסען:

„איך וועל מודה זיין אַז איך האָב גענומען פון די חרם־זאַכען און זאָל ווערען שלום צווישען אידען, און זאָל ניט מיין זינד נאָך גרעסער ווערען!“

עכן האָט זיך מודה געווען, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזעהן אַז דער אורים ותומים ווייזט אמת און גערעכטיגקייט. זיי האָבען דאַן פערשטיינט עכן׳ען און ער איז געשטאָרבען. און נאָך האָט געזאָגט:

„דערפאר וואס עכן האט מיר געגעבען כבוד און ער האט זיך מודה געווען און בעזייטיגט די מחלוקות צווישען ברידער, וועט ער בעצאהלען פאר זיין שטראף בלויז דעם היינטיגען טאג. אבער זיין חלק אויף יענער וועלט וועל איך פון איהם ניט צונעהמען!“

6
די זיבען אייזערנע טויערען

ווען יהושע איז געווען פארטיג מיט עראבערען דאס גאנצע לאנד, האט שובך, דער קעניג פון ארמעניע, צו איהם געשיקט א בריעף:

„איך וויים וואס דו האסט געטאהן צו די קעניגע פון לאנד כנען; דו האסט אויסגע׳הרג׳עט זייערע מענשען און פערוויסטעט זייערע שטעדט. און דערפאר האב איך צוזאמענגערופען די פינף־און־פערציג קעניגע פון פרס ומדי און האב צו זיי געזאגט: זאמעלט צונויף אייער חיל וואס איז שטארק און פיעל ווי דאס זאמד ביים ברעג ים, און לאמיר אויך נעהמען אונזער העלד יפת און לאמיר ארוים אין א מלחמה אויף יהושע׳ן, און פערטיליגען איהם און זיינע מענשען ביז עס וועט פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבען! און איצט קענסטו דיר צוגרייטען אום דו זאלסט דערנאך ניט קענען זאגען אז די קעניגע פון פרס ומדי זיינען אייך בעפאלען פלוצלונג!“

ווען יהושע האט געקראגען דעם בריעף, האט ער זיך זעהר מצער געווען, ער האט זיך אבער איינגעהאלטען און גאר נישט דערצעהלט די אידען וועגען דעם בריעף ביז דער יום טוב שבועות איז געווען פאריבער. ער האט זיך געטראכט: זאל דאס פאלק ניט וויסען וועגען דער צרה און זאל איהם דער יום טוב ניט פערשטערט ווערען.

נאָך שבועות האָט יהושע צוזאַמענגערופען די אידען, פאַר זיי פאָרגעלייענט דעם בריעף פון אַרמענישען קעניג שובך, און געזאָגט:

„פיעלע מלחמות האָבען מיר אויסגעקעמפפט. פיעלע קעניגע האָבען מיר געשלאָגען און איינגענומען גרויסע און שטאַרקע שטעדט, ווייל גאָט האָט אַנגעוואָרפען אַן אימה און אַ פּחד אויף אַלע וואָס זיינען אויפגעשטאַנען געגען אונז, און זיי איבערגעבען אין אונזערע הענט. און איצט, זייט שטאַרק און פעסט ביי זיך און האָט קיין מורא ניט טויזענדער גבורים, וועלכע קומען אויף אונז! לאָמיר האָבען בטחון אין גאָט און ער וועט אונז העלפען!“

און די אידען האָבען געהייסען יהושע'ן ענטפערען דעם קעניג פון אַרמעניע אַזוי:

„קום מיט אַלע דיינע חילות — מיר זיינען גרייט!“

און יהושע האָט געשיקט צו שובך'ן דעמדאָזיגען ענטפער:

„אין נאָמען פון דעם אידישען גאָט, דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב — אַ בריעף פון יהושע בן־נון, גאָט'ס קנעכט, צו שובך'ן דעם קעניג פון אַרמעניע, וועלכער בוקט זיך צו האַלץ און שטיין:

„איך האָב געלייענט דיינע ווערטער, מיט וועלכע דו זוכסט אויף מיר אַנצוּוואַרפען אַ מורא און מיך אָפּצושרעקען. איך האָב געלייענט ווי דו זאָגסט, אַז דו קומסט מיט פיעלע שטאַרקע קעניגע מיך צו פערטיליגען, און אַז גרויס און שטאַרק און אָהן אַ צאָהל זיינען דיינע חילות און פערד און רייטוועגען. זיי זשע וויסען, קעניג פון אַרמעניע, אַז דיינע סטראַשונקעס שרעקען מיך ניט אָפּ! דו קומסט געגען מיר מיט רייטוועגען און מיט פערד און איך קום געגען דיר אין נאָמען פון דעם גאָט וואָס האָט בעשאַפען הימעל און ערד, וואָס האָט אונז געוויזען זיינע נסים און זיין נקמה אַן פּרעה'ן, און וואָס האָט אונז געוויזען זיינע וואונדער אין דעם לאַנד פון די מצריים. זיי אין דיין לאַנד און קום ניט

צו מיר פעראומרייניגען דאס הייליגע לאנד מיט דיינע אפגעטער און אונווירדיגקייטען. איך וועל דיר אנטקעגען קומען אין זיבען טעג ארום און מיר וועלען מאכען מלחמה".

ווען דער קעניג פון ארמעניע האט געלייענט יהושע'ס ווערטער, איז ער געווארען א פערציטערטער. ער איז ארונטער געפאלען פון זיין שטוהל אויף דער ערד, האט צוריסען זיינע קליידער און אויסגעשריען אין גרויס פערצווייפלונג: „אה, מיר זיינען פערלארען, פערלארען!" נאכדעם האט ער גערופען דעם מאן דורך וועלכען ער האט געשיקט זיין בריעף צו יהושע'ן, און איהם געפרעגט:

„זאג מיר: ווי זעהן אויס די מענשען, צו וועמען דו האסט געבראכט מיין בריעף?"

"זיי זיינען אלע העלדען און קריעגס־ערפארענע — האט דער מאן געענטפערט — און דער אויסזעהן פון זייער קעניג איז ווי דער אויסזעהן פון א מלאך פון גאט, הויך און פורכטיג, זיין קלייד איז בלוי און פורפעל און ער טראגט א קעניגליכע קרוין אויף זיין קאפ. צו איהם קומען זיינע מענשען לערנען גאט'ס ווערטער, און ער רעדט צו זיי רוהיג און געלאסען, און אלץ וואס ער זאגט זיי, פאלגען זיי".

שובך'ן האט זעהר באנג געטאהן וואס ער האט זיך אנגעפאנגען מיט די אידען, און ער האט געלאזט וויסען זיינע מענשען אז זיי בלייבען אין לאנד, און זיי וועלען אויף א מלחמה נעגען יהושע'ן נים ארויסגעהן.

יהושע האט צוזאמענגענומען צוועלף טויזענט אידישע העלדען און מיט זיי געמארשירט קיין ארמעניע. ווען שובך האט דערזעהן יהושע'ן מיט זיינע חילות, האט זיין הארץ אין איהם גענומען שטארק קלאפען און ער האט געוויינט און געשריען מיט ביטערע קולות. ווען זיין מוטער האט געהערט וויינען איז זי צו איהם אריינגעקומען און געזאגט:

„האב קיין מורא ניט מיין זוהן! מיט מיינע פיעלע שפרוכען און מיט מיין כשוף וועל איך איינשליסען יהושע'ן

מיט זיינע חילות אין זיבען אייזערנע מויערען, און זיי וועלען פון דאָרט זייער גאַנצען לעבען ניט קענען אַרויס".

שובך'ס מוטער האָט מיט איהר כישוף געטאָהן אַזוי ווי זי האָט געזאָגט, און זי האָט פערשלאָסען יהושע'ן מיט זיינע מענשען אין זיבען אייזערנע מויערען.

ווען יהושע האָט געזעהן די צרה, האָט ער געשריבען אַ בריעף צו יניח'ן, דעם קעניג פון שבט ראובן און גד און האַלב מנשה, פון עבר הירדן, און איהם בעפּעהלען:

„ווען דער דאָזיגער בריעף וועט דיר אָנקומען, זאָלסטו צוזאַמענגעהמען דיינע חילות און פּינחס הכהן און די טראָמפּייטען און איהר זאָלט אַלע קומען אונז העלפען, ווייל מיר געפינען זיך אין אַ גרויסער צרה".

יהושע האָט גענומען דעם בריעף און איהם צוגעבונדען צו די פליגלען פון אַ טויב און זי אַוועקגעשיקט צו יניח'ן. די טויב איז אַוועקגעפלויגען נאָך עבר־הירדן און זי איז אָנגעקומען צו יניח'ן אַוועקגעפלויגען. ווען ינוח האָט אָפּגעבונדען דעם בריעף און איהם איבערגעלייענט, איז ער אַרויף אויף זיין פערד און געריטען איבער דער שטאָדט און געשריען: „מלחמה אין גאָט'ס נאָמען!"

באַלד האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אַרום איהם אַלע זיהן פון ראובן און גד און האַלב מנשה. יניח האָט אויך געלאָזט רופען פּינחס'ן, און אַלע זיינען אויפגעשטאַנען ווי איין מאַן און שנעל געקומען יהושע'ן צו הילף. ווען שובך'ס מוטער האָט דערזעהן יניח'ן און זיינע מענשען צוקומענדיג צו די מויערען, האָט זי אַ קלאַפּ געטאָהן מיט די הענט אין פערצווייפלונג און געזאָגט צו איהר זוהן:

„איך זעה אַ שטערן שיינט אויף פון מזרח, און עס איז קיין חכמה און קיין עצה ניטאָ געגען דעם גאָט פון די אידען, זייער הילף און בעשיצער!"

ווען שובך האָט געהערט זיין מוטער'ס ווערטער, האָט ער זיך אויף איהר אַנגעבייזערט און געשריען:

„דו האָסט מיך בעטראָגען, ווען איך וואָלט זיך ניט געווען פערלאָזען אויף דיין הילף, וואָלט איך געווען אָוועקגעשיקט אַ שלום־בריעף צו יהושע'ן און זיינע מענשען!"

שובך האָט געגעבען אַ בעפעהל, און מ'האָט זיין מוטער ארויף גענומען אויף דער מויער, זי אַרונטערגעוואָרפען און זי איז דער'הרג'עט געוואָרען. און יניח האָט אָנגעפאַנגען די מלחמה געגען שובך'ן און האָט איהם איבערמעכטיגט. און פינחס האָט גענומען די טראָמפייטען און מיט זיי גע־בלאָזען שטאַרק און מעכטיג, און די מויערען האָבען זיך געעפענט. יהושע מיט זיינע צוועלף טויזענד העלדען זיינען ארויסגעקומען בשלום און זיי האָבען זיך אַלע אומגעקערט אהיים.

7

שטיין און אייזען

ווען יהושע האָט געבויט אַ מזבח צו גאָט, זיינען די אידען צו איהם געקומען און האָבען געפרעגט:

„ערקלער אונז, אונזער האר יהושע, פאַר וואָס האָט גאָט פערבאָטען ניט אויפצוהויבען קיין אייזען אויף די שטיינער, פון וועלכע עס ווערט געבויט אַ מזבח?"

יהושע האָט זיי ערקלערט:

„ווען די מענשען זינדיגען צו גאָט און זיי ברענגען אַ קרבן אויפ'ן מזבח און זיך מתודה אויף זייערע זינד — פערצייהט זיי גאָט און גיט זיי לאַנגע יאָהרען פון שלום. וואָרים דער מזבח איז נאָר בעשאַפען געוואָרען צו דער־לענגערען די טעג פון דעם מענשען און שלום מאַכען צווישען

איהם און גאָט; אָבער ניט אַזוי איז דער אייזען, וואָס פון איהם מאַכט מען שווערדען און העק און אַלערליי מאָרד־כלים געצייג אום צו פערקירצען דעם לעבען און אויפהעצען די שנאה צווישען פאָלק און פאָלק און צווישען מענש און מענש! דעריבער האָט גאָט נעבאָטען: זאָל דער אייזען וואָס פערקירצט דעם מענשען׳ס לעבען, ניט בעריהרען די שטיינער וואָס פערלענגערען זיין לעבען!“

ווען די אידען האָבען געהערט יהושע׳ס ערקלערונג, איז זיי דאָס געפעלען און זיי האָבען געזאָגט:

„אויב די שטיינער, וואָס זעהען ניט, הערען ניט און ריידען ניט, זיינען ביי גאָט אַזוי טייער דערפאַר וואָס זיי מאַכען שלום צווישען איהם און די מענשען־קינדער, און ער האָט פערבאָטען זיי אָנצוריהרען — ווי טייער מוז שוין ביי איהם זיין דער מענש וואָס מאַכט שלום צווישען איינעם און צווייטען, צווישען מאַן און פרוי און צווישען פאָלק און פאָלק!“

8

יהושע און די זון

ווען יהושע האָט מלחמה געהאַלטען אין גבעון און ער האָט געוואָלט אַבשטעלען די זון אַז זי זאָל ניט אונטערגעהן, אום צו מאַכען דעם טאָג לענגער און ענדיגען די שלאַכט, האָט די זון איהם ניט געהערט, ווייל די זון איז אימער פאַר־נומען זינגענדיג און לויבענדיג צו דעם בעשעפער פון דער וועלט.

האָט יהושע אויסגעשריען: „שמש בגבעון דום“ די זון אין גבעון זאָל שווייגען.

האָט די זון געפרעגט: „וואָרום זאָל איך שווייגען? עס נעהט ניט אַריבער אַ סעקונדע וואָס איך לויב ניט און בע־

ריהם און דערהויב מיין בעשעפער, און דו הייסט מיר שווייגען! און קען דען אַ קלענערער בעפעהלען אַ גרעסערען? איך בין גרעסער פון דיר און דו ביזט קליין, און דו בע־פעהלסט מיר! און נאָך מעהר: איך בין בעשאַפען געוואָרען מיטוואָך און דו ביזט בעשאַפען געווארען ערשט פרייטאג. איך בין אין הימעל און דו ביזט אויף דער ערד. דערפאַר דאַרפסטו ריידען וואָס וועניגער.“

און יהושע האָט אויף דעם געענטפערט:

„דו רעדסט אַליין צופיעל. קען דען ניט דער קליינער זוהן פון אַ האַר זאָגען אַן אַלטען קנעכט וואָס ער דאַרף טאָהן? האָט דען דער אייבערשטער ניט אָוועקגעגעבען אברהם׳ן הימעל און ערד? שטעהט דען ניט אין דער תורה אויף אברהם „קונה שמים וארץ?“ און האָסטו זיך ניט גע־בוקט צו יוסף׳ן? שווייג דו, און לויבען דעם בעשעפער וועל איך!“

9

די וואַסער פון ארץ ישראל

ווען סיסרא איז געקומען מלחמה האַלטען מיט די אידען האָט ער געהאַט פערציג טויזענד געגעראַלען און יעדער גע־נעראַל האָט געהאַט הונדערט טויזענד סאָלדאַטען. סיסרא איז דאַן אַלט געווען דרייסיג יאָהר און האָט שוין געהאַט איינגענומען די גאַנצע וועלט מיט זיין גבורה. ער איז געווען אַזוי שטאַרק דאָס מיט זיין געשריי האָט ער געקענט איינ־וואַרפען אַ פעסטונג, און אַ חיה אין וואַלד וואָס פלעגט דערהערען דעם געשריי פלעגט זיך ניט קענען ריהרען פון אָרט פאַר שרעק. מען דערצעהלט, אַז ווען סיסרא פלעגט אריין זיך באָדען אין טייך קישון, פלעגט ער מיט זיין באָרד

כאפּען א סך פיש וואס פלעגט זיין גענוג פאר א סך מענ־
שען צו עסען.

איין און דרייסיג מלכים זיינען געגאנגען מיט סיסרא
ווען ער איז ארויס מלחמה האַלטען מיט די אידען, און זיי
זיינען אַלע גע׳הרג׳עט געוואָרען. און צו וואס זיינען זיי
געגאנגען? ווייל זיי האָט זיך שטארק געגלוסט צו טרינקען
די וואסער פון ארץ ישראל. און יעדער פון די איין און
דרייסיג מלכים האָט געדונגען נאָך אנדערע מלכים אז זיי
זאלען געהן מיט איהם העלפען סיסרא׳ן, און די מלכים האָבען
געזאָגט צו סיסרא׳ן: „מיר פערלאנגען פון דיר גאָרנישט,
ניט מעהר אז דו זאָלסט אונז לאָזען געהן מיט דיר אין דעם
אידישען לאנד און מיר זאלען זיך קענען אנטרינקען מיט די
דאָרטיגע וואסערען״.

10

דאָס ליכט פון דבורה

אין יענע צייטען האָט געלעבט א זעהר רייכע פרוי,
וואס האָט געהייסען דבורה. און זי האָט געהאָט טייטעל־
ביימער אין יריחו און וויינגערטנער אין רמה און אייל־בירטען
אין דעם טהאָל פון בית־אל. די פרוי האָט זיך ניט איבערגע־
נומען מיט איהר רייכקייט און כבוד, נאָר זי האָט געדיענט
גאָט און געטאָהן לויטער גוטעס. ווען זי האָט געזעהן אז
ברק איהר מאַן ווייסט גאָר ניט פון גאָט׳ס תורה, האָט זי צו
איהם געזאָגט:

„פאָלג מיך, געה אוועק נאָך שילה, און ברענג די ליכט,
וואס איך מאַך אין גאָט׳ס טעמפעל, כדי דו זאָלסט פער־
רעכענט ווערען צווישען די פרומע, און עס וועט דיר גוט
זיין״.

ברק האָט זי געפאָלגט און האָט אוועקגעטראָגן די ליכט, וואָס זיין פרוי האָט געמאַכט נאָך שילה, זיי אריינגעשטעלט אין די מנורות, און זיי האָבן בעלויכטן גאָט'ס הויז.

און ווען דבורה האָט גענומען מאַכן דיקערע קנויטן אום צו מאַכן דאָס ליכט גרעסער, איז דאָס גאָט זעהר געפעהלען און ער האָט געזאָגט:

„דערפאַר וואָס דו האָסט ניט געשפּאָרט קיין ארבייט און פערגרעסערט מיין ליכט — וועל איך אויך דיין ליכט פערגרעסערן אין יהודה און ירושלים און דיין נאָמען און אנדענקען וועלען פערבלייבען אויף אייביג”.

און וואָס מעהר דבורה האָט זיך פערנומען מיט היילינגער ארבייט, אַלץ קלוגער איז זי געוואָרען, און עס האָט אויף איהר גערוהט דער גייסט פון גאָט — דער גייסט פון וויסען און פערשטאַנד.

דבורה האָט גענומען זאָגען נביאות, און זי איז פערעהרט און פערהייליגט געוואָרען צווישען די אידען, און זיי פלעגען קומען צו איהר זיך משפט'ן. ווען דבורה האָט געזעהן אז דאָס פאָלק קומט צו איהר צופיעל, איז זי אַרויס פון איהר הויז און האָט זיך געזעצט אונטער אַ טייטעלבוים טראַכטענדיג זיך: זאָלען אַלע אידען וויסען און זעהן אַז ניט פון מיין כבוד וועגען און ניט פאַר דעם כבוד פון מיין משפחה קומען די מענשען צו מיר, נאָר זיך משפט'ן און הערען גאָט'ס וואָרט!

11

יפתח'ס טאָכטער

יפתח פון גלעד איז אוועק מלחמה האַלטען מיט דעם פאָלק עמון וועלכער האָט שטאַרק געדריקט די אידען. יפתח האָט דאַן אַ נדר געטאָהן צו גאָט און געזאָגט: „אויב איך וועל די עמונים בעזיעגען — וועל איך ברענגען פאַר אַ קרבן

צו גאָט דעם ערשטען וואָס וועט אַרויס פון מיין הויז מיר אַנטקעגען צו געהן ווען איך וועל זיך אומקערען פון עמון״.

און גאָט האָט געגעבען די עמונים אין יפתח׳ס האַנט און זיי זיינען אונטערטעניג געוואָרען צו די אידען.

ווען יפתח איז אַהיים געקומען — איז זיין טאָכטער איהם אַנטקעגען געקומען מיט פויקען און טענץ. יפתח האָט צו־ריסען זיינע קליידער און געזאָגט:

„וועה איז מיר! מיין איינציגע טאָכטער, האָסט מיך אומגליקליך געמאַכט! איך האָב אַ נדר געטאָהן צו ברענגען פאַר אַ קרבן דעם וואָס וועט מיר אַנטקעגען קומען, און איך קען מיין נדר ניט ברעכען!״

זיין טאָכטער האָט צו איהם געזאָגט:

„פאָטער! גאָט האָט דאָך ניט געהייסען מקריב זיין צו איהם אַ מענשליך לעבען״.

„איך האָב אָבער אַ נדר געטאָהן — האָט יפתח געענט־פערט — אַז דער, וואָס וועט אַרויס פון מיין הויז מיר אַנטקעגען צו געהן ווען איך וועל זיך אומקערען בשלום, וועט געהערען צו גאָט!״

און די טאָכטער האָט ווייטער געזאָגט:

„איך בין גרייט צו שטאַרבען, נאָכדעם ווי גאָט האָט זיך אַזוי נוקם געווען אַן דיינע שונאים, די עמונים — אָבער געדענק טייערער פאָטער, אַז אויך יעקב אבינו האָט אַמאָל אַ נדר געטאָהן: „פון אַלץ וואָס דו וועסט מיר געבען וועל איך דיר אָראָפּגעבען מעשר!״ און דאָך האָט ער צו גאָט ניט מקריב געווען קיינעם פון זיינע זיהן!״

ווען יפתח׳ס טאָכטער האָט געזעהן אַז איהרע רייד האָבען קיין ווירקונג ניט אויפ׳ן פאָטער האָט זי געזאָגט:

„נו, גוט איך בין גרייט! בעפריי זשע מיך אויף צוויי מאָנאַטען, און איך וועל אַוועק אויף די בערג מיט מיינע חבר׳טעס, און איך וועל בעוויינען מיין יוגענד״.

און יפתח האָט איהר געזאָגט: „געה!״

12

פינחס און יפתח

ווען די אידען האבען זיך פון דעם דערוואוסט, זיינען זיי געקומען צו פינחס הכהן און געפאדערט:

„געה צו יפתח'ן און זיי איהם מתיר דעם נדר!"

פינחס האט זיי געענטפערט:

„איז דאס ביי אייך אזא גרינגע זאך, אז דער כהן־גדול, דער זוהן פון א כהן־גדול, זאל געהן צו יפתח'ן? זאל ער קומען צו מיר!"

די אידען זיינען אוועק צו יפתח'ן און געזאגט:

"געה צו פינחס'ן דעם כהן־גדול און זאל ער דיר מתיר זיין דעם נדר וואס דו האסט געמאכט, מקריב צו זיין דיין טאכטער צו גאט — און זאל זי לעבען!"

און יפתח האט געענטפערט:

„איך בין דער הויפט פון אלע אידען און זייער פיהרער. וועט איהר מיך הייסען זיך מאכען אזוי נידעריג אז איך זאל געהן צו פינחס'ן?"...

די רייד פון פנחס און יפתח האט גאט זעהר דערצארענט און ער האט געזאגט:

„איך וועל דערנידעריגען די צוויי בעל־גאוה'ניקעס! זאל אפגעטהון ווערען מיין רוח הקודש פון פינחס'ן און זאל ער ווערען ווי איינער פון פאלק. און יפתח זאל שטארבען פון א שווערער קרענק, און די אברים זאלען איינער נאכ'ן צווייטען פאלען פון זיין קערפער, און זיי זאלען בעגראבען ווערען אין די שטעדט פון גלעד!"

13
געצייגט אַ גוטען ביישפּיעל

אלקנה, דער פאָטער פון שמואל הנביא, פלעגט געהן נאָך שילה פיער מאָל אין יאָהר. דריי מאָל פלעגט ער עולה רגל זיין, ווייל די תורה האָט אַזוי געהייסען און אַ פערטען מאָל האָט ער אויף זיך גענומען אַלס נדבה. און זיינע צוויי פרויען, זיינע קינדער און זיין גאַנצע הויז־געזינד, צוזאַמען מיט זיינע ברידער, שוועסטער און אַלע זיינע קרובים פלעגען אויך געהן מיט איהם. און ער פלעגט צו זיי זאָגען:

„לערנט ווי מען דאַרף נאָט דיענען פון די כנענים און געצענדיענער. זיי דיענען זייערע געצען כאָטש זיי האָבען קיין ווערטה, זיינען נאַריש און דום; אַ פּשיטא שוין דאַרפט איהר דיענען אייער גאָט וואָס לעבט אימער און אייביג, גע־בענשט זאָל זיין דער נאָמען זיינער!"

און אַזוי פלעגט ער ריידען צו אַלעמען אַז מען זאָל מיט איהם געהן.

אויפ'ן וועג האָט אלקנה איינגעפיהרט, אַז וואו ער מיט זיינע מענשען פלעגען זיך אָבשטעלען אויף נאַכט־לעגער פלע־גען די מענער זיין בעזונדער און די פרויען בעזונדער, און מענער פלעגען שמועסען מיט מענער, און פרויען מיט פרויען, און אויף די מענשען פון דער שטאָדט האָט אַזאַ אויפפיה־רונג געמאַכט אַן איינדרוק, און זיי פלעגען פרעגען: „וואוהין געהט איהר דאָס?" און אלקנה מיט זיינע מענשען פלעגען ענטפערען:

„נאָך דעם הויז פון גאָט אין שילה, דען פון דאָרט קומט אַרויס תורה און מעשים טובים, און איהר, וואָרום געהט איהר אויך ניט מיט אונז? קומט, לאָמיר געהן צוזאַמען".

און הערענדיג אַזעלכע וואַרימע רייד פלעגט פון די אויגען פון די מענשען זיך גיסען טרעהרען, און זיי פלעגען

ענטפערען: „מיר געהען מיט אייך!" און אזוי פלעגט ער טאהן נאך אמאל און נאך אמאל. איין יאהר זיינען מיט איהם נעגאנגען פינף משפחות, און נאך אין א יאהר צעהן משפחות. און יעדען יאהר פלעגט ער געהן אויף אן אנדער וועג, ביז ער האט אויסגעפיהרט אז אלע אידען פלעגען עולה רגל זיין נאך שילה.

14

די גערעטעניש אויף „שמואל'ס"

אין יענע צייטען איז אנגעזאגט געווארען די בשורה צווישען פאלק: עס וועט געבוירען ווערען ביי אידען א קינד מיט'ן נאמען שמואל. ער וועט זיין א גאטס־פורכטיגער און א קלוגער מענש. ווען די פרויען האבען דאס געהערט, האבען זיי א נאמען געגעבען זייערע ניי־געבוירענע אינגלאך שמואל, ווייל יעדע פרוי האט זיך געטראכט: ווער קען וויסען — אפשר וועט מיין זוהן זיין דער גרויסער געבענשטער מענש.

ווען די צאהל קינדער מיט'ן נאמען „שמואל" איז גע־ווארען גרויס, האבען זיך מענשען צו זיי צוגעקוקט און בע־טראכט זייערע מעשים אום צו זעהן, ווער פון זיי עס איז דער גוטער, וואס גאט האט אויסדערוועהלט אלס דעם בעס־טען פון אלע קינדער. נאך זייער אויספארשונג האבען זיי בעשלאסען: עס איז נאך ניט געבוירען געווארען דאס קינד, אויף וועלכען מיר ריכטען זיך.

און ראש השנה האט גאט בעשאנקען חנה'ן מיט א זוהן און זי האט איהם א נאמען געגעבען שמואל. דאס קינד איז אויסגעוואקסען זעהר שעהן און קלוג. און אלע אידען האבען געזעהן שמואל'ן, חנה'ס זוהן, און זיי האבען געזאגט: „אט איז דאס קינד וואס גאט האט אויסדערוועהלט!"

15

אַ טובה פאַר א רעה

שמואל האָט גערינגט גאָט אין טעמפעל שילה ביי עלי׳ן און חנה פלעגט צו איהם קומען טאָג־טעגליך מיט איהר מאַן אלקנה.

און גאָט האָט בעשאָנקען חנה׳ן מיט נאָך דריי זיהן און צוויי טעכטער. און וואָס מעהר חנה האָט געבוירען, אַלץ מעהר האָבען געקרענקט די קינדער פון פנינה, ביז זיי זיינען איהר אויסגעשטאָרבען. ווען פנינה האָט געזעהן אַז חנה איז ווידער אמאָל שוואַנגער געוואָרען, איז זי צו איהר געקומען און געזאָגט:

„איך וויים אַז גאָט איז גוט צו דיר, און ער האָט דיך געבענשט און מיך שטראָפט ער פאַר די זינד וואָס איך האָב דיך פערשעהמט. און ער האָט ביי מיר צוגענומען אַכט קינדער, אזוי אַז עס איז מיר איצט ניט מעהר געבליבען ווי צוויי. דעריבער בעט איך דיך: בעט פון מיינעטוועגען צו גאָט, אַז מיינע איבעריגע צוויי קינדער זאָלען ניט אומקומען“.

„בערוהיג דיך! — האָט איהר חנה געענטפערט — איך וועל בעטען פון דיינעטוועגען מיט מיין גאַנצער הארץ און נשמה, און איך וויים אַז גאָט וועט הערען מיין געבעט, וויל ער איז נאָהענט צו די אַלע, וואָס רופען צו איהם אויפ־ריכטיג“.

די דאָזיגע ווערטער האָבען בערוהיגט פנינה׳ן, און איהר טרויער האָט זי אַבגעלאָזט. חנה האָט געטאָהן ווי זי האָט געזאָגט, און זי האָט מתפלל געווען צו גאָט פאַר דעם לעבען און געזונט פון פנינה׳ס קינדער. און גאָט האָט איהר גע־ענטפערט:

„דערפאַר וואָס דו האָסט דיך ניט נוקם געווען אין פנינה׳ן און איהר ניט נאָכגעטראָגען קיין שנאה, נאָר האָסט

צו מיר געבעטען פאַר איהרע קינדער, וועלכע איך האָב גע־וואָלט אומברענגען, וועל איך דיר צוליעב טאָהן: פנינה׳ס ביידע קינדער וועלען לעבען בלייבען און זיי וועלען צוגע־שריבען ווערען צו דיין נאָמען, ווייל מ׳וועט זאָגען: די עקרה האָט געבוירען זיבען, און אומגליקליך איז געווען די מאַמע וואָס האָט געבוירען פיעל קינדער...״

16

אַ הוליאַנקע אין מיטען טרויער

שמואל איז געשטאָרבען אין עלטער פון צוויי־און־פופציג יאָהר, און עס האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע אידען און איהם מספיד געווען. זיי האָבען דערמאָנט די פיעלע און גרויסע טובות וואָס ער האָט געטאָהן צו די אידען, זיין שנאה צו פערגעלטיגונג, און זיין גרויסע רחמנות אויף אַלע אָרימע און פערביטערטע. אַלע אידען האָבען נאָך איהם געוויינט ווי איינער ווײנט נאָך אַן איינאיינציגען זוהן, און די זיפצען און יאָמערייען האָבען זיך געהערט איבער אַלע גאַסען פון די אידישע שטעדט. בלויז נבל, וועלכער איז געווען זעהר רייך און האָט געוואוינט אין אַ פּאַלאַץ, האָט אויף שמואל׳ן ניט געטרויערט, נאָר האָט געפּראַוועט אַ גרויסע סעודה אין זיין הויז, אַ מאַלצייט ווי אַ קעניג, און ער האָט געגעסען און געטרונקען.

בעת נבל האָט אַזוי פערבראַכט אין פערגעניגען, זיינען געקומען דוד׳ס צעהן יונגען איהם בעגריסען אין דוד׳ס נאָמען און פרעגען וואָס ער מאַכט. דערנאָך האָבען זיי געזאָגט:

„אונזער האַר דוד האָט אונז געהייסען אָבהיטען אַלץ וואָס איז דיין פונקט ווי דיינע פּאַסטוכער היטען דיינע שאָף אין מדבר, און מיר האָבען געטאָהן אַלץ וואָס מ׳האָט

אונז געהייסען און מיר האָבען דיינע פּאַסטוכער ניט פערשעהמט און עס האָט זיי גאָרניט געפעהלט די גאַנצע צייט וואָס זיי זיינען געווען מיט אונז. און איצט בעטען מיר דיך. זאָלסט געבען אונז און דוד'ן וואָס־נאָר דו האָסט די מעגליכקייט אונז צו געבען".

נבל האָט געענטפערט דוד'ס קנעכט אַזוי:

„ווער איז דאָס דער דוד וואָס האָט אייך געשיקט צו מיר? שטאַלצירט ער אפשר דערמיט, וואָס שמואל פון רמה האָט גענומען צוויי טראָפּען הייליגע זאַלב און איהם געזאַלבט? שמואל איז אָבער שוין לאַנג טויט, און פון אַלץ וואָס ער האָט געטאָהן איז מעהר קיין געדעכעניש ניט געבליבען! און איצט געהט צו דוד'ן און דערצעהלט איהם וואָס איך האָב געזאָגט."

ווען דוד'ס קנעכט האָבען שוין גענומען אַוועקגעהן, האָט נבל צו זיי געזאָגט:

„זעצט זיך ביי מיין טיש און טרינקט אַביסעל וויין, אום איהר זאָלט כח האָבען צוריקצוגעהן". די יונגען האָבען געטאָהן ווי נבל האָט זיי געהייסען.

נאָט האָט געזאָגט:

„דערפאַר וואָס נבל האָט אַרויסגעוויזען פריינדליכקייט צו די צעהן יונגען, וועט ער לעבען נאָך צעהן טעג!"

—◇—

17

דוד און אביגיל

ווען דוד'ס יונגען זיינען צוריקגעקומען און האָבען איהם דערצעהלט וואָס נבל האָט איהם געזאָגט, האָט דוד בעפעהלען זיינע מענשען אָנצוגורטען די שווערדען, און ער האָט מיט זיי אַוועקגעמאַרשירט פיער הונדערט מאַן שטאַרק.

אין דערזעלבער צייט האָט איינער פון די יונגען דער־
צעהלט אביגיל׳ן, נבל׳ס פרוי: „דוד האָט געשיקט שלוחים
פון דער מדבר צו בעגריסען אונזער האר, און ער האָט זיך
אויף זיי אנגעבייזערט. דוד און זיינע מענשען זיינען גע־
ווען זעהר גוט צו אונז; זיי האָבען אונז בעשיצט ביי טאָג
און ביי נאַכט, די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבען צוזאַמען
מיט זיי די שאָף געפּאַשעט.“

אביגיל האָט שנעל גענומען ברויט און וויין און גע־
קאָכטע פליייש און ראָזינקעס און אנדערע פרוכט, האָט דאָס
אנגעלאָדען אויף די אייזלען און געזאָגט צו איהרע יונגען:
„געהט פאָראויס, איך קום נאָך אייך!“

ווען אביגיל איז געקומען צו דוד׳ן, איז זי אראָנטער פון
אייזעל און האָט זיך געבוקט צו איהם.

„מיין האר דוד — האָט זי געזאָגט — וואַרט־צו ביז אין
דער פריה, ווען נבל וועט זיין אויסגעניכטערט פון וויין,
וועסטו איהם דאַן משפּט׳ן!“

דוד האָט געענטפערט:

„יעדער וואָס ווידערשפּעניגט דעם קעניג מוז שטאַרבען
אהן דין און משפּט!“

„שאול, דער קעניג פון די אידען לעבט דאָך, אָבער,
נאָך — האָט אביגיל געזאָגט — און קיינער האָט דיך נאָך
ניט געמאַכט פאַר קעניג איבער די אידען“.

דוד האָט געענטפערט:

„נבל האָט געזאָגט, עס איז קיין גאָט ניטאָ, און ער האָט
אָבגעלאַכט פון שמואל׳ן, דעם נביא פון גאָט און איהם
מבזה געווען!“

אביגיל האָט פאַרגעזעצט איהרע טענות און געזאָגט:
„מיין האר! ווען גאָט וועט דיך מאַכען פאַר אַ קעניג
איבער די אידען און עס וועט צו דיר קומען איינער פון
די אָרימע לייט און זאָגען: אָט בין איך געקומען צו איינעם

פון די רייכסטע אידען און געבעטען אַ שטיקעל ברויט. ווען ער האָט מיר אָבגעזאָגט, בין איך איהם בעפאַלען און האָב איהם דער׳הרג׳עט; זיינע דאַן געקומען זיינע זיהן נקמה צו נעהמען פון מיר פאַר זייער פאָטער׳ס פערגאָסענע בלוט. קום איך דעריבער צו דיר קעניג און בעט דיך: רעטע מיך פון די וואָס זוכען מיין לעבען, ווייל איך בין קיין אומרעכט ניט בעגאַנגען. דו וועסט אודאי ענטפערען דעם מערדער: ווי קענסטו מיר זאָגען, אַז דו ביזט אומשולדיג, דו האָסט דאָך אַ מענשען ערמאָרדעט! אָבער דאַן וועט דער אָרימאַן דיר קענען ענטפערען: אויך מיין האַר קעניג האָט געבעטען ביי נבל׳ן ברויט און ווען נבל האָט איהם ניט געוואָלט געבען, איז דער קעניג איהם בעפאַלען און איהם דער׳הרג׳עט!...“

אביגיל׳ס ווערטער זיינען דוד׳ן זעהר געפעלען און ער האָט אויסגעשריען:

„געלויבט איז דער גאָט פון די אידען, וואָס האָט דיך היינט אַהער געשיקט צו מיר, און געבענשט זאָלסטו זיין דער־פאַר, וואָס דו האָסט מיך היינט אָבגעהאַלטען פון פערגיסען בלוט!“

נאָך צעהן טעג האָט גאָט געשטראָפט נבל׳ן און איהם אומגעבראַכט.

18

דער באַרימהאַרציגער פאַסטוך

ווען דוד איז אויפגעוואַקסען איז ער געוואָרען אַ פאַסטוך פון זיין פאָטער׳ס שאָף. דוד האָט געפיהרט זיין סטאַדע ווייט אין מדבר אריין, אום זי זאָל זיך ניט פאַשען אין פרעמדע פעלדער. איינמאָל, ווען דוד איז נאָכגעגאַנגען זיינע שאָף, האָט ער געזעהן ווי די ציגען און לעמעלער מאַטערען זיך עסענדיג דאָס גראָז פון פעלד, ווייל זיי האָבען קיין

כח ניט געהאט אויסצורייסען די גרעזער. ער האט זיך אויף זיי דערבארימט און ער האט אויסגעקליבען ווייכע גרעזלעך און זיי געגעבען צו עסען מיט גרויס פארזיכטיגקייט און זיי געטראגען אויף זיין שויס. ווען עס זיינען פאראיבער אייניגע וואכען און די ציגען און לעמעלעך זיינען ביסלעכווייז שטאר־קער געווארען, האט ער צוזאמענגענומען אלע זיינע שאף און אוועקגעשיקט די ציגען און לעמעלעך אין פאראויס זיך פאשען, כדי זיי זאלען אפעסען די שפיצען פון די ווייכע גרעזער. און ווען די האבען זיך אנגעגעסען צו דער זאט, האט ער געשיקט די אלטע שעפסען און די באראנען זיך פאשען; און ווען די האבען געענדיגט עסען צו דער זאט, האט ער געשיקט די יונגע שאף וועלכע האבען קראפט אין זייערע צייהן צו עסען דיווארצלען פון די איבערגעבליבענע גרעזער. דאס איז זעהר געפעלען אין גאט'ס אויגען און ער האט געזאגט:

„די דאזיגע גוטע מעשים פון דוד'ן צייגען אלעמען אז עס איז נאך ניטא אזא דערבארעמדיגער און אויסגערעכענ־טער פאסטוך ווי ער. דערפאר וועל איך איהם אויסוועהלען און איהם ארויסנעהמען פון צווישען זיין סטאדע און איהם מאכען פאר דעם פאסטוך פון מיין פאלק!“

19

דוד המלך'ס חכמה

אין די צייטען פון שאול המלך האט געלעבט א מאן וועלכער האט געהאט א זעהר שעהנע פרוי, און זי איז געווען זעהר רייך. דער מאן איז שוין געווען גאנץ אלט און עס איז געקומען זיין צייט צו שטארבען. און ווייל די פרוי איז געווען זעלטען שעהן האט דער הערשער פון דער פראווינץ געוואר־

פען אויף איהר אז אויג און האט זי געוואלט נעהמען מיט געוואלד. אבער זי האט איהם אין קיין פאל געוואלט. און אזוי ווי זי האט זיך שטארק געשראקען פאר דעם הערשער, האט זי גענומען איהר גאנצעס געלד, האט עס אריינגעלעגט אין קריעגלעך און אנגעפילט מיט האניג. די קריגלעך האט זי נאכדעם געגעבען צו א פריינד פון איהר פערשטארבענעם מאן צו בעהאלטען. נאכדעם איז זי אנטלאפען פון דער פראווינץ.

אין א צייט ארום, אז יענער הערשער איז געשטארבען, איז די פרוי צוריק געקומען אהיים. דער פריינד וועמען זי האט געגעבען די קריגלעך צו בעהאלטען האט געמאכט א פערלאבונג פאר זיין זוהן און ער האט געדארפט האבען האניג. איז ער געגאנגען נעהמען א ביסעל האניג פון דער פרוי'ס קריגלעך. דער סוף איז געווען אז ער האט אויסגעפונען אז די קריגלעך זיינען פול מיט גאלד. האט ער צוגענומען דאס גאנצע געלד און האט די קריגלעך צוריק געמאכט פול מיט האניג. ווען די פרוי איז צוריקגעקומען אהיים און האט געפונען אז די קריגלעך ענטהאלטען בלויז האניג, האט זי אנגעהויבען צו וויינען און צו שרייען פאר'ן ריכטער פון דער פראווינץ, און האט פערקלאגט איהר מאן'ס פריינד. האט זי דער ריכטער געפרעגט: „האסטו עדות?" האט זי געענט־פער: „ניין". האט דער ריכטער געזאגט: „טאכטער מיינע, וואס קען איך דיר העלפען? געה צו שאול המלך, אפשר קען ער דיר העלפען". ווען זי איז געקומען צו שאול המלך, האט ער זי אבגעשיקט צו די סנהדרין. האבען זיי איהר געפרעגט: „האסטו עדות?" האט זי געענטפערט: „ניין, עדות האב איך ניט, ווייל איך האב דאס געמוזט מאכען אין דער שטיל, אוים מורא פאר דעם הערשער". האבען זיי איהר געענטפערט, אז ווען זי האט קיין עדות קענען זיי ניט משפט'ן.

די פרוי האָט זיך גענומען געהן אַהיים. האָט זי זיך בע־געגענט מיט דוד המלך, וועלכער איז דאַן געווען נאָך אַ קליינער פאַסטוכעל און האָט זיך געשפּיעלט מיט קינדער אין גאַס. און ווען ער האָט זי געפרעגט וואָרום זי וויינט, האָט זי איהם דערצעהלט איהר געשיכטע און געקלאָגט: „קיינער וויל זיך פאַר מיר אָננעהמען". האָט דוד צו איהר געזאָגט: „געה צום מלך און בעט איהם אַז ער זאָל מיר ערלויבען צו משפּט'ן וועל איך צייגען אַז דו האָסט רעכט". איז די פרוי אַוועק צו שאול המלך און ער האָט געהייסען ברייגנען דוד'ן צו זיך. „איז דאָס אמת אַז דו נעהמסט זיך אונטער צו משפּט'ן די זאַך?" האָט שאול המלך געפרעגט דוד'ן. „אויב דו וועסט מיר נאָר ערלויבען, האָף איך צו דעם אייבערשטען אַז איך וועל דערגעהן דעם אמת", האָט דוד געענטפערט.

„געה מיט איהם", האָט שאול געזאָגט צו דער פרוי.

„צייג מיר די כלים וואָס דו האָסט געגעבען דעם מאַן צו בעהאַלטען", האָט דוד געזאָגט צו איהר.

האָט איהם די פרוי געבראַכט די כלים.

„דערקענסטו אַז דאָס זיינען די זעלבע כלים וואָס דו האָסט איהם געגעבען צו בעהאַלטען?" האָט דוד געפרעגט.

„דאָס זיינען די זעלבע", האָט די פרוי געענטפערט.

נאָכדעם האָט ער געפרעגט דעם מאַן. האָט ער אויך צוגעגעבען אַז דאָס זיינען די זעלבע כלים.

„געה ברענג מיר אַנדערע כלים". האָט דוד געזאָגט צו דער פרוי.

די פרוי האָט געבראַכט אַנדערע כלים. דוד האָט איבער־געגאָסען דעם האָניג פון די פולע כלים אין די ליידיגע. נאָכ־דעם האָט ער די אויסגעליידיגטע כלים צובראָכען פאַר אַלע מענשען וואָס האָבען זיך דאָרטען אַרומגעקליבען. אין די שערבעלך האָט ער געפונען גאָלדענע רענדלעך וועלכע האָבען זיך געהאַט צוגעקלעפּט צו די כלים . . .

גלייך דערויף האט דוד געהייסען דעם מאן ער זאל אומ־קעהרען צו דער פרוי דאס גאנצע געלד וואס ער האט ביי איהר גערויבט. און ווען שאול המלך און די סנהדרין האבען גע־הערט פון דוד'ס חכמה האבען זיי איהם בעוואונדערט.

20
יואב'ס סטראטעגיקע

דאס איז געשעהן אין די צייטען פון דוד המלך. יואב בן צרויה, דוד המלך'ס פעלד מארשאל, איז געגאנגען מיט זיין חיל אויף דער פעסטונג פון קינסלי, אין לאנד פון עמלק, זי איינצונעהמען. די עמלקים האבען פערשלאסען טהיר און טויער. האט יואב מיט צוועלף טויזענד פון די גרעסטע אידישע גבורים בעלאגערט די פעסטונג און האבען ניט געקענט איינ־נעהמען.

נאך די זעקס חדשים האבען זיך די אידישע סאלדאטען פערזאמעלט און האבען זיך אוועקגעשטעלט נעגען יואב'ן און האבען געזאגט: „מיר קענען שוין מעהר ניט אויסהאלטען דעם קאמפף, שוין א לאנגע צייט אז מיר האבען פערלאזען אונזערע היימען און אונזערע פעלדער, אונזערע ווייבער און קינדער".

„טא וואס ווילט איהר טאהן?" האט יואב געפרעגט.

„מיר ווילען געהן צוריק אהיים", האבען זיי געענטפערט.

„צו וואס זאלען מיר זיך אומקעהרען אהיים מיט א דער־שלאגענעם מוטה?" האט יואב גע'טענה'ט. „דער מלך וועט זעהן אז מיר קעהרען זיך אום מיט ליידיגען וועט עס איהם וועה טאהן. און אז פרעמדע פעלקער וועלען זיך דערוויסען וועלען זיי זיך צוזאמענגעהמען און האלטען מלחמה מיט אונז.

איך האָב אַ בעסערע עצה, נעהמט און מאַכט אַ פּעקעל, און פּאַקט מיך איין אין דעם פּעקעל און וואַרפט מיך אַריין אין שטאָדט".

האָבען זיינע מענשען אַזוי געטאָהן, איהם איינגעפּאַקט און אַריינגעשליידערט אינוועניג אין שטאָדט.

אין דעם פּעקעל האָט יואב מיטגענומען טויזענד זילבערנע רענדלעך און אַ מעסער.

איידער מען האָט איהם אַריינגעוואָרפען האָט יואב געזאָגט צו זיינע סאָלדאַטען: „איהר זאָלט וואַרטען פערציג טעג, און אַז איהר וועט זעהן בלוט פליסען פון אונטער די מויערען פון דער שטאָדט זאָלט איהר וויסען אַז איך לעב, אָבער אויב איהר וועט קיין בלוט ניט זעהן איז אַ סימן אַז איך בין שוין טויט און איהר קענט געהן אַהיים".

דער פּעקעל אין וועלכען יואב איז געווען פערפּאַקט איז אַריינגעפאַלען אין דעם הויף פון אַן אלמנה, און זי האָט געהאַט אַ פערהייראַטע טאָכטער און אַן איידים. ווען די ווייבעל איז אַרויס אין הויף האָט זי דאָרט געפונען אַ מענשען פערפּאַקט אין אַ פּעקעל, און דער מענש איז געווען אַ האַלב טויטער. האָט זי גערופען איהר מוטער און איהר מאַן, און אַלע דריי צוזאַמען האָבען אַריינגעטראָגען יואב'ן אין הויז. זיי האָבען איהם אַרומגעוואַשען מיט וואַרימע וואַסער, איהם בעשמירט מיט בוימעל און דאַן איז ער געקומען צו זיך און האָט אָנגעהויבען צו אָטהעמען. „ווער ביזטו?" האָבען זיי איהם געפרעגט. און ער האָט זיי דערצעהלט אַזאַ געשיכטע:

„איך בין אַן עמלקי. די אידען האָבען מיך געהאַט גענומען אין פּלען, און געבראַכט פאַר זייער מלך, און דער מלך האָט בעפוילען אַז מען זאָל מיך פערפּאַקען אין אַ פּעקעל און אַזוי אַריינוואַרפען אין דיזער שטאָדט. און דאָרום בעט איך אייך אַז איהר זאָלט מיך לאָזען לעבען".

יואב האט גענומען צעהן זילבערנע רענדלאך און האט געגעבען צו דער אלמנה און האט צו איהר געזאגט: „דאס איז פאר דיר א מתנה“.

צעהן טעג איז יואב געזעסען אין דער אלמנה'ס הויז און נאכדעם האט ער געוואלט זיך לאזען געהן איבער'ן שטאדט. האבען די מענשען געזאגט צו איהם: „זאלסט ניט געהן אין דיזע אידישע קליידער וואס מען האט דיר אנגעטאהן ווען דו ביזט געווען געפאנגען“. האט מען איהם אנגעטאהן אנדערע קליידער און ער איז ארום איבער'ן שטאדט. און אין יענער שטאדט זיינען געווען הונדערט מיט פערציג גאסען און איין גאס איז געווען גרעסער פון דער אנדערער.

יואב איז אריינגעקומען צו א שמיעד און צייגענדיג איהם זיין שווערד וועלכער איז געווען צובראכען, האט ער געבעטען אז ער זאל איהם מאכען א נייעם שווערד פונקט ווי דער.

ווען דער שמיעד האט דערזעהן דעם שווערד האט ער א ציטער געטאהן. „ווארום האסטו זיך אזוי ערשראקען?“ האט יואב געפרעגט. „ווייל איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבען געזעהן אזא שווערד“, האט דער שמיעד געענטפערט.

„דאך, מאך מיר דעם שווערד און איך וועל דיר גוט בע־צאהלען פאר דיין ארבייט“, האט יואב געזאגט.

דער שמיעד האט געמאכט אזא שווערד, אבער ווי יואב האט עם א בויג געטאהן האט דער שווערד זיך צובראכען. דער שמיעד האט געמאכט א צווייטע שווערד, אבער ווי יואב האט עם א בויג געטאהן האט דער צווייטער זיך אויך צו־בראכען. צום דריטען מאל אז ער האט געמאכט א שווערד האט ער זיך שוין ניט צובראכען.

„וועמען איז גוט צו הרג'ענען מיט אזא שווערד?“ האט יואב געפרעגט.

„יואב'ן, דער פיהרער פון אידישען חיל“, האט דער שמיעד געענטפערט, ניט וויסענדיג צו וועמען ער רעדט.

„אזוי זאגסטו ?" האט יואב געלאכט. „איך בין יואב. גיב נאר א קוק און זעה ווער עס שטעהט הינטער דיר", און בעת דער שמיעד האט פערקעהרט זיין קאפ א הינטער האט איהם יואב אריינגעשטאכען דעם שווערד אין בויך אריין.

„ווי פיהלסטו ?" האט יואב געפרעגט.

„איך פיהל אזוי ווי איך וואלט געהאט שניי אין בויך".

יואב האט איהם א שליידער געטאהן, איין העלפט אין איין זייט און די אנדערע העלפט אין אן אנדער זייט. נאכדעם איז יואב ארויס אין שטאדט. ער האט דארט אין איין ארט געפונען פינף הונדערט סאלדאטען, אלע שכור. האט ער זיי אלע געהרג'ט און ניט איבערגעלאזט איינעם א לעבעדיגען. ווען ער איז פערטיג געווארען, האט ער דעם שווערד צוריק אריינגעלעגט אין שייד און איז אוועק אין דער הויז וואו ער איז איינגעשטאנען.

דארט האט ער געהערט ווי מען רעדט וועגען די געהרג'טע סאלדאטען. ער האט געהערט ווי מענשען פרעגען: „ווער האט עס זיי געקענט הרג'ענען ?" און אנדערע מענשען האבען געענטפערט: „קיין אנדערער האט זיי געקענט הרג'ענען ווי אשמדאי דער מלך פון די שדים".

„און איהר האט גארניט געהערט פון די נייעס ?" האבען די הויז מענשען געפרעגט יואב'ן.

„ניין, איך האב גארנישט געהערט", האט יואב געענטפערט.

יואב האט דער אלמנה געגעבען נאך צעהן זילבערנע רענדלעך און איז אין הויז געשטאנען נאך צעהן טעג. נאכדעם איז ער אוועק צום טויער פון שטאדט, מיט זיין שווערד אין האנד, און האט אויסגע'הרג'עט טויזענד מיט פינף הונדערט מענשען. ווען ער האט געוואלט אריינלעגען זיין שווערד צוריק אין שייד האט ער ניט געקענט, ווייל די הענטעל פון שווערד האט זיך צוגעקלעפט צו זיין האנד, אזוי ווי צוגע-

וואַקסען. איז ער געקומען אין הויז און האָט געזאָגט צו דער יונגער פרוי: „מאַך מיר שנעל וואַרים וואַסער, אום איך זאָל קענען בעפרייען מיין האַנד פון דעם שווערד“.

אַבער ווען די וויבעל האָט דערזעהן דעם פערבלוטיגטען שווערד האָט זי אויסגערופען: „דו וואוינסט ביי אונז, און דו עסט און טרינקסט מיט אונז, און דו הרג'עסט אונזערע מענשען!“ יואב האָט אַריינגעשטאָכען דעם שווערד אין איהר בויך און גלייך איז זיין האַנד בעפרייט געוואָרען.

נאָכדעם איז יואב ווידער אַרויס אין גאַס. האָט ער געהערט ווי אַ קוריער רופט אויס אין די גאַסען: „ווער עס האָט ביי זיך אין הויז אַ גאַסט זאָל איהם ברענגען צום קעניג“. ווי נאָר יואב האָט איהם בעגעגענט האָט ער איהם גע'הרג'עט. און אַזוי האָט ער גע'הרג'עט יעדען איינעם וואָס ער האָט בעגעגענט אין גאַס, ביז די צאָהל פון די גע'הרג'עטע האָט געגרייכט צו צוויי טויזענד.

צולעצט איז יואב געגאַנגען צו די טויערען פון דער שטאָדט, האָט אויסגע'הרג'עט די וועכטער און האָט די טויערען אָפען געמאַכט. פריהער האָבען די אידען זיך שוין געווען מייאש געווען פון יואב'ן, האָבען איהם בעוויינט און האָבען זיך שוין געוואָלט צוריק קעהרען אַהיים, אַבער ווען זיי האָבען געזעהן פון אונטען די טויערען גיסט זיך בלוט, האָבען זיי זיך דערפרעהט און אויסגערופען „שמע ישראל!“

יואב איז אַרויף אויפ'ן דאַך פון גרויסען טורעם, כדי די אידען וואָס זיינען געווען אין דרויסען זאָלען איהם קענען זעהן. ער האָט אויפגעהויבען זיין קול און האָט הויך אויסגערופען: „איהר זעהט אַז דער אייבערשטער פערלאָזט ניט זיין פאָלק. און יעצט טהוט אַזוי: שיקט נאָך אונזער מלך און נעהמט איהר אַלע אַריין צוזאַמען אין דיעזער שטאָדט“.

ווען דוד המלך איז געקומען האָט ער געזאָגט צו יואב'ן: „וואָס האָסטו געטאָהן? האָסטו אויסגע'הרג'עט אַלע עמלקים.

פון דער שטאָדט? האָסטו גוט געטאָהן ווייל אין פסוק שטעהט מחה תמחה את זכר עמלק, זאָלסט אויסמעקען דעם אנדענקען פון עמלק".

„אַזוי האָב איך געטאָהן", האָט יואב געענטפערט. „עס איז פון זיי פערבליבען בלויז זייער מלך".

יואב איז אַוועק און האָט געבראַכט דעם מלך פון די עמלקים, און דוד האָט איהם מיט זיינע אייגענע הענד דער־הרג'עט. יואב האָט גענומען די קרוין פון דעם מלך פון די עמלקים און האָט זי אָנגעטאָהן אויף דוד'ס קאָפּ. און אַלע אידען האָבען זיך געפרעהט מיט דעם גרויסען נצחון.

21

מיכל און דוד

ווען דוד איז אַנטלאָפען פון שאול המלך דורך דער הייל צו זיך אַהיים, האָבען שאול'ס וועכטער זיך געשטעלט ביי דעם טויער פון דוד'ס הויז, צו היטען אז ער זאָל ניט אַנט־לויפען. אָבער מיכל בת שאול, די פרוי פון דוד המלך, וועלכע האָט איהם זעהר געליעבט און איז איהם געווען געטריי ביז'ן טויט, האָט געזוכט אַ מיטעל ווי איהם צו ראַטעווען פון איהר פאָטער'ס הענד. וואָס האָט זי געטאָהן? זי האָט איהם אַרונטערגעלאָזען אויף אַ שטריק דורכ'ן פענסטער און ער איז אַנטלאָפען. ווען שאול'ס שלוחים, וואָס זיינען געשיקט גע־וואָרען איהם צו נעהמען, זיינען שוין געווען ביי דער הויז, וואָס האָט זי ווידער געטאָהן? זי האָט גענומען אַ הילצערנע פיגורע וואָס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַ מענש און האָט עס אַריינגעלעגט אין דוד'ס בעט, און צוקאָפּענס האָט זי אַוועק־געלייגט אַ קישעלע פון ציגענע האָר. און ווען די שלוחים

זיינע אריין אין הויז און האבן גענומען זוכן דוד'ן. האט זי זיי געזאגט אז ער ליגט קראנק אין בעט. זיינען די שלוחים אוועק צו שאול המלך און האבן איהם געזאגט אז דוד ליגט קראנק. האט שאול צו זיי געזאגט: „ברייננט איהם אהער מיט דער בעט צוזאמען".

די שלוחים האבן געפאלגט, זיינען אוועק און געבראכט די בעט אין שאול המלך'ס פאלאסט. און ווען שאול האט אראבגענומען דעם צודעק און האט געזעהן אז דוד איז אין בעט ניטא, איז ער געווארען בייז אויף זיין טאכטער מיכל און האט אויף איהר געשריען: „ווארום האסטו מיר אבגע־נארט און געהאלפען מיין שונא צו אנטלויפען?"

„פאטער!" האט מיכל געענטפערט, „דאס איז דיין אייגענע שולד. דו האסט מיר געגעבען א מאן א גזלן, און ער האט זיך געשטעלט געגען מיר מיט א שווערד און געזאגט צו מיר: „אויב דו העלפסט מיר ניט אנטלויפען, מאך איך דיר א טויט!" האב איך זיך דערשראקען פאר איהם און אוים מורא האב איך איהם געהאלפען צו אנטלויפען".

22

א קלוגע פרוי

שבע בן בכרי, פון שבט בנימין, איז געווען א רשע. און ער האט געזוכט צו מאכען א בונט געגען דוד המלך.

איז ער ארוים איבער די גאסען מיט א שופר אין מויל, האט געבלאזען און אויסגערופען:

„מיר האבען מעהר ניט קיין שייכות מיט דוד'ן און קיין פערוואנדשאפט מיט ישי'ס זוהן. זאל יעדער איד זיין א בעל־הבית פאר זיך!"

און אַלע אידען זיינען אַוועק פון דוד'ן און זיך געלאָזען נאָך שבע בן בכרי'ן. דוד האָט געגעבען אַ בעפעהל צו יואב'ן. צוזאַמענצונעהמען די חיילות און איהם נאָכיאָגען. יואב האָט געטאָהן אַלץ ווי דוד האָט איהם געהייסען.

און שבע איז אַרויסגעגאַנגען צו אַלע אידישע שבטים, און פיעלע האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט און זיינען איהם נאָכ־געגאַנגען, און יואב איז געקומען און אַרומגערינגעלט שבע'ן אין אָבלה, און אויפגעשטעלט אַ טראַנשעע אַרום דער שטאָדט, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז געווען מיט יואב'ן האָט געקעמפּפט איינצוּוואַרפען דעם מויער.

אין דער שטאָדט האָט געוואוינט אַ פרוי ביים נאָמען סרח בת־אשר, וועלכע יעקב אבינו האָט געבענשט מיט לאַנג לעבען. ווען די שטאָדט איז בעלאַגערט געוואָרען, האָט זי אַרויסגעשריען:

„הערט, הערט! זאָגט יואב'ן, ער זאָל דאָ צוקומען, איך וויל מיט איהם ריידען".

ווען יואב איז צוגעקומען, האָט סרח צו איהם געזאָגט:

„ביזטו דאָס דער יואב וואָס וואוינט אין „שבת־תחכמוני"? — האָסטו ניט געלערענט אין גאָט'ס תורה, אַז ווען מען קומט מלחמה האַלטען אויף אַ שטאָדט, מוז מען צוערשט רופען צו איהר פאַר פריעדען! פאַר וואָס־זשע האָסטו עובר געווען אויף גאָט'ס געבאָט און האָסט גלייך גענומען פער־ניכטען די שטאָדט?"

„זאָג מיר, ווער ביזטו?" — האָט יואב געפרעגט.

„איך בין סרח, די טאָכטער פון אשר'ן, וועלכער איז געווען דער זוהן פון יעקב'ן".

„מען האָט מיר דערצעהלט" — האָט יואב געזאָגט — „אַז דו האָסט דערפרעהט דאָס האַרץ פון יעקב אבינו מיט דיין נוטער בשורה און מיט דיין זיסער פידעל, און ער האָט דיך דערפאַר געבענשט מיט לאַנג לעבען, און אויך אַז דו האָסט

געוויזען משה רבנו'ן דאָס אָרט פון יוסף'ס קבר, און פון יענעם טאָג אָן לעבסטו נאָך אַלץ צווישען דיין פאָלק".

סרח האָט געענטפערט:

„ריכטיג איז אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט וועגען מיר, און איצט אַז איך בין געהערט אין דיינע אויגען, פרעג איך ביי דיר: פאַר וואָס ווילסטו פערניכטען אַ גרויסע אידישע שטאָדט?"

יואב האָט געענטפערט:

„דער קעניג וויל חלילה ניט פערניכטען די שטאָדט. די זאַך איז אַזוי: אַ מאַן פון באַרג אפרים,ביים נאָמען שבע בן בכרי, האָט געמאַכט אַ בונט געגען קעניג. גיב מיר אַרויס איהם אַליין, און איך וועל אַוועקגעהן פון דער שטאָדט".

סרח האָט דאַן געזאָגט צו יואב'ן:

„באַלד וועט זיין קאָפּ צו דיר אַרויסגעוואָרפען ווערען איבער דער מויער".

און די קלוגע סרח איז געקומען צום פאָלק און געשריען:

„איהר זאָלט וויסען אַז יואב און אַלע אידען שטעהען אין דרויסען גרייט אויס־צו'הרג'ענען אונז אַלעמען מיט אונזערע זיהן און טעכטער!"

די גאַנצע בעפעלקערונג האָט זיך אָפּגערופען אין גרויס שרעק:

„פרעג איהם וואָס ער וויל פון אונז וועלען מיר איהם געבען, כדי ער זאָל אָפּטרעטען".

סרח האָט גענטפערט:

„איך האָב איהם געפרעגט, און ער האָט פערלאַנגט איך זאָל איהם געבען טויזענד מאַן, ער זאָל אַוועקגעהן".

די איינוואוינער האָבען פאַרגעשלאָגען:

„אַלץ וואָס יעדער פערמאָגט זאָל ער אַוועקגעבען צו ראַטעווען זיין לעבען".

„איך וועל געהן נאך אמאל צו יואב'ן — האט סרח גע־זאגט — און איך וועל איהם בעטען, ער זאל נעהמען פינף הונדערט מאן און אפטרעטען פון שטאדט".

זי איז אוועק, און צוריקגעקומען, און זי האט בעריכטעט:

„איך האב געפונען חן אין יואב'ס אויגען און ער האט איינגעווילינט צו נעהמען פינף הונדערט מאן".

ווען די איינוואוינער פון שטאדט האבען גענומען צו־גרייטען די פינף הונדערט מאן, האט סרח געזאגט:

„איך וועל נאך אמאל געהן צו יואב'ן און אויסבעטען, וואס וועט איהם ארויסקומען ווען ער וועט פערגיסען דאס בלוט פון פינף הונדערט מענשען — זאל ער נעהמען איין מאן און אונז צורוה לאזען".

„זאל גאט געבען — האבען די איינוואוינער פון שטאדט געזאגט — אז יואב זאל אכטען דיין געבעט און נאכגעבען דיין פערלאנג!"

סרח איז אוועק, צוריקגעקומען, און האט געזאגט:

„לויבט גאט וואס ער האט אונז ניט פערלאזען און אריינ־געגעבען אין יואב'ס הארץ צו ערפילען מיין פערלאנג. ער האט געפאדערט: גיט מיר שבע בן בכרי'ן אליין און איך וועל אפטרעטען פון דער שטאדט".

איין מאן פון צווישען פאלק איז צוגעגאנגען צו סרח'ן און האט געזאגט:

„הער מיך אויס, קלוגע פרוי! דו האסט געזאגט, מיר זאלען דער'הרג'ענען שבע'ן אליין, און מיר וועלען אלע גע־רעטעט ווערען פון טויט, און דיינע ווערטער זיינען געפעלען דעם גאנצען פאלק. גערענק, אבער, אז אויב מיר וועלען פערגיסען זיין בלוט וועלען מיר בעגעהן א זינד געגען גאט, וועלכער טהוט גוטעס צו אלעמען, ווייל גאט וועט פרעגען: ווער האט דאס אייך געזאגט אז פערגיסען דאס בלוט פון שבע בן בכרי'ן איז מיר ליעב, און אייערע לעבענס זיינען

טייערער ווי זיינם? פאַר וואָס מעגען מיר איהם טויטען און ניט פערגיסען איין טראָפּען בלוט אונזערען?"

סרח האָט אויף דעם געענטפערט:

"איך ווייס אַז אַלע לעבענס זיינען גלייך אין גאָט'ס אויגען און קיין מענש מאָר ניט גערעטעט ווערן דורך דער פערגיסען אַ צווייטענ'ס בלוט. איך האָב, אָבער, געדענקט: ווען שבע בן בכרי וואָלט געווען א י ן שטאָדט און מיר א ו י ס ע ר דער שטאָדט, וואָלטען מיר אודאי געזאָגט: מיר טאָרען ניט רעטען אונזערע לעבענס דורך דעם לעבען פון שבע בן בכרי — זאָל ער אַנטלויפען און מיר וועלען ניצל ווערען פון טויט! אָבער איצט איז אַ שטאָדט אין בעלאַגערונגס־צושטאַנד און איהרע מויערען ווערען צו שטערט! וואַרטען מיר נאָך אביסעל, וועלען קומען יואב'ס חילות און אונז אַלעמען אוים'הרג'ענען, ניט לאָזענדיג פון אונז קיין שריד־ופליט; ווארום זיי וועלען זאָגען: איהר האָט געשטיצט שבע'ן דעם בונטאָוושטשיק און איהר האָט איהם בעהאַלטען אין אייער שטאָדט. דערפאַר דענק איך: שבע האָט שוין סיי־ווי־סיי לאַנג איבערגעגעבען זיין קאָפּ צום קעניג, און אויב ער וועט איצט ניט נע'הרג'עט ווערען, וועלען פאַראיבער איינינגע מינוטען און ער וועט אומגעבראַכט ווערען דורך יואב'ס הענד, און אויך אונז וועט ער אויסראָטען. זאָל דעריבער דער סיי־ווי־סיי צום טויט־פערארורטיילטער איצט געטויטעט ווערען, און מיר וועלען אַלע האָבען געראַטעוועט אונזערע לעבענס".

23

אבשלום און זיין שטראָף

ווען אבשלום, דוד'ס זוהן, האָט זיך אומגעקערט פון גשור, האָט דוד געזאָגט:

„זאָל אבשלום אוועק אין זיין היים, און לאָמיך זיין פנים ניט זעהן, ווארום ווי קען איך זיך בעגעגענען מיט דעם מערדער פון מיין זוהן אמנון און איהם ניט בעשטראָפען פאר זיין פערברעכען?"

איז אבשלום אוועק אהיים און ער האָט זיין פאָטער ניט אָנגעזעהן. נאָך איינינע טעג האָט אבשלום געשיקט זיינע קנעכט צו יואב'ן מיט דעם בעפעהל:

„געה אוועק צו מיין פאָטער דוד און בעט איהם ער זאָל ווייכער מאַכען זיין הארץ צו זיין זוהן אבשלום און איהם ערלויבען איהם צו קומען זעהן!"

אָבער יואב האָט זיך צו אבשלום'ס בעפעהל ניט צו־געהערט און ער איז צום קעניג ניט געגאַנגען. האָט אבשלום געשיקט א צווייטען מאָל רופען יואב'ן, און ער האָט זיך ענט־זאָגט צו קומען.

אבשלום איז געוואָרען אין כעס אויף יואב'ן און ער האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט:

„געהט אוועק אין יואב'ס פעלד און צינדט עס אונטער. דאָס וועט איהם ערגערען און ער וועט גלייך קומען".

אבשלום'ס קנעכט האָבען געטאָהן אַלץ וואָס ער האָט זיי געהייסען, און זיי האָבען אונטערגעצונדען די תבואה אין יואב'ס פעלד. און גאָט האָט געזאָגט:

„דערפאַר וואָס אבשלום האָט דאָס געטהאָן און ער האָט פערניכטעט די גאַנצע תבואה, ניט איבערלאָזענדיג אפילו

איין קערענדעל אין די זאנגען, צו קענען פערזייען נאך אמאל, וועל איך אויך איהם קיין קינד ניט געבען און ער וועט שטארבען אז עלענדער!"

24

דוד'ס מטבעות

דוד המלך האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, צו ווענען זילבער אויף עהרליכע וואגשאלען, עס צושמעלצען און מאכען מטבעות. דוד'ס מיניסטארען זיינען צו איהם געקומען און האבען געפרעגט:

„זאג אונז, קעניג, וואס פאר אן אויסזעהן זאלען מיר געבען די מטבעות?"

און דוד האט זיי געענטפערט:

„א שטעקען און א פאסטוך־רענצעל פון איין זייט, און א טורעם פון דער צווייטער זייט".

די מיניסטארען האבען די מטבעות אזוי געמאכט, און יעדער וואס האט געזעהן דוד המלך'ס געלט האט געזאגט:

„אונזער דוד, וועלכער האלט זיך ניט גרויס, אפילו אלס קעניג און ער געדענקט אז פון די שאף האט איהם גאט געבראכט צו ווערען דער פאסטוך פון אידישען פאלק, דארף אונז דיענען פאר א ביישפיעל, צו געהן אין זיינע וועגען און זיין אן עניו און אהן גאוה ווי ער איז".

25
דוד און זיינע שונאים

ווען דוד איז איינמאל קראנק געווארען האבען זיך זיינע שונאים געפרעהט און איהם געשאלטען:

„זאל ער מעהר ניט אויפשטעהן!"

ווען דוד האט געהערט די קללות פון זיינע שונאים, האט ער מתפלל געווען צו גאט:

„א גאט! צייג מיר דיין גנאד און מאך מיך געזונט, אום איך זאל זיי קענען אפצאהלען!"

„ווילסטו זיי אפצאהלען מיט שלעכטס?" — האט גאט געפרעגט.

„חלילה! — האט דוד געענטפערט — ווען זיי וועלען קראנק ווערען וועל איך אנטהאן א זאק, איך וועל פאסטען און זיך פייניגען, און בעטען צו דיר זאלסט זיי געזונט מאכען!"

גאט איז געווען צופריעדען פון דוד'ס ענטפער, און ער האט בעוויליגט זיין געבעט און איהם געזונט געמאכט. און גאט האט קראנק געמאכט דוד'ס שונאים און זיי האבען זיך געמוזט אוועקלעגען. ווען דוד האט זיך פון דעם דערוואוסט, האט ער זיך זעהר מצער געווען; ער האט אנגעטאהן א זאק און האט פאר זיי מתפלל געווען צו גאט, ער זאל זיי געזונט מאכען און זיי שענקען אייביגען פריעדען.

ווען די שונאים האבען געזעהן וואס דוד טהוט בעת זייער קראנקהייט, האבען זיי איהם געפרעגט:

„זאג אונז, דוד, פאר וואס האסטו אנגעטאהן דעם זאק? און ווי קענען מיר וויסען וואס דו בעטסט צו גאט?"

„איך האב געוואוסט — האט דוד געענטפערט — אז אייערע מחשבות וועגען מיר זיינען שלעכטע. איהר דענקט

אז איך בעט גאט, ער זאל זיך אן אייך פאר מיר נוקם זיין אומפערגרעסערען אייערע וועהטאגען . . . דערפאר הערט די ווערטער וואס איך זאג צו גאט: זאל דאס וואס איך בעט מ י ר אנקומען!"...

26

דוד'ס גרויסער קרבן

ווען דוד איז צוגעקומען צום שפיץ פון הר הזיתים, האט ער געזאגט צו זיינע מענשען:

„זוכט מיר אויס אן אפגאט און ברענגט איהם מיר!"

ווען דוד'ס קנעכט זיינען אוועק דורכפיהרען זיין בעפעהל, האט זיי בעגעגענט חושי הארכי, דוד'ס פריינד, און ער האט זיי געפרעגט, וואוהין זיי געהן. זיי האבען איהם געענטפערט: „אונזער קעניג דוד האט אונז געשיקט ברענגען איהם אן אפ־גאט". חושי איז גלייך אוועק צו דוד'ן און געפרעגט:

„זאג מיר, האר קעניג, פאר וואס האסטו געהייסען דיינע קנעכט דיר ברענגען אן אפגאט?"

„איך האב זיי געהייסען ברענגען אן אפגאט, כדי איך זאל זיך צו איהם בוקען".

חושי האט צוריסען זיינע קליידער, געשאטען אש אויף זיין קאפ און געשריען:

„וועט אזא מאן ווי דו זיך בוקען צו אן אפגאט וואס א מענש האט געמאכט?"

און דער קעניג האט חושי'ן געענטפערט:

„דו ווייסט אז מיין נאמען איז גרויס אויף דער גאנצער וועלט, און אלע וואס הערען וועגען מיר זאגען: עס איז ניטא אזא צדיק ווי דוד, וואס הערשט מיט מורא פאר גאט, וואס טהוט פיעל גוטעס און גערעכטיגקייט און היט אפ

גאָט'ס געבאָט. און ווען דאָס פאָלק וועט הערען מיין שלעב־
טען סוף, אז מיין זוהן איז מיך באַפאַלען און מיך דער־
הרג'עט וועלען זיי זאָגען: אך, עס איז אומזיסט צו דיענען
גאָט! ניטאָ קיין גערעכטיגקייט און ניטאָ קיין ריכטער!
דערפאַר האָב איך בעשלאָסען זיך צו בוקען צו אַן אפגאָט, אום
דערמיט צו פערשוועכען מיין נאָמען. די מענשען וועלען דאַן
זאָגען:

„אָט זעהען מיר אַז עס איז דאָ אַ גאָט אַ ריכטער אויף
דער וועלט. דער משפט פון גאָט איז אמת און גערעכט"....

27

דער בופלאָקס און דער לייב

איינמאָל ווען דוד האָט געפּאַשעט זיינע שאָף אין מדבר,
האָט ער געפונען דעם בופלאָקס אַ שלאָפענדיגען אויף איינעם
פון די פעלצער, וואו דוד פלעגט שפּאַצירען יעדען טאָג. דער
בופלאָקס האָט אין דוד'ס אויגען אויסגעזעהן ווי אַ גרויסער
באַרג. ער האָט זיך זעהר געוואונדערט און געפרעגט: „ווי
אַזוי איז פּלוצלונג געוואָרען אַ באַרג אויף דעם דאָזיגען
אָרט?" דוד איז צוגעגאַנגען נעהנטער צום בופלאָקס און איז
אַרויף אויף איהם. אָלס ער איז נעגאַנגען אויפ'ן בופלאָקס
און אַכטונג געגעבען אויף זיינע שאָף, האָט די חיה אויפ־
געוואַכט פון איהר שלאָף, און זיך אויפגעהויבען פון איהר
אָרט. די הויך פון דעם בופלאָקס איז געווען ריעזיג און דוד
האָט זיך זעהר דערשראָקען. ער האָט געווענדעט זיינע אויגען
צו גאָט און געזאָגט:

„אָ, מיין גאָט! אויב דו וועסט מיך אַרונטערלאָזען
בשלום פון דעם דאָזיגען בופלאָקס· וועל איך פאַר דיר בויען

א פּאַלאַץ הונדערט איילען הויך, ווי די הויך פון די הערנער פון דעם דאַזיגען בופלאַקס״.

גאָט האָט געהערט דוד׳ס געבעט און ער האָט געבראַכט א לייב נעגען דעם בופלאַקס. ווען דער בופלאַקס האָט געזעהן דעם קעניג פון די חיות, האָט ער פאַר איהם מורא געקראַגען און ער האָט זיך אַרונטערגעקניהט אויף דער ערד. ווען דוד איז אַרונטערגעגאַנגען און ער האָט דערזעהן דעם לייב, האָט ער זיך ווידער זעהר דערשראָקען און ער האָט ווידער אַמאָל גערופען צו גאָט:

„ראַטעווע מיך, א גאָט, פון דעם לייב׳ס מויל ווי דו האָסט מיך געראַטעוועט פון דעם בופלאַקס׳ הערנער!“

גאָט האָט געשטאַרקט דוד׳ן. און איהם בעשאָנקען מיט גרויסער קראַפט, אַזוי אַז זיין אימה איז געפאַלען אויף אַלע בייזע חיות.

28

דוד׳ס דרך ארץ פאַר זיין רבי

נאָך ווען דוד׳ס רבי, עירא היאירי, האָט געלעבט, פלעגט דוד אַהינקומען יעדען טאָג אין דער שטאָדט, וואו עירא האָט געוואוינט, צו לערנען די אידען תורה. עירא פלעגט זיצען אָנגעשפּאַרט אויף קישענס און קאָלדרעס, ווערהענד דוד איז געזעסען אויף דער ערד ווי א פשוט׳ער מענש.

ווען עירא איז געשטאָרבען און דוד האָט פערנומען זיין פּלאַץ אַלס רבי ביי אידען, האָבען איינמאָל די תלמידים געפרעגט דוד׳ן, פאַר וואָס ער זעצט זיך נישט אויף קישענס און קאָלדרעס פונקט ווי עס פלעגט זיך פיהרען עירא היאירי. דוד האָט זיי געענטפערט:

„ווער בין איך דאָס, אַז איך זאָל זיך קענען גלייכען צו מיין רבי'ן, און זיך אויך אוועקזעצען אויף קישענס?"....

און גאָט האָט געזאָגט צו דוד'ן:

„דערפאַר וואָס דו האָלסט זיך אַזוי קליין, וועסטו זיין דער הויפּט פון אַלע אידען און דיין נאָמען און אָנדענקען וועלען לעבען אייביג!"

29

בלוט שווייגט ניט

אין די צייטען פון דוד המלך האָט געלעבט איינער אַ רייכער מאַן וואָס האָט געהאַט דיענער און דיענסטען און אַ סך גיטער. און ביי איהם איז געווען איין זוהן, אַ בן יחיד. וואָס האָט דער רייכער מאַן געטהאָן? ער האָט איינגעקויפט אַ סך סחורות. און האָט דאָס איבערגעגעבען צו זיין זוהן צו האַנדלען.

דער זוהן האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיף און איז אַוועקגעפאָהרען אין אַ ווייטע לאַנד. דאָרט האָט ער זיך געזאַמט אַ סך יאָהרען. און אין דער צייט איז דער פאָטער געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזען זיין גאַנצען פערמעגען אין די הענד פון זיינעם אַ קנעכט וועלכער איז געווען זיין שאַצמייסטער.

דער קנעכט האָט אָנגעהויבען צו געוועלטיגען איבער די אַנדערע הויז דיענער און ער פלעגט זיי אָנטהאָן אַזוי פיעל יסורים ביז זיי זיינען אַלע צולאָפען פון דאָרט, און ער איז געבליבען אַליין ביי דעם פערמעגען וואָס זיין האַר האָט איבערגעלאָזען. פלעגט ער עסען און זיך לאָזען וואוילגעהן מיט דעם פרעמדען געלד, און קיינער האָט איהם געשטערט.

אין א צייט ארום האט זיך יענער בחור צוריקגעקעהרט פון מרחקים, און קומענדיג אין זיין פאטער'ס הויז, האט ער אויסגעפונען אז זיין פאטער איז שוין אוועק אויף יענער וועלט. און אזוי ווי ער געהט ארום אין דער הויז קומט אן דער קנעכט און שטופט איהם ארויס, זאגענדיג מיט גרויס חוצפה:

„וואס טהוסטו אין מיין הויז, דו פערשייטער יונג?!"

וואס האט דער בחור געטהאן? ער האט גענומען זיין שטעקען און שלאגענדיג דעם קנעכט איבער'ן קאפ האט ער געשריען: „דו האסט פערכאפט מיין פערמעגען און מיין פאטער'ס און דו לאזט זיך וואויל געהן אויף אונזער געלד!" און זיי האבען זיך גענומען קריגען און שלאגען, און קיינער איז געוועזן ווער עס זאל זיי פונאנדערנעהמען. ביז דער בחור איז אוועק צו דוד המלך און האט זיך בעקלאגט אויף דעם קנעכט. ער האט אזוי געזאגט: „דער מלך זאל אייביג לעבען! יענער קנעכט האט צוגענומען דעם גאנצען פערמעגען וואס מיין פאטער האט מיר איבערגעלאזען און ער זאגט אז ניט איך בין דער זוהן פון דעם פערשטארבענעם, נאר ער".

„האסטו עדות?" האט דוד המלך געפרעגט.

„ניין," האט דער בחור געענטפערט.

דער קעניג האט געשיקט רופען דעם קנעכט און האט איהם געפרעגט די זעלבע פראגע: „האסטו עדות?" האט דער קנעכט אויך געענטפערט אז ער האט ניט. און דער קעניג האט צום קנעכט געזאגט: „געה אהיים, דו דארפסט גארניט צוריקגעבען".

ווען דער יתום האט דאס געהערט האט ער אנגעהויבען וויינען און שרייען פאר'ן מלך, און א צווייטען מאל און א דריטען מאל האט ער געשריען צום מלך, ביז דער מלך האט אוים זיך אנגעבייזערט און האט געזאגט: „אויב דו וועסט זיך וואגען צו זאגען אנדערש ווי איך, וועל איך דיך בע-

שטראָפֿן. אויב דו האָסט עדות איז גוט, און אויב ניט, ווי קען איך דיר העלפֿן?"

שלמה, וועלכער איז דערביי געווען און האָט זיך צו־געהערט צו די אַלע רייד, האָט אָבגערופֿן דעם בחור אַז אַ זייט און האָט צו איהם געזאָגט: „שריי נאָך אַמאָל צום מלך און אויב ער וועט אויף דיר בייז ווערען זאָלסטו איהם זאָגען: „אדוני המלך! אויב דו ווילסט ניט פֿיהרען מיין משפט, גיב מיך איבער אין די הענד פֿון דיין זוהן שלמה."

דער סוף איז געווען אַז דוד המלך האָט דעם משפט איבערגעגעבען צו שלמה זיין זוהן. האָט שלמה געזאָגט צו דעם בחור: ווייסטו וואו דיין פֿאָטער'ס קבר איז?" האָט דער בחור געענטפֿערט: „ניין", האָט שלמה געשיקט רופֿען דעם קנעכט און איהם געפֿרעגט: „דו ווייסט וואו דיין פֿאָטער'ס קבר געפֿינט זיך?" האָט דער קנעכט געענט־פֿערט: „יאָ".

„אויב אַזוי", האָט שלמה געזאָגט, טאָ גיי און ברייננ מיר דיין פֿאָטער'ס אַ ביין".

דער קנעכט איז אַוועק, האָט אויפֿגעגראָבען דעם קבר פֿון זיין האַר, האָט ביי איהם אָבגעשניטען אַ ביין און גע־בראַכט צו שלמה'ן.

„איהר מוזט זיך לאָזען בלוט געהן", האָט שלמה געזאָגט צו ביידען, „און יעדער איינער זאָל זיין בלוט האַלטען אין אַ בעזונדער כלי."

נאָכדעם אַז זיי האָבען אַזוי געטהאָן, האָט שלמה געזאָגט צום קנעכט:

„יעצט טונק איין דעם טויטען ביין אין דיין בלוט".

דער קנעכט האָט איינגעטונקט און דער ביין האָט ניט אָנגענומען קיין פֿאַרב.

„יעצט טונק דו איין דעם ביין אין דיין בלוט", האָט שלמה געזאָגט צו דעם בחור.

דיזען מאָל האָט דער ביין איינגענומען אין זיך דאָס בלוט און איז געוואָרען רויט.

שלמה האָט געוויזען דעם ביין צו אלע פערזאַמעלטע און האָט געזאָגט: „אָט דיזע בלוט שטאַמט פון דיעזען ביין, דארום האָט עס זיך איינגענומען".

און אלע אידען וואָס האָבען דאָס געזעהן און געהערט, האָבען זיך געוואונדערט איבער שלמה'ס חכמה. און שלמה האָט דעם פערמעגען געהייסען אומקעהרען צום ריכטיגען יורש און דער קנעכט האָט ביי איהם געמוזט בלייבען דיענען.

30

נאַרישקייט גילט אויך

איינמאָל האָט דוד געזאָגט צום אייבערשטען: „אַלעס וואָס דו האָסט בעשאַפען איז גוט און שעהן, און חכמה איז נאָך בעסער און שעהנער פון אלע דיינע שאַפונגען, אויסער נאַרישקייט. אָט געהט אַמאָל אין גאַס אַ שוטה און רייסט אויף זיך די קליידער, און קליינע קינדער לויפען איהם נאָך. פאַסט עס פאַר דיר, רבונו של עולם, אַז דו זאָלסט אַזעלכעס בעשאַפען אויף דער וועלט?"

האָט דער אייבערשטער געענטפערט:

„דו האָסט טענות וואָס איך האָב בעשאַפען נאַרישקייט? איך שווער ביי דיין לעבען אַז דו וועסט נאָך אַמאָל דאַרפען אַנקומען צו נאַרישקייט. און נאָך מעהר: דו וועסט ביי מיר בעטען אַז איך זאָל אין דיר אַריינגעבען אַ ביסעל נאַריש-קייט".

עס האָט ניט לאַנג גענומען און דוד האָט געמוזט לויפען פון שאול המלך. איז ער געלאָפען צו אכיש דער מלך פון גת.

„וואס טהוסטו?" האט דער אייבערשטער געפרעגט דוד'ן, „צו אכיש'ן לויפסטו? דא ניט לאנג האסטו גע'הרג'עט גלית הפלישתי און יעצט געהסטו צו אכיש'ן, און דו טראגסט מיט זיך גלית'עס שווערד. און ווייסטו ניט אז גלית'עס ברודער איז דער לייב וועכטער פון אכיש. און גלית'עס בלוט האט די ערד נאך ניט איינגעזאפט, און דו געהסט צו איהם!"

ווען מענשען אין גת האבען געזעהן דוד'ן קומען, איז געווארען א טומעל, און איינער פון זיי, א שוואגער פון דעם קעניג'ס לייב וועכטער, איז צו איהם געקומען און האט גע־זאגט: „אט דא געפינט זיך דער וואס האט גע'הרג'עט דיין ברודער". און דער לייב וועכטער האט געזאגט: „לאמיר הרג'ענען דעם וואס האט גע'הרג'עט אונזער ברודער".

„ווארט אוים!" האט זיי אכיש אבגעהאלטען. „האט ער דען אייער ברודער סתם אזוי ערמארדעט, אדער אין מלחמה? האט דען ניט אייער ברודער געהאט מיט די אידען אן אב־מאך, דאס אויב ער וועט זיעגען וועלען די אידען זיין ביי איהם קנעכט, און אויב דוד וועט איהם בעזיעגען וועלען די פלישתים זיין קנעכט ביי די אידען?"

„אויב אזוי", האבען זיינע מענשען געזאגט צו אכיש'ן, „דארפסטו דאך אבטרעטען דיין קעניגליכען שטוהל צו דוד'ן און מיר וועלען זיין קנעכט ביי איהם".

אכיש האט זיך געפונען געשלאגען מיט די רייד און דוד האט אנגעהויבען מורא צו האבען, טאמער וועט אכיש איהם וועלען טאהן שלעכטס. האט דוד אנגעהויבען בעטען: „רבונו של עולם! העלף מיר אין דיזער שלעכטער צייט!" האט דער אייבערשטער געפרעגט: „וואס ווילסטו?" האט דוד געזאגט: „גיב מיר אביסעל פון די נארישקייט וואס דו האסט בעשאפען אויף דער וועלט". האט דער אייבערשטער געענטפערט: „אויב דו ווילסט אזוי וועל איך דיר געבען".

האט דוד זיך געמאכט פאר א שוטה, ווי איינער וואס האט פערלארען זיין פערשטאנד, און האט געשריבען אויף די ווענד, „אכיש דער קעניג פון גת איז מיר שולדיג הונדערטע צעהנדליגע טויזענדער". די פרוי און די טאכטער פון אכיש זיינען געווען ביידע משוגע און מען האט זיי געהאלטען פערשפארט. האבען מוטער און טאכטער געשריען און גע־מאכט משוגענע שטיק אין הויז און דוד האט געשריען און זיך משוגע געמאכט אין דרויסען. האט אכיש אויסגעשריען צו זיינע מענשען: „החסר משוגעים אני — וועניג איינענע משוגעים האב איך, דאס איהר האט מיר געבראכט אט דעם, ער זאל מיר אויך צייגען זיינע משוגענע שטיק?" און ער האט געהייסען דוד'ן ארויסטרייבען.

דאן האט זיך דוד געפרעהט וואס ער האט זיך געראטע־ווען צוליעב נארישקייט און מיט גרויס פרייד האט ער אויס־גערופען: „וואס פאר א גוטע זאך איז נארישקייט!"

31

פאטער ליעבע און מוטער ליעבע

יואב האט אמאל געהערט דוד המלך זאגען: „כרחם אב על בנים". האט זיך יואב געוואונדערט און געפרעגט: „שוין־זשע איז די ליעבע פון א פאטער צו קינדער גרעסער ווי די ליעבע פון א מוטער? א מוטער'ס ליעבע איז דאך די גרעסטע! זי פאסט אויף די קינדער זייט זיי ווערען געבוירען און זי ערציהט זיי. און ער, דוד, זאגט אזא זאך!"

„איך וועל טאהן אזוי", האט יואב געזאגט, „איך וועל ארויסגעהן און בעטראכטען די וועלט מיט די מענשען און זעהן אויב דאס איז אמת וואס דוד המלך האט געזאגט".

האט יואב בעריזט דעם גאנצען אידישען תחום אום צו בעטראכטען דעם לעבען. ער איז געקומען אין איין ארט און איז איינגעשטאנען ביי איינעם, אז אלטען מאן, וועלכער איז געוועזן זעהר ארים און ער האט געהאט צוועלף זיהן. דער אלטער האט געארבייט טאג־איין, טאג־אויס, אין פעלד, און אין אווענד פלעגט ער פאר זיינע פערדיענסטען קויפען א ברויט און פלעגט מיט דעם שפייזען בדוחק, זיך, זיין פרוי און זיינע קינדער. און כאטש ער איז געוועזן אלט און ארים האט ער זיינע קינדער ניט געשיקט ארבייטען, נאר ער האט פאר זיי געארבייט און זיי געשפייזט.

אזוי האט ער געטאהן יעדע נאכט: ער פלעגט צו־שניידען דעם ברויט אין פערצעהן חלקים און געבען יעדען פון זיינע קינדער א חלק, און זיין פרוי און זיך צו חלק.

ווען יואב האט דאס געזעהן האט ער זיך געטראכט: קיין בעסערע געלעגענהייט צו מאכען א פראבע איז ניטא ווי דא, איז דיזע הויז.

אויף מארגען, אז דער אלטער איז געגאנגען אין פעלד צו זיין ארבייט האט צו איהם יואב געזאגט:

„וואס איז דאס פאר אן עסק? דו ביזט אזא אלטער מאן און דו ארבייטסט שווער א גאנצען טאג צו שפייזען דיינע קינדער! עס איז ניט רעכט געגען דיר. זיי האבען גע־דארפט ארבייטען און דיך שפייזען. אויב דו ווילסט פאלגען מיין עצה, פערקויף מיר איינעם פון דיינע זיהן און דו וועסט האבען גענוג צו שפייזען זיך און דיינע אנדערע קינדער".

ווען דער אלטער מאן האט דאס געהערט האט ער אויף דעם גאסט זיך גוט אנגעבייזערט און איז אוועק. האט זיך יואב געוואונדערט צו דער מוטער און האט געזאגט: „וואס בעדייט דאס וואס איהר, אלטע, טוהט? איהר האט צוועלף זיהן און איהר ארבייט און זיי עסען!" האט די פרוי גע־

ענטפערט: „אזוי פיהרט זיך די וועלט. פאטער און מוטער שפּייזען זייערע קינדער״.

„עס איז אָבער ניט גוט״, האט יואב געזאגט, „אז איהר זאָלט א גאנצען טאג זיין פערנומען מיט ארבייט און שפּייזען אייערע קינדער וועלכע טוהען קיין ארבייט און געהען ארום ליידיג״.

„און ווי קענען מיר אנדערש מאכען?״ — האט זי גע־פרעגט.

„פערקויפט מיר איינעם פון אייערע זיהן און איך וועל אייך געבען א סך געלד און איהר וועט זיך קענען ערנעהרען מיט אייערע קינדער גאנץ בכבוד׳יג״, האט יואב געזאגט.

„איך וועל עס זאגען מיין מאן, אפשר וועט ער איינגעהן אויף דעם״, האט די פרוי געזאגט.

„זאג איהם״.

„אבער ער וועט אפשר ניט וועלען״.

„ווייסטו וואס״, האט יואב געזאגט, „דו פערקויף מיר א זוהן און דיין מאן וועט גאר ניט מערקען, ווייל איהר האט אזוי פיעל.״

„איך האב אבער מורא, אז טאמער וועט זיך מיין מאן יא דערוויסען, וועט ער מיך הרג׳ענען.״

„פערקויף איהם מיר און איך וועל דיר פאר איהם געבען הונדערט גאלדענע רענדלעך, און אויב דיין מאן וועט זיין אין כעס, וועל איך דיר דיין זוהן אומקעהרען״.

די פרוי איז מרוצה געווארען, האט ביי איהם גענומען דאס געלד און האט איהם געגעבען איינעם פון איהרע זיהן.

נאכדעם איז יואב ארוים אין דרויסען צו זעהן, וואס עס וועט פארקומען אין אווענד.

ווען דער אלטער איז געקומען אהיים און זיך געזעצט עסען האט ער ווי זיין שטייגער איז געווען, גענומען א ברויט,

עס צושניטען אין פערצעהן חלקים און גענומען געבען יעדען זיין חלק, און ווען ער האט געזעהן אז איין שטיק ברויט איז ביי איהם איבערגעבליבען האט ער א געשריי געטאהן: „וואו איז דער איינער?“ האט איהם די פרוי געענטפערט: „ער איז מיט זיינע חברים“.

„געהט רופט איהם“, האט דער מאן געזאגט, „ווייל איך וועל ניט עסען ביז ער וועט צוריק קומען.

„פריהער עס אב“, האט די פרוי געזאגט, „און נאכדעם וועלען מיר איהם שיקען רופען“.

„ניין!“ האט דער מאן זיך איינגע׳עקשנ׳ט, „איך וועל גארנישט פערזוכען איידער ער וועט קומען.“

ווען די פרוי האט געזעהן, אז עס האלט אזוי, האט זי געזאגט:

„וואס זאל איך פון דיר בעהאלטען, מיין מאן? איך האב איהם פערקויפט צו יענעם מאן וואס איז געווען דא ביי אונז אין הויז, און דא האסטו די גאלדענע הונדערט רענדלעך וואס איך האב גענומען פאר איהם. און געטאהן האב איך דאס, כדי דו זאלסט ניט דארפען אזוי שווער זיך מאטערען פון זייערטוועגען“.

ווען דער אלטער פאטער האט דאס געהערט, האט ער די נאכט ניט געגעסען און ניט געטרונקען. אין דער פריה איז ער אויפגעשטאנען, האט מיטגענומען די הונדערט רענדלעך און דערצו אויך געוועהר. און ער איז געווען ביי זיך ענטשלאסען, דאס אויב דער מאן וועט ניט וועלען צוריק־נעהמען די הונדערט רענדלעך און איהם אבגעבען זיין זוהן, וועט ער איהם דער־הרג׳ענען. און אזוי איז דער אלטער געגאנגען אין דעם וועג וואו יואב האט געווארט אויף איהם.

„קעהר מיר אום מיין זוהן“, האט דער אלטער געזאגט ווען ער איז אנגעקומען צו דעם ארט וואו יואב איז געשטאנען

און איהם אבגעוואָרט. „גיב מיר צוריק מיין זוהן און נאָ דיר צוריק דיין געלד...“

„זיין מוטער האָט איהם מיר פערקויפט, טאָ ווי קען איך איהם אומקעהרען צו דיר?“ האָט יואב גע׳טענה׳ט. „האָט זי דען ניט א גלייכען חלק אין דיין זוהן אזוי ווי דו? און טאָמער וועסטו זאָגען אז דו האָסט אויך אין איהם א חלק, וועל איך דיר צייגען, אז דער פערקויף איז א געזעצליכער. דו האָסט צוועלף קינדער און אין יעדען איינעם האָט דיין פרוי א חלק, האָט זי פאַר איהר חלק פערקויפט איין קינד, קענסטו דערפאַר פאַר זיך אבנעהמען אַן אנדער קינד פאַר דיר אליין.“

„זאָלסט מעהר קיין וואָרט ניט ריידען!“ האָט דער אַלטער געשריען. „אויב דו קעהרסט מיר ניט אום מיין זוהן, איז ענטוועדער איך הרג׳ע דיך אָדער דו הרג׳עסט מיך“.

ווען יואב האָט דאָס געהערט האָט ער געלאַכט, האָט צר גענומען זיין געלד און האָט אומגעקעהרט דעם זוהן.

„דוד איז געווען גערעכט ווען ער האָט געזאָגט „כרחם אב על בנים“ און ניט כרחם אם. די ליעבע פון א פאָטער צו קינדער איז טאַקע שטאַרקער ווי די ליעבע פון א מוטער. אַט דעם קינד האָט די מוטער פערקויפט כאָטש זי אַרבייט גאָרניט אום איהם צו שפייזען, און דער פאָטער, וואָס אַרבייט יאָ אום איהם צו שפייזען, האָט צוליעב דעם קינד געוואָלט שטעלען זיין לעבען אין סכנה. אַט דאָס מיינט „כרחם אב“.

32
קליגער פון פרעה׳ן

ווען שלמה המלך האט געדארפט בויען דעם בית המקדש האט ער געשיקט צו פרעה מלך מצרים און האט פון איהם געבעטען: „שיק מיר קינסטלער און איך וועל זיי גוט בעצאהלען, ווייל איך וויל בויען דעם בית המקדש.“

וואס האט פרעה געטאהן? ער האט פערזאמעלט אלע זיינע שטערנזעהער און האט צו זיי געזאגט: „קוקט ארויף צו די שטערען און געפינט אויס, וועלכע מענשען דארפען שטארבען דיעזען יאהר. דיעזע מענשען וועל איך שיקען צו שלמה׳ן, כדי איך זאל נאכדעם קענען האבען א טענה צו איהם, אז ער האט אויסגע׳הרג׳עט מיינע מענשען און איך וועל ביי איהם פאדערען געלד פאר זיי“.

ווען די מענשען זיינען געקומען צו שלמה׳ן האט ער דורך רוח הקודש געזעהן, אז זיי דארפען שטארבען דעם יאהר. האט ער זיי געגעבען תכריכים און האט זיי צוריק־געשיקט צו פרעה׳ן און האט איהם געהייסען זאגען:

„דו אליין האסט ניט געהאט אויף תכריכים צו בעגראבען דיינע מתים, טא האסטו זיי מיט פארטיגע תכריכים. יעצט געה און בעגראב זיי...“

אט דאס האט דער פסוק געזאגט, אז שלמה׳ס חכמה איז געווען פיעל גרעסער ווי די חכמה פון מצרים.

שלמה און פרעה׳ס טאכטער

די גאנצע זיבען יאהר וואס שלמה האט געבויט דעם בית המקדש האט ער קיין וויין ניט געטרונקען. דעם טאג וואס דער בית המקדש איז פערטיג געווארען האט שלמה

המלך גענומען בתיה די טאָכטער פון פרעה פאַר אַ ווייב. יענע נאַכט האָט ער געטרונקען וויין. און אין יענער נאַכט זיינען פאַרגעקומען צוויי בעלער, איינער לכבוד דעם בית המקדש און דער אנדערער לכבוד פרעה׳ס טאָכטער. אָבציג פערשידענע טענץ האָט פרעה׳ס טאָכטער געטאַנצט אין יענער נאַכט. און די לוסטיגע קולות פון דעם באַל לכבוד דער עגיפּטישער פרינצעסין האָט איבערגעשטיגען די שמחה פון בית המקדש.

וואָס נאָך האָט פרעה׳ס טאָכטער געטאָהן? זי האָט איבער שלמה׳ס בעט אויפגעצויגען אַ פאָרהאַנג אַזוי ווי אַ חופה, און האָט אין דעם איינגעפאַסט אַלערליי טייערע בריליאַנטען און פערל, וואָס האָט געפינקעלט און געגלאַנצט אַזוי ווי די שטערען אין הימעל. און יעדען מאָל אַז שלמה האָט געוואָלט אויפשטעהן און ער פלעגט זעהן די פאַלשע שטערן, פלעגט ער מיינען אַז עס איז נאַכט און בלייבען ליגען אין בעט. און דורכדעם איז דער קרבן תמיד פערשפּעטיגט געוואָרען, ווייל שלמה האָט געהאַט די שליסלען פון בית־המקדש ביי זיך צוקאָפּענס און די אידען האָבען מורא געהאַט איהם צו וועקען. איז מען געגאַנגען צו בת־שבע זיין מוטער און מען האָט איהר פון דעם געמאָלדען. איז בת שבע געגאַנגען, האָט שלמה׳ן אויפגעוועקט און האָט איהם אויסגע׳מוסר׳ט.

וואָס בעשערט דאָס בעווערט

שלמה המלך האָט געהאַט אַ טאָכטער, איז זי געווען אַזוי שעהן, דאָס מען האָט ניט געקענט געפינען איהר גלייכען אין גאַנץ ארץ ישראל. האָט ער איינמאָל בעטראַכט די מזלות צו דערגעהן ווער עס איז איהר בעשערטער און ווער עס

וועט זי נעהמען, און ער האָט געזעהן אַז איהר חתן איז א גרויסער אָרימאַן וואָס צווישען אַלע אידען איז נאָך אזא אביון גאָר ניט צו געפינען. וואָס טוהט שלמה המלך? נעהמט ער און בויט אויס אויף א קליינעם אינזעל אין מיטען ים א הויכען טורעם, און אין דעם הויכען טורעם, וועלכער איז געווען אַרונגעריגעלט מיט ים פון אַלע זייטען, האָט ער גענומען און אַריינגעזעצט זיין טאָכטער. צוזאַמען מיט איהר האָט ער אריינגעזעצט זיבעציג וועכטער פון די עלטסטע און פאַרנעהמסטע אידישע מענער. און אין דעם טורעם האָט ער ניט געמאַכט קיין טיהר, כדי קיינער זאָל ניט קענען אריין. און ער האָט די טאָכטער מיט איהרע וועכטער בעזאָרגט מיט שפּייז פאַר א לאַנגע צייט. און נאָכ־דעם האָט שלמה המלך געזאָגט: „יעצט, לאָמיך זעהן וואָס וועט ווייטער זיין!"

א צייט שפּעטער איז יענער אָרימאַן, וואָס איז געווען איהר בעשערטער, געגאַנגען אין וועג, שפּעט ביי נאַכט. און ער איז געווען נאַקעט, באָרוועס, הונגעריג און דאָרשטיג, און האָט ניט געהאַט וואו איבערצונעכטיגען. האָט ער דער־זעהן א געפּגר׳טען אָקס ליגען אין פעלד. דער קערפּער איז שוין געווען האַלב אויפגעגעסען פון פויגלען. איז דער אָרים בחור אריינגעקראָכען אין דעם קערפּער פון דער נבלה אום זיך צו בעשיצען פון דער קעלט. און ווי נאָר ער איז אריינ־געקראָכען איז ער גלייך איינגעשלאָפען. איז געקומען א גרויסער פויגעל און האָט אויפגעהויבען די נבלה און האָט עס אַוועקגעטראָגען צום דאַך פון יענעם גרויסען טורעם, גראָדע איבער דעם צימער פון די בת מלכה. און דאָרט האָט דער פויגעל געגעסען די פליישׁ פון דעם פּגר און זיך נאָכדעם אַוועק. דער בחור איז שפּעטער ארויסגעקראָכען פון דער בעהעלטעניש און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן דאַך

און זיך געוואונדערט, ווי אזוי ער קומט אין אזא פרעמדען ארט.

ווען עס איז טאג געווארען איז ארויס די בת־מלכה אויפ'ן דאך, צו געניסען די פרישע מארגען לופט, אזוי ווי עס איז געווען איהר שטייגער יעדען טאג, און זי האט דערזעהן דעם בחור. האט זי איהם געפרעגט: „ווער ביזטו און ווער האט דיך געבראכט אהער?“

„איך בין א איד“, האט ער געענטפערט, „און איך קום פון דער שטאדט עכו. געבראכט האט מיך אהער א פויגעל“.

און ער האט איהר דערצעהלט די גאנצע געשיכטע ווי אזוי ער איז אנגעקומען אויף דעם דאך פון טורעם.

וואס האט די בת־מלכה געטאהן? זי האט גענומען דעם בחור, איהם אריינגעפיהרט אין איהר צימער, האט איהם ארומגעוואשען, אנגעטאהן און צוגעפוצט און ער האט אויס־געזעהן אזוי שעהן, דאס צו זיין שעהנקייט איז גאר קיין גלייכען ניט געווען צו געפינען. די בת מלכה האט איהם ליעב בעקומען מיט איהר גאנץ הארץ און נשמה, און זי איז שטארק צונעבונדען געווארען צו איהם, ווייל זי האט געזעהן, אז דער בחור איז א גרויסער געלעהרטער און א שרייבער.

איינמאל זאגט זי צו איהם:

„ווילסטו מיט מיר חתונה האבען?“

„זעהר גערן“, האט דער בחור געענטפערט.

האט ער זיך בלוט געלאזען און האט מיט דעם בלוט איהר אנגעשריבען א כתובה, און האט זי מקדש געווען, זאגענדיג: „דער אייבערשטער איז אונזער עדות, און מיכאל און גבריאל זיינען אויך עדות“. און נאכדעם זיינען זיי געווארען מאן און פרוי, אזוי ווי אלע מענשען.

אז די אלטע לייט, די וועכטער, האבען איינמאל בע־מערקט אז די בת־מלכה צייגט צייכענס פון מוטערשאפט,

האבען זיי צו איהר געזאגט: „דאכסט זיך אז דו ווערסט מוטער". האט זי געענטפערט: „יא". האבען זיי געפרעגט: „ווער איז דער מאן?" האט זי געענטפערט: „צו וואס דארפט איהר עס וויסען?"

האבען די אלטע לייט זיך גענומען שרעקען, טאמער וועט זיי שלמה המלך בעשטראפען. האבען זיי געשיקט נאך איהם, אז ער זאל קומען זיך דורכריידען מיט זיי.

שלמה המלך האט זיך אריינגעזעצט אין א שיף און איז צו זיי געקומען. האבען די אלטע לייט איהם דערצעהלט די געשיכטע און געבעטען ער זאל זיי ניט בעשולדיגען! ווייל זיי פערשטעהען גארניט ווי דאס איז געשעהן. זיי האבען אין דעם טורעם קיין פרעמדען מענשען ניט געזעהן.

דאן האט שלמה גערופען זיין טאכטער און האט איהר גענומען אויספרעגען, האט זי איהם דערצעהלט:

„דער אייבערשטער האט מיר צוגעשיקט א חתן. ער איז א שעהנער, א גוטער, א געלעהרטער און א שרייבער, און ער האט מיך מקדש געווען".

נאכדעם האט זי גערופען דעם יונגען מאן און האט איהם פארגעשטעלט פאר'ן קעניג. און זי האט איהם געצייגט איהר כתובה וואס ער האט איהר אנגעשריבען. דער קעניג האט ארומגעפרעגט דעם יונגענמאן פון וואס פאר א משפחה ער קומט, פון וואס פאר א שטאדט, און ווער עס זיינען געווען זיינע עלטערען. און פון דעם יונגענמאנ'ס קלוגע רייד האט דער קעניג פערשטאנען, אז ער איז דאס דער בחור וואס איז זיין טאכטער'ס אמת'ער בעשערטער. און דער קעניג האט געזאגט:

„געבענשט זאל זיין דער אייבערשטער, וואס ברענגט צוזאמען די פרוי מיט איהר מאן!"

33
אַ מאַן מיט צוויי קעפּ

איינמאָל איז אשמדאי, דער מלך פון אַלע שדים, אַריינגעקומען צו שלמה המלך און האָט צו איהם געזאָגט: „דו ביזט דאָס אויף וועמען עס שטעהט געשריבען, אַז ער איז דער קלינגסטער פון אַלע מענשען?" האָט שלמה המלך געענטפערט: „אַזוי האָט מיר פערזיכערט דער אייבערשטער". האָט אשמדאי געזאָגט: „אויב דו ווילסט וועל איך דיר ציינען אַ זאַך וואָס דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן און קיינמאָל פון דעם ניט געוואוסט". האָט שלמה געענטפערט: „צייג מיר!"

אשמדאי האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד גאַנץ ווייט, אין עק וועלט, און האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ מענשען מיט צוויי קעפּ און פיער אויגען. שלמה האָט זיך דערשראָקען, און אַ פערציטערטער האָט ער אויסגעשריען: „פיהרט איהם אַריין אין אַ זייטיגען צימער!" נאָכדעם האָט ער געשיקט רופען בניהו בן יהוידע און האָט איהם געפרעגט: „דענקסטו אַז אונטער אונז געפינען זיך אויך מענשען?" האָט בניהו געענטפערט: „איך שווער ביי דיין לעבען, אדוני המלך, אויב איך ווייס. אָדער איך האָב געהערט פון אחיתופל׳ן, אַז אונטער אונז געפינען זיך אויך מענשען".

„ווי איז אַז איך וועל דיר צייגען איינעם פון יענע מענשען?" האָט שלמה געפרעגט. „וואָס וועסטו דאַן זאָגען?"

„און ווי קענסטו מיר צייגען אַ מענשען פון אונטער דער ערד, וואָס נעהמט אפשר פינף הונדערט יאָהר אַהין צו געהן?" האָט בניהו צוריק געפרעגט.

באַלד האָט שלמה געלאָזט ברענגען דעם מענשען מיט צוויי קעפּ. און ווי נאָר בניהו האָט איהם דערזעהן האָט

ער זיך אויך דערשראָקען און האָט געמאַכט די ברכה „שהחיינו וקיימנו לזמן הזה". נאָכדעם האָט ער דעם מענשען גע־פרעגט: „פון וואַנען שטאַמסטו?"

„איך שטאַם פון מענשען", האָט יענער געענטפערט, „פון קין'ס משפחה".

„און אין וועלכער לאַנד וואוינסטו?"

„אין דעם לאַנד תבל".

„האָט איהר א זון, אָדער א לבנה?"

„יא. און מיר אַקערען און מיר שניידען און מיר האָבען שאָף און פיה".

„און פון וועלכען זייט געהט ביי אייך אויף די זון?"

„פון מערב און זי געהט אונטער אין מזרח".

„בעט איהר גאָט?"

„יא!"

„און אין וואָס בעשטעהט אייער בעטען?"

„מיר זאָגען: „מה רבו מעשיך ה' כלם בחכמה עשית" — ווי גרויס זיינען דיינע טהאַטען, אָה, גאָט! דו האָסט אַלעס געטאָהן מיט חכמה".

„אויב דו ווילסט וועלען מיר דיר צוריקקעהרען צו דיין אָרט."

„טוהט מיר די טובה און קעהרט מיך טאַקע אום".

שלמה המלך האָט גלייך גערופען אשמדאי און האָט צו איהם געזאָגט: „געה און קעהר איהם אום צו זיין אָרט".

האָט אשמדאי געענטפערט:

„דאָס קען איך קיינמאָל ניט טאָהן".

ווען דער מענש מיט די צוויי קעפּ האָט געזעהן, אז ער קען שוין ניט געהן צוריק אין זיין לאַנד, איז ער פער־בליבען אין ירושלים און האָט דאָרט גענומען א פרוי. די פרוי האָט איהם געבוירען זיבען קינדער. זעקס זיינען געווען אין איהר געשטאַלט און איינער איז געווען ווי דער פאָטער, מיט

צוויי קעפּ. און דער פאַטער האָט געאַרבייט און איז געוואָרען זעהר רייך, איינער פון די רייכסטע מענשען אין דער וועלט.

אין אַ צייט אַרום איז ער געשטאָרבען און האָט איבער־געלאָזען זיין פערמעגען צו די קינדער. האָבען די קינדער גענומען זיך קריגען וועגען דער ירושה. די זעקס האָבען געזאָגט: „מיר זיינען זיבען ברידער און מען דאַרף די ירושה צוטהיילען אויף זיבען חלקים. און דער וואָס איז געווען מיט די צוויי קעפּ האָט געזאָגט: „מיר זיינען אַכט און מען דאַרף די ירושה צוטהיילען אויף אַכט חלקים". עס הייסט, אז ער אַליין האָט געמאָנט צוויי חלקים. און אַזוי זיינען זיי געקומען צו שלמה המלך.

ווען שלמה המלך האָט אויסגעהערט זייערע טענות, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. האָט ער געשיקט נאָך די סנהדרין. האָבען זיי אויך ניט געוואוסט.

„מאָרגען פריה וועל איך אַרויסגעבען מיין משפט", האָט שלמה המלך געזאָגט.

האַלבע נאַכט איז שלמה המלך געגאַנגען אין בית המקדש און האָט געבעטען: „רבונו של עולם! ווען דו האָסט זיך ענטפּלעקט פאַר מיר אין גבעון און דו האָסט מיך געפרעגט וואָס איך פערלאַנג פון דיר, האָב איך דיר געזאָגט, אז איך פערלאַנג ניט קיין זילבער און קיין גאָלד, בלויז חכמה צו משפּט'ן די מענשען. גיב מיר יעצט שכל אַז איך זאָל קענען אַרויסגעבען אַ ריכטיגען משפט". האָט זיך געהערט אַ שטי־מע: „מאָרגען וועסטו קענען משפּט'ן!"

אין דער פריה האָט שלמה המלך געהייסען צוזאַמענרו־פען די סנהדרין און מען האָט אויך געבראַכט דעם מענשען מיט צוויי קעפּ. און שלמה האָט געזאָגט:

„קוקט זיך צו. אויב איין קאָפּ וועט פיהלען וואָס איך טוה צו דער אַנדער קאָפּ איז אַ בעוויז, אַז ער איז איין

מענש, און אויב ער וועט ניט פיהלען, איז א בעווייז אז ער איז צוויי".

מען האט דעם מענשען אוועקגעלעגט אויף איין פנים און אויף דעם אנדערען האט מען געשפריצט קאכעדיגע וואסער מיט אלטען וויין. האט דער צווייקעפּיגער גענומען שרייען: „אדוני המלך! מיר שטארבען! מיר שטארבען! איך בין איינער, ניט צוויי..." און ווען די אידען האבען געהערט דעם מלך'ס משפט, האבען זיי איהם בעוואונדערט און בעקומען פאר איהם גרויס מורא.

34

די דריי ברידער

דריי ברידער זיינען אמאל געקומען צו שלמה המלך צו לערנען פון איהם תורה און חכמה. האט ער צו זיי געזאגט: „איהר בלייבט דא ביי מיר דיענען און איך וועל אייך לערנען". האט ער זיי געמאכט פאר וועכטער אין זיין פאלאסט. דרייצען יאהר האבען די ברידער געדיענט, און נאכדעם האבען זיי אנגעהויבען ריידען צווישען זיך: „וואס האבען מיר געטאהן? מיר האבען פערלאזען אונזער היים און אלעם וואס מיר האבען געהאט, און מיר האבען דא אבגעדיענט דרייצעהן יאהר און גארנישט געלערענט. לאמיר איהם בעטען אז ער זאל אונז ערלויבען צו געהן אהיים, כאטש אויף איין טאג".

זיינען זיי געקומען צו שלמה'ן און געזאגט צו איהם: „אונזער הער! שוין דרייצעהן יאהר אז מיר זיינען אוועק פון דער היים, גיב אונז די ערלויבנים צו געהן און זיך זעהן מיט אונזער הויז געזינד".

דער קעניג האָט גלייך גערופען זיין שאַצמייסטער און איהם געהייסען ברענגען דריי הונדערט גאָלדענע רענדלעך און צו די דריי ברידער האָט ער געזאָגט: „וועהלט זיך אויס איינס פון די צוויי, ענטוועדער איך זאָל יעדען איינעם פון אייך לערנען דריי קלוגע זאַכען, אָדער איך זאָל יעדען איינעם פון אייך געבען הונדערט גאָלדענע רענדלעך". די ברידער האָבען גלייך אָבגעהאַלטען צווישען זיך אַ בעראַטהונג און זיי האָבען בעשלאָסען צו נעהמען דאָס געלד.

האָבען זיי בעקומען דאָס געלד און אַן ערלויבניס צו געהן, און זיי זיינען אַוועק.

ווען זיי זיינען אָבגעגאַנגען אַ פיער מייל פון שטאָדט האָט דער אינגסטער פון די ברידער געזאָגט: וואָס האָבען מיר דאָ געטאָהן? זיינען מיר אַהער געקומען צוליעב געלד, אָדער צו לערנען? אויב איהר ווילט פאָלגען מיין עצה, קומט און מיר וועלען צוריק אָבגעבען שלמה'ן דאָס געלד און מיר וועלען פון איהם לערנען חכמה".

„אויב דו ווילסט איהם אומקעהרען דאָס געלד און לערנען חכמה, קענסטו געהן צוריק", האָבען די אַנדערע צוויי ברידער געענטפערט. „אָבער מיר וועלען ניט אַוועקגעבען מזומן געלד פאַר חכמות".

האָט זיך דער אינגסטער ברודער צוריקגעקעהרט צו שלמה'ן און האָט צו איהם געזאָגט:

„מיין האַר! איך בין צו דיר ניט געקומען צוליעב געלד, בעט איך דיך אַז דו זאָלסט ביי מיר צוריקנעהמען די רענדלעך און מיך לערנען חכמה".

שלמה המלך האָט מיט איהם גלייך גענומען לערנען און האָט צו איהם געזאָגט: „מיין זוהן! ווען דו קלייבסט זיך אין וועג זאָלסטו אַרויסגעהן גאַנץ פריה, מיט'ן מאָרגענשטערן, און אין אַוועגד זאָלסטו זיך אָבשטעלען אויף נאַכטגעלעגער ווען עס איז נאָך טאָג. און אַז דו וועסט אין וועג אָנקומען

צו א וואסער זאלסטו ניט געהן אין דעם נאר ווארטען ביז די וואסער וועט אבפאלען. דאס זיינען צוויי זאכען. און די דריטע זאך איז אז א פרוי זאלסטו קיינמאל פערטרויען א סוד, אפילו צו דיין אייגענע פרוי".

דער אינגסטער פון די דריי ברידער האט דעם קעניג גע־דאנקט און פון איהם בעקומען ערלויבנים אוועקצוגעהן. ער האט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און האט זיך געלאזט צוריק אין וועג אריין, אנצויאגען זיינע ברידער. ווען ער האט זיי אנגעיאגט האבען זיי איהם געפרעגט: „נו וואס האסטו געלערענט?" האט ער געענטפערט: „וואס איך האב געלערענט האב איך געלערענט פאר זיך". און ער איז גע־גאנגען מיט זיי צוזאמען.

ניין שטונדען זיינען זיי געגאנגען ביז זיי זיינען אנ־געקומען אויף אן ארט וואס איז געווען זעהר גוט זיך דארט אבצושטעלען, האט דער אינגסטער געזאגט צו זיינע ברידער: „דער ארט איז גוט פאר נאכטלעגער, און עס געפינט זיך דא וואסער צום טרינקען און האלץ צו מאכען א פייער, און גראז צו פאשען די פערד. אויב איהר ווילט, וועלען מיר דא איבערנעכטיגען, און ווען דער מארגענשטערען וועט אויפ־געהן, און דער אייבערשטער וועט שענקען דעם לעבען, וועלען מיר ווייטער געהן אונזער וועג".

„דו שוטה איינער!" האבען זיינע ברידער געענטפערט. „גלייך ווי דו האסט אומגעקעהרט דאס געלד און האסט דער־פאר גענומען חכמות האבען מיר דערקענט אז דו האסט קיין פערשטאנד. ביז עס וועט ווערען נאכט קענען מיר נאך אבגעהן פינף מייל, און דו זאגסט אז מיר זאלען דא איבער־נעכטיגען!"

„טהוט ווי איהר ווילט", האט דער אינגסטער געזאגט. „איך וועל זיך פון דאנען ניט ריהרען".

זיי זיינען אוועק ווייטער און ער איז פערבליבען. ער האט אנגעהאקט האלץ, געמאכט א פייער און האט זיך אויפגעשטעלט אביידעל. דעם פערד האט ער געלאזט זיך פאשען אין גראז ביי נאכט, און ווען עס איז געווארען נאכט האט ער איהם געגעבען גערשטען. נאכדעם האט ער אליין געגעסען זיין אווענד ברויט און האט זיך געלייגט שלאפען זיכער און בעקוועם.

זיינע ברידער זיינען געגאנגען ביז עס איז געווארען נאכט און זיי האבען ניט געקענט געפינען קיין פאשע פאר זייערע פערד. שפעטער איז געפאלען א גרויסער שניי און זיי זיינען געשטארבען פון די קעלט. אבער יענעם יונגען מאן האט דער שניי ניט געשאדט, ווייל ער האט געהאט א פייער און איז געווען בעשיצט פון דער ביידעל, און דערצו האט ער געהאט א גוטען מאהלצייט.

פריהמארגענס איז דער אינגסטער ברודער געגאנגען ווייטער אין וועג און ער האט געפונען זיינע ביידע ברידער טויט. ווען ער האט זיי דערזעהן איז ער אויף זיי ארויפגעפאלען מיט א געוויין, האט צוגענומען דאס געלד וואס זיי האבען געהאט ביי זיך, און האט זיי מקבר געווען. און ער איז זיך געגאנגען ווייטער.

דערווייל איז ארום די זון און דער שניי איז צוגאנגען. פון דעם צולאזענעם שניי זיינען איבערגעפילט געווארען אלע טייכען אריבער די ברעגען, און ער האט ניט געקענט אריבער דעם טייך. איז ער אראב פון פערד און האט זיך אבגעשטעלטווארטען ביז די וואסערען וועלען אבפאלען. געהענדיג ביים ברעג טייך האט ער געזעהן ווי שלמה׳ס קנעכט פיהרען צוויי אייזלען אנגעלאדען מיט זעקלעך געלד. האבען זיי איהם געפרעגט: „ווארום געהסטו ניט אריבער דעם טייך?“ האט ער זיי געענטפערט: „ווייל ער איז פול.“ אבער זיי האבען ניט געוואלט ווארטען און האבען גענומען אריבער־

געהן. ווי נאר זיי זיינען אריין אין טייך זיינען זיי דער־
טרונקען געווארען. און דער יונגער מאן האט געווארט ביז
עס וועט זיין זיכער אריבערצוגעהן דעם טייך, און נאכדעם איז
ער אריבער און האט צוגענומען די זעק מיט גאלד וואס
שלמה'ס קנעכט האבען דארט פערלארען, און איז בשלום
געקומען אהיים.

ווען זיינע שוועגערינס האבען איהם געפרעגט וואו זיינען
זייערע מענער האט ער זיי געענטפערט: „זיי זיינען פער־
בליבען לערנען חכמה". און ער האט אנגעהויבען צו קויפען
פעלדער און גערטנער, האט געבויט פאלאסטען, געקויפט פיה
און געמאכט געשעפטען. פלעגט איהם זיין פרוי אלץ פרעגען:
„זאג מיר, מיין מאן, פון וואנען האט זיך צו דיר גענומען
אזוי פיעל געלד?" איז ער אויף איהר איינמאל בייז גע־
ווארען און האט איהר גוט אנגעשאלטען. „צו וואס פרעגסטו
אזעלכע פראגען?" האט ער געשריען אויף איהר. זי איז
צו איהם צוגעשטאנען נאך אמאל און נאך אמאל און ער
האט אלעם אויסגעזאגט. איינמאל האט ער זיין פרוי איינ־
גע'רוגז'ט, האט זי אנגעהויבען צו שרייען אויף איהם: „ניט
גענוג וואס דו האסט דער'הרג'עט דיינע ברידער ווילסטו
מיך אויך הרג'ענען?" און ווען זיינע שוועגערינס האבען
געהערט אז זייערע מענער זיינען טויט, זיינען זיי אוועק און
האבען איהם פערקלאגט ביי שלמה המלך. גלייך האט שלמה
המלך געגעבען א בעפעהל אז מען זאל דעם יונגען מאן
ברייגנען פאר איהם און האט געגעבען א בעפעהל אז מען זאל
איהם טויטען. ווען מען האט איהם ארויסגעפיהרט צו היג־
ריכטען, האט ער געזאגט: „איך בעט אייך לאזט מיך ריידען
צום קעניג". האט מען איהם געבראכט פאר'ן קעניג און
ער איז איהם געפאלען צו די פיס און האט געזאגט:

„אדוני המלך! איך בין איינער פון די דריי ברידער
וואס האבען ביי דיר געדיענט דרייצעהן יאהר, כדי דו זאלסט

אונז לערנען חכמה און די חכמה וואס דו האסט מיך גע־לערנט האט מיך בעשיצט פון טויט און האט מיך רייך געמאכט".

דער קעניג האט איהם דערקענט און געזעהן אז ער זאגט דעם אמת, און דער קעניג האט געזאגט: „דיר קומט קיין שטראף. דאס געלד וואס דו האסט צוגענומען ביי דיינע ברידער און ביי מיינע קנעכט געהערט צו דיר, ווייל דו האסט עס פערדיענט דורך דיין חכמה".

35

שלמה און די פרויען

איינמאל האט שלמה המלך מיט רוח הקדש געזאגט: „אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי", עס מיינט: א מאנספערשוין האב איך געפונען איינעם אין טויזענד א רעכטען, אבער א פרוי האב איך אפילו איינע אין טויזענד אויך ניט געפונען. און ווען דאס פאלק און די סנהדרין האבען דאס געהערט האבען זיי זיך שטארק גע־וואונדערט, זיי האבען ניט געקענט פערשטעהן ווי קומט שלמה המלך אזוינס צו זאגען.

„ווילט איהר אז איך זאל אייך בעווייזען אז איך האב רעכט?" האט שלמה געפרעגט.

„יא!" האבען זיי אלע געענטפערט.

„געהט", האט שלמה געזאגט צו זיי, „און זוכט אויס א פרוי פון די פיינסטע אין שטאדט און א מאן וואס זאל אויך זיין דער בעסטער פון אלע מענער". האט מען געזוכט און מען האט געפונען איינעם, אזא מאן, וואס האט געהאט א גוטע און פיינע פרוי. האט שלמה המלך געהייסען אז מען זאל זיי ברענגען פאר איהם.

צוערשט האָט מען געבראַכט דעם מאַן. האָט שלמה צו איהם געזאָגט:

„ווייסטו וואָס איך וויל? איך וויל דיך מאַכען פאַר מיין קאַמערהערר".

„איך בין דיין קנעכט" האָט דער מאַן געענטפערט, „און בין גרייט דיר צו דיענען ווי איינער פון דיינע קנעכט".

„אויב אַזוי", האָט שלמה המלך געזאָגט, „דאַרפסטו געהן און הרג'ענען דיין פרוי און מיר ברייננגען איהר קאָפּ ביי נאַכט. און מאָרגען וועל איך דיר געבען מיין טאָכטער און וועל דיך מאַכען פאַר א האַר איבער די אידען".

„איך וועל טאָהן דיין ווילען", האָט דער מאַן געענטפערט.

דער מאַן איז אַוועק מיט דעם בעשלוס צו טאָהן אַזוי ווי דער קעניג האָט איהם געהייסען. זיין פרוי איז געוועזען א גרויסע שעהנהייט און זי האָט געהאַט קליינע קינדער. האָט איהם אָנגעהויבען וועה צו טאָהן זיין האַרץ און ער האָט שטיל געוויינט און געקלאָגט. אַז זיין פרוי האָט געזעהן ווי ער איז פערראומערט, האָט זי איהם געפרעגט: „מיין מאַן! וואָס ביזטו אַזוי אומעטיג?"

„לאָז מיך צורוה", האָט ער געבעטען, „איך האָב עפּעס א זאָרג וואָס איך קען דיר ניט דערצעהלען".

די פרוי האָט איהם געבראַכט עסען און טרינקען, אָבער ער האָט גאָרנישט געוואָלט נעהמען אין מויל. און אין האַרצען האָט ער זיך געטראַכט: „וואָס זאָל איך טאָהן? זאָל איך הרג'ענען מיין פרוי? איך האָב דאָך קליינע קינדער וואָס דאַרפען א מאַמען. האָט ער צו איהר געזאָגט: „געה שוין שלאָפען מיט די קינדער". און ווי נאָר זי איז איינ־געשלאָפען האָט ער אַרויסגענומען זיין שווערד אום זי צו טויטען. האָט ער געזעהן ווי דער קלענסטער קינד ליגט און שלאָפט ביי איהר אין שויס. נאָך א אינגעלע איז געשלאָפען און זיין קעפּעל איז געלעגען אויף דער מוטער'ס שולטער.

אין יענעם אויגענבליק איז דער שטן אַריין אין זיין האַרצען און ער איז געוועזן גרייט צו טויטען. אַבער באַלד האָט ער חרטה בעקומען און זיך געטראַכט: וואָס טוה איך? אויב איך הרג׳ע זי וועלען דאָך שטאַרבען די צוויי קליינע קינדער. גלייך האָט ער דעם שווערד צוריק אַריינגעלעגט אין שייד און האָט געזאָגט: „פערדאַמט זאָלסטו ווערען פון גאָט, דו שטן!“ אַבער באַלד האָט ער זיך צוריק געטראַכט: איך וועל זי טויטען און מאָרגען וועט מיר דער קעניג געבען זיין טאָכטער און ער וועט מיך רייך מאַכען. האָט ער ווידער אַרויסגענומען זיין שווערד און געמאַסטען אויף איהר, אַבער דאַ האָט ער בעמערקט ווי איהרע האָר זיינען צוואָרפען איבער די צוויי קליינע קינדער, איז זיין רחמנות געוואָרען אַזוי גרויס דאָס ער האָט געזאָגט: „ווען דער קעניג זאָל מיר אפילו אוועקגעבען זיין פּאַלאַסט מיט זיין גאַנצען פערמעגען וועל איך ניט טויטען אָט די פרוי מיינע“. צום לעצטען מאָל האָט ער אַריינגעלעגט זיין שווערד אין שייד און האָט זיך געלייגט שלאָפען.

אין דער פריה זיינען געקומען שלוחים פון קעניג און האָבען איהם אוועקגעפיהרט אין פּאַלאַסט. „נו, האָסט גע־טאָהן דאָס וואָס איך האָב דיר געהייסען?“ האָט דער קעניג געפרעגט.

האָט דער מאַן געענטפערט: „איך בעט דעם קעניג אַז ער זאָל זיין אַ גוטער און ניט זיין בייז אויף מיר דערפאַר. איך האָב דאָס פּרובירט טאָהן איינמאָל, און אַ צווייטען מאָל, אַבער מיין האַרץ האָט מיך ניט דערלאָזען“. האָט שלמה געזאָגט: „אָט האָב איך געפונען אַ מאַן איינעם אין טויזענד“.

אין אַ חודש אַרום האָט שלמה המלך געשיקט שלוחים אין געהיים צו דער פרוי פון יענעם מאַן, און מען האָט זי געבראַכט פאַר איהם אין פּאַלאַסט.

„איז דיין מאַן אַ גוטער?“ האָט דער מלך געפרעגט.

„יא, א גוטער“, האט די פרוי געענטפערט.

„איך האב געהערט“, האט דער מלך געזאגט, „אז דיין מאן האט דיך גענומען בלויז פאר דיין גרויס שעהנהייט, און מעהר ווי שעהנהייט האסטו ניט, אבער מיר וועלען דיך מאכען פאר א מלכה וואס וועט הערשען איבער אלע אנדערע מלכות, און מיר וועלען דיך אויספוצען אין גאלד פון קאפ ביז די פיס, ביזטו צו פריעדען?“

יא“, האט די פרוי געענטפערט.

„אבער איין זאך שטערט אונז, און דאס איז וואס דו האסט א מאן“, האט דער קעניג געזאגט.

„און ווי זאלען מיר טאהן?“ האט זי געפרעגט.

„הרג'ע דיין מאן, און נאכדעם וועל איך דיך נעהמען פאר א ווייב“, האט דער קעניג געענטפערט.

„אזוי וועל איך טאהן“, האט די פרוי איינגעווילינגט.

האט זיך שלמה געטראכט: אויף איהר איז דאך צו גלויבען אז זי וועט דאס טאהן, און זי וועט דורך מיר הרג'ענען א מענשען. דארף מען עפעס טאהן אז ער זאל ניט שטארבען.

וואס האט שלמה המלך געטאהן? ער האט איהר געגע־בען א שווערד פון צין. די פרוי האט בעטראכט דעם מעסער וועלכער האט געבליאסקעט, אבער זי האט ניט געוואוסט אז ער איז טעמפ און שניידט ניט.

„אט מיט דעם שווערד“, האט שלמה המלך געזאגט, „הרג'ע דיין מאן. ווי נאר דו לייגסט עס ארויף אויף זיין האלז, אזוי איז ער א געקוילעטער.“

די פרוי איז אוועק מיט'ן שווערד אהיים. ווען איהר מאן איז שפעטער געקומען פון זיין ארבייט, האט זי איהם געגעבען א שעהנעם קבלת פנים, איהם געקושט און געהאלזט, און געזאגט צו איהם: „זיץ מיין האר, די קרוין פון מיין קאפ!“ און ווען דער מאן האט געהערט אזעלכע גוטע רייד האט ער זיך שטארק געפרעהט. ער האט זיך אוועקגעזעצט און עס איז

איהם גארניט איינגעפאלען קיין שום שלעכטער געדאנק. די פרוי האט געגרייט צום טיש, און זיי האבען געגעסען און געטרונקען צוזאמען.

„וואס דענקסטו צו טאהן היינטיגע נאכט?" האט דער מאן געפרעגט.

„איך וויל זיך היינט פרייהען מיט דיר", האט זי געענט־פערט„און איך וויל דיך זעהן שיכור!"

האט דער מאן געלאכט פרעהליך, און האט זיך אזוי אנ־געטרונקען דאס ער איז פערזונקען אין א טיעפען שלאף.

ווען די פרוי האט געזעהן אז ער שלאפט שוין, האט זי געפאסט מוטה, האט ארויסגענומען דעם שווערד און אנ־געהויבען שניידען זיין האלז. פלוצלונג האט זיך דער מאן אויפגעכאפט פון שלאף און ער האט געזעהן ווי זיין פרוי שטעהט נעבען איהם און וויל איהם מארדען. האט ער זי געפרעגט:

„זאג מיר וואס בעדייט דאס? ווער האט דיר געגעבען דעם שווערד? און וואס איז דאס פאר א געשיכטע? און אויב דו וועסט מיר ניט זאגען וועל איך דיך צורייסען גלידער־ווייז!"

האט די פרוי דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, אז שלמה המלך האט עס איהר אזוי געהייסען טאהן.

„האב קיין מורא ניט", האט דער מאן געזאגט. „עס וועט דיר גארנישט געשעהן."

אין דער פריה זיינען נאך זיי געקומען שלוחים פון קעניג. ווען דער מאן מיט זיין פרוי זיינען אריין אין קעניגליכען פאלאסט, האבען זיי דארט געפונען די סנהדרין. און ווען שלמה האט זיי דערזעהן האט ער געלאכט.

„איך בעט אייך, דערצעהלט די גאנצע מעשה", האט שלמה געזאגט צום פאר פאלק.

האָט דער מאַן דערצעהלט די גאַנצע מעשה פון אַנפאַנג אָן, און ער האָט געענדיגט מיט די ווערטער:

„ווען דער שווערד וואָלט ניט געווען פון צין, וואָלט איך שוין געווען אַ טויטער. איך האָב אויף איהר רחמנות געהאַט, אָבער זי האָט אויף מיר קיין רחמנות ניט געהאַט.“

האָט שלמה געזאָגט: „איך האָב געוואוסט, אַז ווייבער האָבען ניט קיין רחמנות געפיהל, דערפאַר האָב איך איהר געגעבען אַ שווערד פון צין“.

און ווען די סנהדרין האָבען אויסגעהערט די געשיכטע האָבען זיי צוגעגעבען, אַז שלמה האָט רעכט געהאַט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אַ מאַנספּערשוין איז דאָ איינער אין טויזענד אַ גערעכטער, אָבער אַ פרוי קען מען איינע אין טויזענד אויך ניט געפינען.

36

די קעניגין פון די מוראַשקעס

חירם פון צור, דער זוהן פון אַן אַלמנה פון דעם שבט נפתלי, האָט געמאַכט פאַר שלמה המלך אַ טעפּיך וואָס איז געווען זעכציג מייל די לענג און זעכציג די ברייט. און ער האָט אויף דעם טעפּיך אויסגעמאָלט אַלערליי חיות און עופות וואָס לעבען אין וואַסער, וואָס געהען אויף דער ערד און וואָס פליהען אין די הימלען. אַז שלמה המלך פלעגט זיך אַוועקזעצען מיט זיינע הויפהערען און דיענער אויף דעם טעפּיך, פלעגט דער טעפּיך זיך אויפהויבען פון ווינד און טראָגען דעם מלך מיט זיין גאַנצער בעגלייטונג אין דער לופט, גאַנץ הויך איבער דער ערד. אַזוי פלעגט דער מלך פליהען פון איין עק וועלט צום אַנדערען, ער פלעגט עסען זיין פריהשטיק אין דמשק און טרינקען זיין אָווענד ווייַן

אין מדי. און פליהענדיג פלעגט דער מלך קענען זעהן און בעטראַכטען די גאַנצע וועלט און אַלעס וואָס עס טהוט זיך אונטער דער זון.

ויהי היום, און דער מלך האָט זיך אויפגעהויבען אויף זיין פליהענדען טעפיך אַזוי הויך, אַזש ביז צו די הימלען. און ער איז געוואָרען ביי זיך זעהר שטאָלץ, און האָט געזאָגט: „ווער איז אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק ווי איך אין דער גאַנצער וועלט?" ווי נאָר ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, איז דער ווינד שטיל געוואָרען און דער טעפיך האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אויף דער ערד גאַנץ פּלוצלונג. פערציג טויזענד סאָלדאַטען וואָס האָבען זיך געפונען אויף דעם טעפיך זיינען אַרונטערגעפאַלען.

דאָס האָט שלמה'ן שטאַרק פערדראָסען און ער האָט גערופען צום ווינד:

„קום, דו ווינד, הויב אָן צו בלאָזען און טראָג מיך אויף דיינע פליגלען".

און דער ווינד האָט געענטפערט:

„בעדענק זיך, שלמה, און טוה תשובה צו גאָט, וועט ער דיר מוחל זיין דיין זינד, און דאַן וועל איך דיך טראָגען".

ווען שלמה האָט דאָס געהערט האָט ער זיך פערשעהמט און האָט תשובה געטאָהן פאַר דעם וואָס ער האָט זיך אַזוי גרויס געהאַלטען. גלייך האָט דער ווינד איהם אָנגעהויבען צו טראָגען אַזוי ווי פריהער. און ווידער איז ער מיט זיינע מענשען געפלויגען איבער אַלע וואָלקענס.

פליהענדיג, האָט שלמה המלך דערהערט, ווי גאַנץ אונטען, אויף דער ערד, הערט זיך די שטימע פון אַ קליינע מוראשקעלע, וואָס זאָגט: „אַנטלויפט, מוראשקעס, און בעהאַלט זיך אין אייער הויז. שנעלער! בעהאַלט זיך, אויב ניט וועט איהר צוטראָטען ווערען פון שלמה'ס אַרמיי".

שלמה איז בייז געוואָרען פאַר די רייד, און ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אין דעם טעפּיך צו דער ערד. ער האָט געפונען די מוראשקע אויף אַ ברעקעלע זאַמד, ביים ברעג טייך. און דער מלך האָט געפרעגט: „ווער ביזטו וואָס דו האָסט געהייסען דיינע שוועסטער זיך צו בעהאַלטען פון מיר?"

און די מוראשקע האָט געענטפערט:

„איך בין די קעניגין פון די מוראשקעס, און איך האָב זיי געהייסען זיך בעהאַלטען אין דער ערד אום זיי זאָלען ניט אָנקוקען דעם גאוה'דיגען מענשען, וואָס זיין ענדע איז ווערים".

„הער צו", האָט שלמה המלך געזאָגט, „לאָמיך דיך פרעגען איין קליינע פראַגע".

„אויב דו ווילסט מיך פרעגען", האָט די מוראשקע געענט־פערט, „דאַרפסטו ניט זיצען העכער פון מיר. דו דאַרפסט זיצען גלייך מיט מיר, כדי דו זאָלסט ניט קוקען אויף מיר פון אויבען אַראָב."

האָט שלמה המלך גענומען די מוראשקע אין זיין האַנד און האָט זי אויפגעהויבען און זי געהאַלטען גלייך געגען זיין פּנים, און ער האָט זי געפרעגט:

„זאָג מיר, איז דאָ איינער אויף דער וועלט וואָס איז אַזוי גרויס און אַזוי מעכטיג ווי איך?"

„עס זיינען דאָ אַ סך, און איך בין אויך גרעסער פון דיר", האָט די מוראשקע געענטפערט. „אַ בעוויז האָסטו, אַז דער אייבערשטער האָט דיך געשיקט אַהער פון עק וועלט אום דו זאָלסט מיך טראָגען אויף דיין האַנד."

שלמה איז אויף דער מוראשקע בייז געוואָרען און ער האָט זי אַ שליידער געטאָהן צו דער ערד, און געזאָגט:

„ווייסטו, אַז איך בין שלמה, דער מלך פון ירושלים?"

„איך וויים”, האט די מוראשקע געזאגט, „אז דו קומסט פון שטויב און צו שטויב וועסטו זיך אומקעהרען”.

און אז שלמה המלך האט דאס געהערט, האט ער מעהר ניט גערעדט. ער האט זיך פערשעהמט וואס אזא קליינע בעשעפעניש האט איהם בעזיעגט.

37

אַ קריעג צווישען דעם מענשען׳ס גלידער

דער מלך פון פרס איז איינמאל קראנק געווארען. ער איז פון זיין קראנקהייט אזוי איינגעדארט געווארען דאס ער האט געהאלטען ביים שטארבען. האבען די דאקטוירים צו איהם געזאגט: „פאר דיר איז קיין אנדער רפואה ניטא, סיידען מען זאל דיר קריגען די מילך פון א לייבין, און אז דו וועסט די מילך טרינקען וועסטו געהיילט ווערען. האט דער מלך ניט געוואוסט ווי אזוי מען קען קריגען די מילך פון א לייבין, דען ווי אזוי וועט זיך אזא געפע ליבע חיה לאזען מעלקען? האט דער מלך פון פרס „עשיקט זיין דאקטאר מיט עטליכע מענשען צו שלמה המלך, און ער האט זיי מיטגעגעבען א סך געלד, זיי זאלען דאס געבען צו שלמה המלך ער זאל דערפאר געבען אן עצה.

שלמה המלך האט גלייך געשיקט נאך בניהו בן יהוידע און האט איהם געפרעגט: „ווי אזוי קענען מיר קריגען מילך פון א לייבין?” האט בניהו געענטפערט: „גיב מיר צעהן ציעגען”. איז בניהו געגאנגען צוזאמען מיט עטליכע קנעכט. פון ווייטען האבען זיי געזעהן ווי א מוטער־לייבין גיט צו זויגען איהרע יונגע לייבעלעך.

דעם ערשטען טאג האט בניהו פון ווייטען צוגעווארפען צו דער לייבין א ציעג, און זי האט עס אויפגעגעסען. דעם

צווייטען טאָג איז ער צוגעקומען נעהענטער און האָט איהר געוואָרפען אַ צווייטען ציעג, און זי האָט עס ווידער אויפ־געגעסען. און אַזוי האָט ער געטאָהן יעדען טאָג. עס הייסט יעדען טאָג איז ער צוגעקומען אַלע נעהענטער און נעהענטער צו דער לייבין.

אַז צעהן טעג זיינען אַריבער, איז בניהו שוין געווען אַזוי נאָהענט צו דער לייבין דאָס ער האָט זיך געשפּיעלט מיט איהר און געגלעט איהר לייב. און זי איז שוין געווען אַזוי צוגעוואוינט צו איהם אַז איהר האָט עס גאָרניט געאַרט. דאַן האָט ער זי אויסגעמאָלקען, אַזוי ווי מען מעלקט אַ קוה, האָט דאָס מילך מיטגענומען אין אַ קריגעל און איז מיט דעם אַוועק צו שלמה המלך. שלמה המלך האָט צוגענומען דאָס קריגעל מילך און האָט עס איבערגעגעבען צום דאָקטאָר פון מלך פּרס און האָט איהם אָפּגעשיקט מיט זיינע מענשען צוריק נאָך דעם לאַנד פּרס.

ווען דער דאָקטאָר מיט זיינע בעגלייטער זיינען געווען אין מיטען וועג און זיי האָבען זיך צוגעלעגט אָפּרוהען, האָט זיך דעם דאָקטאָר גע'חלומ'ט אַז זיינען גלידער קריגען זיך איינער מיט דעם אַנדערען. די פיס זאָגען: „מיר זיינען די וויכטיגסטע פון אַלע גליעדער, ווייל ווען מיר וואָלטען ניט געגאַנגען וואָלט דער מענש אהין אונז ניט געקענט ברייננגען די מילך". האָבען די הענד געזאָגט: „ניין, מיר זיינען די וויכטיגסטע גליעדער, ווייל ווען מיר וואָלטען ניט געמאָלקען, וואו וואָלט מען גענומען מילך?" האָבען די אויגען געזאָגט: „מיר זיינען וויכטיגער פון אייך אַלעמען, ווייל ווען מיר וואָלטען ניט געזעהן דעם וועג, ווי וואָלט דער מענש אהער געטראָפען?" האָט די הארץ געזאָגט: „דער אמת איז אַז איך שטעה העכער פון אייך, ווייל ווען איך וואָלט די עצה ניט אויסגעטראַכט, ווי אַזוי וואָלט איהר פון דעם געוואוסט?" אָבער די צונג האָט זיי אַלע איבערגעשריען און געזאָגט:

„איך בין ווינטיגער פון אייך, ווייל ווען איך וואלט די עצה ניט ארויסגערעדט, וואס וואלט איהר געטאהן?“

האבען אלע גליעדער מיט כעס געענטפערט צו דער צונג: „ווי וואגסטו זיך צו פערגלייכען צו אונז? דו, וואס דו זיצסט פערבארגען אין דער פינסטער, און דו האסט אין זיך קיין ביין, אזוי ווי עס האבען אלע גליעדער“.

„ווארט אויס!“ האט די צונג געזאגט, „היינט וועט איהר מוזען מודה זיין אז איך שטעה העכער פון אייך און איך הערש איבער אייך אלעמען“.

ווען דער דאקטאר האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף האט ער לאנג געטראכט פון חלום. דער חלום איז איהם פון קאפ ניט ארויס, און ווען ער איז געקומען פאר'ן קראנקען מלך מיט די מילך, איז ער געווען אזוי צוטראגען, דאס ער האט ניט געהערט ווי ער זאגט צום מלך: „נא דיר, איך האב דיר געבראכט די הינטישע מילך וואס מיר האבען פאר דיר אויסגעזוכט!“

דער מלך איז שטארק אויפגערעגט געווארען און האט געהייסען אז מען זאל דעם דאקטאר הענגען.

ווען מען האט איהם געפיהרט הענגען האבען אלע גליעדער אנגעהויבען צו ציטערען. האט דער צונג צו זיי געזאגט: „איך האב דאך אייך געזאגט אז איהר האט קיין ווערטה ניט. אויב איך וועל אייך ראטעווען פון טויט וועט איהר צוגעבען אז איך הערש איבער אייך?“ האבען די גליעדער געענטפערט „יא!“

האט די צונג געזאגט צום תליון: „פיהר מיך צוריק צום קעניג. איך האב זעהר וויכטיגעס איהם צוזאגען“.

האט מען דעם דאקטאר געבראכט פאר'ן מלך. און דער דאקטאר האט צו איהם געזאגט: „ווארום האסטו געהייסען אז מען זאל מיך הענגען?“

„ווייל דו האסט מיר געבראכט מילך פון א צויג“.

„טאַ וואָס אַרט דאָס דיך? אַבי עס זאָל דיר זיין צו רפואה. און נאָך מעהר, אַ לייבין רופט מען אויך צויג“.

האָט דער מלך געטרונקען פון די מילך און איז געהיילט געוואָרען. שפּעטער האָט ער אויסגעפונען אַז די מילך איז טאַקי געוועזען פון אַ לייבין. און ער האָט דעם דאָקטאָר בעפרייט און איהם געשיקט בשלום אַהיים.

נאָכדעם האָבען אַלע גליעדער געזאָגט צו דער צונג: „יעצט זיינען מיר מודה אַז דו געוועלטיגסט איבער אונז אַלעמען“.

38

די ניינעריגע קעניגין

איינמאָל איז שלמה אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און ער האָט אַרומשפּאַצירט אויפ'ן הויף פון זיין פּאַלאַץ און זיך אַרום־געקוקט אין די פערד־שטאַלען צו זעהן, אויב די קנעכט פיהרען דורך זיין בעפעהל גוט אַכטונג צו געבען אויף די בהמות, זיי געבען אין צייט עסען און טרינקען און זעהן עס זאָל זיי גאָרניט פעהלען. ווען שלמה האָט געזעהן אַז די קנעכט פיהרען דורך זיינע בעפעהלען און די קאַרעטעס זיינען פול מיט היי און פלעוועס, איז ער אַריין אין דער שטאַל פון שאָף און רינדער, און האָט זיך צווישען זיי אַרומגעקוקט, און אין איינוועגס האָט ער זיך אויך איינגעהערט צו זייער געשפּרעך.

שלמה האָט זיך זעהר צולאַכט ווען ער איז אַרויס פון שטאַל און האָט געהערט דעם לעכערליכען ענטפער וואָס דער באָראַן האָט געגעבען דעם אייזעל.

פּרעה'ס טאָכטער, איינע פון שלמה'ס פרויען, וועלכע פלעגט אויך, פּונקט ווי שלמה, אויפשטעהן פאַר טאָג און רייסען בלומען פון איהר גאָרטען, האָט זיך זעהר געוואונדערט

ווען זי האט געזעהן דעם קעניג שלמה ארויסקומען פון איינעם פון די שטאלען און לאכען אויפ'ן קול. זי איז געווען נייגעריג צו וויסען איבער וואס ער האט זיך פלוצים אזוי צולאכט. זי האט זיך צו איהם געווענדעט מיט דער פראגע:

„זאג מיר, קעניג, וואס האט ארויסגערופען דיין שטארקען געלעכטער ווען די ביסט ארויס פון שטאל?"

„ס'איז א קלייניגקייט—האט שלמה געענטפערט—און ס'איז ניט ווערטה דו זאלסט עס הערען".

„דאך"—איז פרעה'ס טאכטער צו איהם צוגעשטאנען— „וואלט איך דיר זעהר בעטען דו זאלסט עס מיר דערצעהלען".

„איך האב דיר געזאגט"—האט שלמה געענטפערט— „עס איז א קלייניגקייט און פערדיענט קיין אויפמערק־זאמקייט".

ווען זי האט געזעהן אז דער קעניג וויל די זאך פון איהר פערבארגען, האט זי זיך זעהר געערגערט, און איהר נייגע־ריגקייט צו דערגעהן דעם קעניג'ס סוד איז נאך גרעסער געווארען. זי האט ביי זיך בעשלאסען, צו בעלעסטיגען שלמה'ן אזוי לאנג מיט איהר געבעט, ביז עס וועט איהם מיאוס ווערען און ער וועט איהר דערצעהלען וואס ער האט געלאכט ווען ער איז ארויס פון שטאל.

דער קעניג איז אוועק אין פאלאץ אריין, וואו עס האבען אויף איהר געווארט די קעניגליכע מיניסטארען צו נעהמען זיינע בעפעהלען. זיי האבען איהם בעגריסט, אויסגעהערט די פלענער וואס ער האט זיי אויפגעגעבען, און זיינען אוועק־געגאנגען. ווען דער קעניג האט זיך אוועקגעזעצט עסען פירש־טיק און ער האט געזעהן אז די קעניגינס פלאץ איז ליידיג, האט דאס איהם געוואונדערט, און ער האט ניי איהר גע־שיקט איינע פון די דיענסטען זי צו רופען צום קעניג'ס טיש. די דיענסט איז אוועק צו דער קעניגין און געזאגט:

„דער קעניג לאזט דיך רופען אין פאלאץ אריין מיט איהם צו עסען פרישטיק".

„זאג דעם קעניג דיינעם״ — האט די קעניגין גע־ענטפערט — „אז היינט וועט זיין קעניגין ניט עסען!״

ווען די דיענסט איז צוריקגעקומען און האט איבערגע־געבען דער קעניגינ׳ס ענטפער, איז שלמה אוועק צו איהר און האט געפרעגט:

„זאג מיר, פארוואס ביסטו אזוי נידערשלאגען און ווילסט ניט עסען?״

„איך האב געדענקט אז דו האסט מיך ליעב״ — האט די קעניגין געענטפערט — „און אז איך בין ביי דיר אזוי טייער אז דו וואלסט מיר נאכגעגעבען אלץ וואס איך וואלט פון דיר פערלאנגען — אבער היינט האב איך געזעהן אז איך האב א טעות, און דאס פערביטערט מיין לעבען!״

„ווען איך וואלט געוועז וויסען אז דו וועסט דיר אזוי נעהמען צום הארצען״ — האט שלמה געזאגט — „וואלט איך דיר אודאי געוועזן גלייך דערצעהלט וועגען דער אונבעדייטענ־דער זאך וואס האט ארויסגערופען מיין געלעכטער. נאר אויב דו פערלאנגסט דוקא — הער זשע און איך וועל דיר דער־צעהלען״:

די קעניגין האט איהם געדאנקט פאר זיין נוטסקייט צו איהר און שלמה האט דערצעהלט:

„ווען איך בין אריינגעגאנגען אין שטאל, האב איך געזעהן ווי דער אקס שטעהט ביי זיין קארעטע און פרעסט. איך בין אוועק פון איהם און בין צוגעגאנגען צו די באראנען און ציגען און האב געפונען זייערע קארעטעס זיינען ליידיג. אין דער זעלבער מינוט האבען די באראנען ארויס־געלאזען זעהר א משונה׳דיגען קול, און דער אקס האט אויפ־געהערט פרעסען, און ער האט זיך אויסגעדרעהט צו די באראנען צו זעהן פאר וואס זיי שרייען אזוי. ווען די ציגען האבען דאס געזעהן, זיינען זיי צוגעשפרונגען צו דער קארעטע פונ׳ם אקס, האבען אויפגעפרעסען אלץ וואס איז דארט געוועזן

און דאן זיך אומגעקערט צו די באראנען. אין דער מינוט האבען די באראנען אויפגעהערט צו שרייען, און דער אקס האט צוריק ארייגעשטעקט זיין קאפ אין קארעטע — און ווען ער האט זי געפונען א ליידיגע, האב איך געקענט זעהן אין זיינע אויגען, אז ער וואונדערט זיך זעהר שטארק... און איך האב זיך געטראכט: דער מענש שטעהט גאר ניט העכער פון דער בהמה! אויך די מענשען קליגען זיך איינער איבער'ן צווייטען, זוכען איינער דעם צווייטען צו בעשווינדלען און ארויסנעהמען דאס ביסען פון מויל. איך האב זיך דאן פערטראכט וועגען די מענשען'ס נארישקייטען, זייערע שפיעלע־רייען און בעגעהרען, און איך האב געלאכט. אט דאס איז געווען דער געלעכטער וואס דו האסט געהערט!"

די קעניגען האט זיך אביסעל פערטראכט זין שלמה'ס ווערטער און דאן געזאגט:

„אויב וואס דו האסט מיר דערצעהלט איז אמת, פאר־וואס־זשע האסטו גלייך מיר ניט געוואלט אויסזאגען און עס האט דיך ניט געארט וואס איך האב דיר עטליכע מאל גע־בעטען? איך גלויב דערפאר אז דו האסט די געשיכטע אויס־געטראכט און דו דערצעהלסט מיר א ליגען. איך בעט דיך דעריבער נאך אמאל: דערצעהל מיר דעם גאנצען אמת, און איך וועל וויסען אז דיין ליעבע צו מיר איז נאך אזוי שטארק ווי געוועזן — און איך וועל זיך בערוהיגען!"

ווען די קעניגען האט גענומען וויינען און איהם צוגע־דריקט מיט איהרע רייד, האט שלמה געזאגט:

„אמת, איך האב דיר ניט דערצעהלט וועגען אלץ וואס האט ארויסגערופען מיין געלעכטער. אבער ניט: וויס שלעכ־טיגקייט אדער דערפאר וואס איך האב אויפגעהערט דיך צו ליעבען האב איך פון דיר דאס פערבארגען, נאר דערפאר וואס איך ווייס, אז ווען איך וועל דיר אזא זאך אויסזאגען, וועל איך שטארבען!..."

„דו זאגסט מיר איין ליגען נאכ'ן צווייטען!" — האט די קעניגין געוויינט — „און דאס שרייסטו אז דו האסט מיך ליעב דו ביסט ניט ערנסט! איך וויל דו זאלסט מיר אלץ דער־צעהלען, אז ניט שטארב איך!"

ווען שלמה האט געזעהן אז זיין פרוי די קעניגען, לאזט איהם ניט אפ, און אז עס ארט זי אפילו ניט וואס ער האט איהר געזאגט, אז ארויסגעבען דעם סוד קען איהם קאסטען זיין לעבען — איז ער בייז געווארען אויף איהר און ער האט געזאגט:

„נו, איך וועל דיר דערצעהלען, הער!"

זי האט אפגעווישט די טרעהרען פון איהר געזיכט און איהם געהייסען אנפאנגען. שלמה האט דערצעהלט:

„אין עכו וואס געפינט זיך אויפ'ן האפען פון ים, האט געוואוינט א מאן,ביים נאמען ישר. ער איז געווען א גוטער און א גאטספארכטיגער מענש. ער האט שווער געארבייט אין זיין פעלד און דערפון געצויגען זיין פרנסה. ווען די טעג פון זיין טויט האבען זיך דערנעהנטערט, האט ער צוגערופען זיין איינציגען זוהן און געזאגט: „שמעיה מיין זוהן! איך געה שטארבען און איך וויל דו זאלסט זיך גוט צוהערען צו מיינע לעצטע ווערטער און אויספאלגען מיינע פערלאנגען". שמעיה האט געענטפערט זיין פאטיר: „אלץ וואס דו וועסט מיך הייסען, טאטע, וועל איך טאהן!" ישר האט געזאגט: „יעדען טאג זאלסטו, מיין זוהן, אוועקגעהן צום ים און אהין ארייננווארפען א לאבען ברויט!" שמעיה האט ניט איבערגעפרעגט זיין פאטער און ניט געוואלט וויסען, פאר וואס ער הייסט איהם אזוי טאהן, ווייל שמעיה איז געווען א געהארכזאם קינד און מיט פרייד האט ער שטענדיג ערפילט זיין פאטער'ס בעיעהר. ישר איז געשטאר־בען און שמעיה האט איהם געירש'נט. פלעגט ער קומען יעדען טאג צום ים און דארט ארייננווארפען א לאבען ברויט ווי דער פאטער האט איהם געהייסען. איינס פון די קליינע

פישלאך פון ים איז געקומען יעדען טאג צו דעם ארט וואו דאס ברויט איז אריינגעווארפען געווארען, און עס האט זיך אנגעגעסען צו דער זאט און נאך איבערגעלאזט. דאס פישעל איז גרויס און פעט געווארען, און אויסגעוואקסען גרעסער פון אלע אנדערע קליינע פיש. דאן האט דאס אריינגעווארפענע לאבען ברויט איהם מעהר ניט בעפרידיגט, און ער האט גענומען פערצוקען די קלענערע פישלאך, די שוואכערע פון איהם. ווען דער קעניג פון ים האט זיך פון דעם דערוואוסט, איז ער זעהר בייז געווארען, און ער האט געהייסען ברענגען דעם מערדערישען פיש און איהם שטעלען צו א משפט. צוויי גרויסע ים־פיש האבען גלייך דורכגעפיהרט דעם קעניג'ס געבאט און זיי האבען פאר איהם געבראכט דעם זינדיגען. „שטארבען זאלסטו, דו זינדער און פערברעכער!“— האט דער קעניג געזאגט — „ווייל דו האסט אויפ'ן געזעץ עובר געווען, און האסט פערצוקט און אויפגעפרעסען דיינע אייגענע ברידער“. דער פיש האט געהערט און זיך פעטהיידיגט: „ניט איך בין שולדיג, נאר דער מענש, וועלכער האט מיר געגעבען יעדען טאג ברויט צו דער זאט און איך בין גרויס און שטארק געווארען, מיין בויך האט געהאט ווייניג און איך האב געהונגערט. איך האב דערפאר פערצוקט פיש צו שטילען מיין הונגער“.

„האסט רעכט!“ — האט דער קעניג געזאגט — „ווען דער מאן וואלט דיר ניט געבען קיין ברויט, וואלסטו ניט געווען אויסגעוואקסען גרעסער און שטארקער פון דיינע ברידער און וואלסט זיי ניט געווען פערצוקען. און איצט קעהר זיך אום צו יענעם ארט, וואו דער מאן ווארפט יעדען טאג זיין ברויט אין ים אריין, און ווען ער וועט אנקומען, זאלסטו גלייך צו איהם ארויס און איהם איינשלינגען לעבעדיגערהייט און איהם ברייגנען צו אונז. מיר וועלען איהם משפט'ן פאר זיינע שלעכטע מעשים“.

„דער פיש האָט זיך אומגעקערט צו דער האַפען־זייט פון ים, האָט אָפּגעוואָרט שמעיה'ן, און איהם איינגעשלונגען אַזוי באַלד ווי ער האָט איהם דערזעהן. ער האָט איהם גע־בראַכט פאַר דעם קעניג פון ים און איהם אויסגעשפּיגען. שמעיה איז געשטעלט געוואָרען צום משפּט.

„אָ, דו זינדער, וואָס דו מאַכסט אויך מיינע קנעכט זינדיגען!" — האָט דער קעניג פון ים געזאָגט — „דו זאָלסט מיט דיין לעבען בעצאָהלען, דערפאַר וואָס דו האָסט געגעבען דיין ברויט צו איינעם פון מיינע פיש, און דערפון איז ער גרויס און שטאַרק געוואָרען און ער האָט זיך אויסגעלערנט פערצוקען — זיינע אייגענע ברידער, די פיש פון ים, האָט ער געפרעסען!"

„שמעיה האָט געענטפערט דעם קעניג פון ים און געזאָגט: „זאָל מיך גאָט שטראָפען אויב איך האָב דאָס געטאָהן אויס שלעכטקייט! מיין פאָטער האָט פאַר זיין טויט אָנגעזאָגט, איך זאָל יעדען טאָג אַריינוואַרפען אַ לאַבען ברויט אין ים אַריין, און איך האָב זיין פערלאַנג ערפילט! האָב איך גע־קענט וויסען, אַז איינער פון דיינע קנעכט וועט עסען דאָס ברויט און ער וועט דערפון שלעכט ווערען און איינשלינגען זיין ברידער לעבעדיגע?"

„ווען דער קעניג פון ים האָט געהערט שמעיה'ס פער־טיידיגונג, האָט ער געזאָגט:

„דיינע רייד זיינען גוטע און עהרליכע! דו האָסט גע־טאָהן דעם געבאָט פון גאָט, וועלכער האָט בעשאַפען הימעל און ערד און דעם ים און די יבשה, און דו האָסט בכבוד געהאַלטען דיין פאָטער, און געטאָהן אַזוי ווי ער האָט געהייסען. דעריבער וועל איך דיך בעפרייען און דיך אַוועקשיקען בשלום. און דערפאַר וואָס איך האָב דיר שלעכטס געטאָהן, דיך אַרונטערגעבראַכט אין דער טיפעניש פון ים און אויף דיר אָנגעוואָרפען אַ טויט־שרעק, וועל איך דיך אויסלערנען

די שפראך פון יעדען עוף און פון יעדער חיה, און דו וועסט זיין קליגער און געלערענטער פון אלע דיינע ברידער, וואס וואוינען אין דיין שטאדט. דו זאלסט אבער, חלילה, ניט ענטפלעקען צו קיין מענשען־קינד די געשפרעכען פון די חיות און עופות וואס דו וועסט הערען, ווייל אויב דו וועסט דאס טאהן, וועסטו באלד שטארבען!"

„און דער קעניג פון ים האט אויסגעלערנט שמעיה'ן די לשונות פון די חיות און עופות, און ער האט בעפוילען דעם לויתן ער זאל ברענגען שמעיה'ן אויפ'ן האפען פון ים.

„איינמאל, ווען שמעיה און זיין פרוי זיינען געזעסען אונטער זייער וויינשטאק און געגעסען, האבען זיך אומגע־קעהרט פון פעלד די אקסען זיינע, וואס זיינען געווען זעהר מיעד און אויסגעמאטערט נאך א גאנצען טאג אקערען. ער האט געהערט ווי זיי רעדען איינער צום צווייטען: „א, הלואי וואלט אונזער בעל הבית זיך אויף אונז דערבארימט און געהייסען אונז געבען עסען און טרינקען!" אין דערזעלבער מינוט זיינען די באראנען צוגעשפרונגען צו דער קארעטע און געזאגט צו די אקסען: „פארוואס זיפצט איהר אזוי ווען איהר עסט?" די אקסען האבען געענטפערט: „מיר האבען א גאנצען טאג געאקערט און זיינען זעהר אויסגעמא־טערט געווארען, האט אונז דער קנעכט פון אונזער בעל־הבית געשלאגען און אונז צובראכען אלע ביינער!" די באראנען האבען זיך אנגערופען: „א, נאראנים, ווען וועט איהר שוין קלוג ווערען! ווען איהר וואלט פערשטאנען אפצונארען אייער בעל־הבית, וואלט ער שוין אייך צורוה לאזען, און ער וואלט מיט אייך ניט ארבייטען אזוי שווער, ווי ער טהוט דאס יעדען טאג!" — „וואס איז אייער עצה?" האבען די אקסען געפרעגט. די באראנען האבען געענטפערט: „מאכט זיך מארגען אין דער פריה קראנק, און ווען אייער בעל הבית

וועט זעהן, אז איהר זייט קראנק וועט ער אייך צורוה לאזען!"

„די עצה פון די בעראנען איז געפעלען געווארען די אקסען און זיי האבען געזאגט: „גוט, מיר נעהמען אן אייער עצה און וועלען טאהן ווי איהר הייסט אונז!"

„ווען עס איז געקומען אין דער פריה און שמעיה'ס קנעכט האבען אוועקגעלעגט עסען פאר די אקסען, האבען זיי זיך דערצו ניט צוגערירט און גארניט פערזוכט, דער קנעכט איז אוועק צו שמעיה'ן און דאס איהם דערצעהלט. „נעהם היינט די בעראנען און אקערט מיט זיי". דער קנעכט האט זיך געוואונדערט איבער דעם בעפעהל פון זיין בעל הבית און ער האט געזאגט: „וואס רעדסטו בעל הבית? ווי קען מען דאס אקערען מיט בעראנען? וואו איז דאס געהערט געווארען?"

„אזוי האב איך געהייסען און אזוי זאל זיין!" — האט שמעיה געענטפערט.

„דער קנעכט האט גלייך גענומען די בעראנען, זיי גע־בראכט אין פעלד אריין און מיט זיי געאקערט. ער האט זיי געשלאגען איבער'ן קאפ און איבער'ן רוקען און זיי צו'מזיק'ט און פערוואונדעט.

„ווען שמעיה איז געקומען אין פעלד אריין און ער האט געזעהן די געשלאגענע בעראנען האט ער געזאגט: „זיי זיינען פויל, פויל, דעריבער ווילען זיי ניט טאהן די ארבייט!" און צום קנעכט האט ער געזאגט: „ווען דו וועסט זיך אומקערען פון פעלד, זאלסטו ווידער געבען די אקסען עסען, און ווען דו וועסט זעהן, אז זיי זיינען קראנק און עסען ניט, זאלסטו זיי מארגען אוועקפיהרען צום שוחט און זיי לאזען שחט'ן". די בעראנען האבען דאס געהערט און זיי האבען אויפגעשוידערט. זיי האבען דערזעהן די געפאהר וואס

שטעהט זיי פאר און זיי האבען זיך געשטארקט און געאקערט מיט אלע זייערע כחות.

„אין אווענד האט דער קנעכט אהיים געפיהרט די באַ־ ראנעו אין שטאל אריין, האט זיי געגעבען שטרוי און גראז און זיי האבען געגעסען און געזיפצט... די אָקסען האבען זיי געפרעגט: „פארוואס קרעכצט איהר?“ די באראנען האבען געענטפערט: „אונזער בעל הבית'ס קנעכט האט מיט אונז שווער געארבייט און נאך אונז געשלאגען, צוקיילט און צובייזלט!... — און מיר ווילען אייך אויך ווארענען: אויב איהר וועט זיך ווייטער מאכען קראנק, אזוי ווי מיר האבען געראטען און איהר וועט ניט עסען, וועט מען אייך פיהרען צום שוחט און אייך אויס'שחט'ן — אזוי האבען מיר געהערט ווי דער בעל הבית האט בעפעהלען דעם קנעכט“.

„וועה איז אונז!“ — האבען די אָקסען געקרעכצט — "זאל שוין בעסער דער קנעכט אונז געבען עסען, און מיר'ן עסען צוויי מאל אזוי פיעל ווי מיר האבען פריהער געגעסען אבי לעבען צו בלייבען!“

„ווען שמעיה האט דאס געהערט, האט ער אויסגעבראכען מיט א שטארקען הילכיגען געלעכטער. זיין פרוי, וועלכע איז געזעסען נעבען איהם, האט זי זיך זעהר געוואונדערט און זי האט איהם געפרעגט: „זאג מיר, מיין מאן, פארוואס האסטו זיך פלוצים אזוי צולאכט?“

„איך האב זיך אין עפעס דערמאנט“ — האט שמעיה געזאגט — „און איך האב זיך צולאכט“.

„דערצעהל מיר אויך“ — האט די פרוי געפאדערט — „איך וויל אויך הערען“.

„איך קען דיין פערלאנג ניט ערפילען!“ האט שמעיה געענטפערט.

„די פרוי איז זעהר בייז געווארען און זי האט איהם געשאלטען מיט די ביטערסטע קללות. „וואס בין איך ביי

דיר א דיענסט?" — האט זי געשריען — „פאר מיר ווילסטו האבען סודות? דערצעהל מיר בעסער, אניט וועל איך דיר דיין לעבען פערביטערען און דו וועסט דיר דיינע יאהרען פערשעלטען!"

„שמעיה האט זיך געבעטען ביי זיין ווייב: „לאז מיך צורוה, פערלאנג ניט פון מיר איך זאל דיר מיין סוד אויס־זאגען, ווייל דאס קאן מיך מיין לעבען קאסטען!"

„אבער די פרוי האט געשריען:

„ווילסטו מיך איינגעהמען מיט ליגענס? דערצעהל־מיר און — שטארב!..."

„ווען זי האט איהם גענומען שטארק פייניגען מיט איהרע שטעך־רייד און קללות, איז איהם מיאוס געווארען דאס לעבען און ער האט צו איהר געזאגט:

„מאך מיר א גוטען מאהלצייט, ווי איך האב ליעב. איך וועל זיך לייגען אין בעט, כ'וועל אפעסען דעם לעצטען מאהלצייט פון מיין לעבען, כ'וועל דיר דערצעהלען דעם סוד — און שטארבען!"

„שמעיה האט זיך געלעגט אויפ'ן בעט, האט אויסגע־דרעהט זיין פנים צו דער וואנד און געזיפצט און געוויינט. די פרוי האט געהייסען דער דיענסט אנקאכען גוטע מאכלים און אוועקשטעלען אויפ'ן טיש. די דיענסט האט אלץ צוגע־גרייט, אוועקגעשטעלט צום עסען און איז ארויסגעגאנגען. ווען דער האהן איז אהיים געקומען מיט זיינע פיעלע ווייבער, די היהנער, האט ער גענומען זוכען ברעקלעך ברויט און ניט געפונען. ער האט זיך ארומגעקוקט און געזעהן א שיסעל מיט לאקשען אויפ'ן טיש. ער איז צוגעפלויגען, האט אריינ־געשטעקט דעם שנאבעל און געגעסען! ווען דער הונט האט דאס געזעהן, האט ער אויסגעשריען צו דעם האהן: „א, דו עזות פנים! ווי האסטו געוואגט צו טאהן אזא זאך? איך הער שטענדיג ווי די מענשען זאגען אויף אונז, הינט, אז

מיר זיינען עזות פנים'ער און מיר האבען קיין בושה ניט! איצט קענען זיי זעהן, אז עס איז ניט פאראן אזא געמיין, חוצפה'דיג געזיודעל ווי די הענער!"

„דער האהן האט זיך אבער ניט געקימערט איבער דעם הונט'ס מוסר־רייד, און דער הונט האט ווייטער צו איהם געשריען:

„א, דו געמיינער נפש! ווי קענסטו אפצאהלען שלעכטס פאר גוטס! דו ווייסט, אז היינט שטארבט דער בעל הבית אונזערער, וועלכער האט אונז געשפייזט אזא לאנגע צייט; און שוין האכטו פערגעסען זיין גוטסקייט און דו קומסט אויפפרעסען זיין לעצטען מאהלצייט!... שנעל געה ארונטער פון טיש, ווארים איך געה ארויף אהין און מאך א תל פון דיר!"

„און דער האהן האט געענטפערט דעם צארנדיגען הונט:

„וואס האסטו אזוי פלוצים אזוי רחמנות בעקומען אויף דעם בעל הבית, דעם שוטה? וואס בעדויערסט איהם אזוי?— ער האט דאך אליין אויף זיך געבראכט דאס אונגליק! ווען ער וואלט ניט פאלגען זיין פרוי, וואלט דאך מיט איהם איצט גארניט געטראפען!"

„ווי האט אונזער בעל הבית געקענט זי ניט פאלגען? — האט דער הונט געזאגט — „זי האט דאך איהם געפייניגט און איבער איהם געוויינט און געמאכט זיין לעבען אונער־טרעגליך?-!"

„דאס האב איך טאקי געזאגט!" — האט דער האהן גע־ענטפערט — „א נזער בעל הבית איז א שוטה, וואס איז ניטא זיינס גלייכען. זעה, אפילו איך בין פיעל קליגער פון איהם. גיב נאר א קוק אויף מיינע פיעלע ווייבער, וועסט זיי אפילו ניט קענען איבערצעהלען... און דאך לעב איך! קיינע פון זיי וועט ניט וואגען מיך צו פייניגען און פערביטערען מיין

לעבען. און אונזער בעל הבית האט בלויז איין פרוי — און אט איז ער באלד א טויטער!..."

„ווען שמעיה האט געהערט דעם האהן'ס דבורים, איז ער באלד ארונטער פון בעט, געלאפען צום ווייב און האט אויף איהר אנגעשריען:

„הער, אויב דו וועסט נאך וואגען ריידען וועגען מיין סוד, וועל איך אויף דיר ברענגען אן אונגליק, וואס דו האסט זיך קיינמאל ניט געריכט!"

„די פרוי איז דערשראקען געווארען פאר דעם פלוצלונגען סטראשונאק פון איהר מאן און זי האט איהם צורוה געלאזען!..."

ווען שלמה האט געענדיגט דערצעהלען זיין געשיכטע, האט ער געזעהן ווי זיין פרוי איז געבליבען זיצען מיט אן ארונטערגעלאזטען קאפ, א פערשעהמטע. ער האט דאן צו איהר געזאגט:

„דו ווייסט, אז צעהנדליגע טויזענדע מענער זיינען מיינע קנעכט, וואס וועלען ניט וואגען צו טאהן קיין זאך אהן מיר און אויב די דאזיגע מאסען, וואס זיינען גרוים אין צאהל ווי דאס זאמד ביים ים, זיינען מיר אונטערטעניג און וועלען אהן מיר קיין האנט ניט אויפהויבען — ווי זשע האסטו געקענט דענקען, אז דו וועסט מיך קוועהלען מיט דיין געוויין און מיך אונטערטעניג מאכען?!"

די קעניגין האט געענטפערט:

„זיי מיר מוחל, א האר קעניג, זיי מיר מוחל!"

„איך פערגיב דיר!" — האט דער קעניג געענטפערט.

39

שלמה המלך געפינט אויס א גנב

אין די צייטען פון שלמה המלך האט געטראפען אזא געשיכטע.

דריי מענשען זיינען געגאנגען אין וועג ערב שבת. און אז עס איז שוין געווארען פארנאכט, און עס האט אנגעהויבען צו ווערען טונקעל האבען זיי געזאגט: „לאמיר בעהאלטען אונזער געלד אום מיר זאלען ניט מחלל שבת זיין". האבען זיי אלע דריי ארויסגענומען זייער געלד און בעהאלטען צוזאמען, אין איין ארט. האלבע נאכט איז איינער פון זיי אויפגעשטאנען פון זיין געלעגער, האט ארויסגענומען דאס בעהאלטענע געלד און האט עס בעהאלטען אין אן אנדער ארט. מוצאי שבת, אז זיי האבען געדארפט געהן ווייטער, זיינען זיי געקומען ארויסנעהמען זייער געלד, אבער זיי האבען עס ניט געפונען. האבען זיך די דריי מענשען גענומען קריגען. דער זאגט: „דו האסט צוגענומען דאס געלד", און דער זאגט דאס זעלבע: „דו האסט עס צוגענומען". איז ביי זיי געבליבען אז זיי זאלען געהן צו שלמה המלך ער זאל משפט'ען צווישען זיי.

ווען זיי זיינען געקומען צו שלמה'ן, האט יעדער איינער איהם דערצעהלט זיין געשיכטע און געבעטען ער זאל זיי משפט'ען און אויסגעפינען ווער דער גנב איז. שלמה המלך האט זיי געהייסען קומען אביסעל שפעטער און האט דערוויל ארומגעטראכט ווי ער זאל אויסגעפינען פון זייערע רייד ווער דער גנב איז. ווען זיי זיינען געקומען דעם צווייטען מאל האט ער צו זיי געזאגט:

„איך האב געהערט אז איהר בעזיצט תורה און חכמה און א געזונטען פערשטאנד צו אורטהיילען. וויל איך ביי אייך פרעגען א פראגע וואס דער מלך פון רוים האט מיך געשיקט פרעגען ווענען א געשיכטע אין זיין לאנד.

„צוויי יונגע קינדער, א אינגעל מיט א מיידעל, האבען געוואוינט אין איין הויף, און ווי דער שטייגער איז זיינען זיי געוועז גוט בעפריינדעט. איין מאל זאגט דער אינגעל צו דער מיידעל:

„לאמיר אפמאכען צווישען זיך מיט א שבועה, אז ווען אימיצער וועט קומען און וועט וועלען אז דו זאלסט ווערען פאר איהם א כלה זאלסטו איהם ניט נעהמען סיידען איך וועל דיר דאס ערלויבען".

„די מיידעל האט אויף דעם געשווארען. א צייט שפעטער האבען די עלטערן דאס מיידעל פער'קנס'ט צו א יונגען מאן. ווען דער חתן איז צו איהר געקומען האט זי איהם געזאגט: „איך וועל ניט זיין דיין פרוי, סיידען איך וועל צוערשט געהן צו מיין יוגענד פריינד און ביי איהם בעטען ערלויבניש, דען אזוי האב איך איהם געשווארען".

„די מיידעל איז אוועק צו איהר יוגענד פריינד און האט צו איהם געזאגט:

„נעהם זילבער און גאלד פיעל דו ווילסט און בעפריי מיך פון דער שבועה".

„און דער יוגענד פריינד האט געענטפערט: „דערפאר וואס דו האסט געהאלטען דיין שבועה און דו ביסט געקומען מיך פרעגען, בעפריי איך דיך אין גאנצען און איך פערלאנג פון דיר גארניט". און צו דעם חתן וואס איז געקומען מיט איהר האט ער געזאגט: „האב דיר א גליקליך לעבען מיט איהר צוזאמען". און די פארעל איז אוועק צוריק אהיים.

„אויפ'ן וועג האבען זיי בעפאלען רויבער, און איינער פון זיי, אן אלטער גזלן, האט צוגענומען די מיידעל פאר זיך און אויך דאס גאנצע זילבער און גאלד וואס זי מיט איהר חתן האבען געפיהרט מיט זיך. אפילו איהר ציערונג האט ער אראפגעריסען פון איהר. האט די מיידעל געזאגט צום אלטען גזלן:

„איך בעט דיך, איידער דו טהוסט מיר שלעכטס, זאָלסטו אויסהערן מיין געשיכטע“. און זי האָט איהם דערצעהלט איהר גאַנצע געשיכטע צו ווענען און צו וואָס זי איז געפאָהרען. און נאָכדעם האָט זי געזאָגט צום אַלטען גזלן: „נעהם אַ ביישפּיעל פון מיין חתן, וועלכער איז אַ יונגער מאַן, אין זיינע בליהענדע יאָהרען, און דאָך האָט ער איינגעהאַלטען זיין לוסט די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבען געדייזט צוזאַמען. און דו, וואָס דו ביסט שוין אַן אַלטער מאַן און דו קאָנסט צו יעדער צייט גערופען ווערען אין הימעל אָפּצוגעבען דיין חשבון פאַר דיינע מעשים, דאַרפסטו געוויס איינהאַלטען דיין בעגעהר. נעהם זיך דאָס גאַנצע זילבער און גאָלד און ציערונג און לאָז מיך געהן צו מיין בעשעהרטען“.

„ווען דער אַלטער גזלן האָט אויסגעהערט איהרע רייד האָט ער איינגעזעהן אַז זי האָט רעכט. ער האָט איהר גע־הייסען געהן צוזאַמען מיט איהר חתן און ער האָט איהר אומגעקעהרט די גאַנצע ציערונג און זילבער און גאָלד וואָס ער האָט גענומען פון איהר.

„אַט דאָס איז די געשיכטע וואָס האָט געטראָפען אין רוים, און יעצט האָט דער מלך פון רוים מיך געשיקט פרעגען מיין מיינונג, ווער פון די דריי פערדיענט די גרעסטע עהרע: די מיידעל, איהר חתן, אָדער דער אַלטער גזלן? און אַזוי ווי מיר איז שווער צו געבען אַ מיינונג, וויל איך די פראַגע איבערגעבען צו אייך“.

האָט איינער פון די דריי מענשען געזאָגט: „ביי מיר קומט אויס אַז די מיידעל וואָס האָט געהאַלטען איהר שבועה פערדיענט די גרעסטע עהרע“.

„איך דענק, אַז דער חתן וואָס איז מיט איהר די גאַנצע צייט געגאַנגען אין וועג און האָט איינגעהאַלטען זיין ליעבע, פערדיענט די גרעסטע עהרע“, האָט דער צווייטער געזאָגט.

„און איך דענק", האָט דער דריטער געזאָגט, „אַז דער אַלטער גזלן וואָס האָט איהר אומגעקעהרט איהר געלט און האָט זי בעפרייט, פערדיענט די גרעסטע עהרע. אָבער איך קען ניט פערשטעהן וואָרום נאָכדעם אַז ער האָט זי בעפרייט, צו וואָס האָט ער אומגעקערט די געלד מיט די ציערונג?"

„דאָס ביסטו דער גנב!" האָט שלמה המלך אויסגערופען. „ווען דו קענסט האָבען אַזעלכע שלעכטע געדאַנקען וועגען געלד וואָס דו האָסט קיינמאָל אין דיינע אויגען געזעהן, קאָנסטו געווים האָבען אַ לוסט צו געלד וואָס דו האָסט געזעהן און דו האָסט געוואוסט ווי דאָס צו'גנב'ענען".

גלייך נאָכדעם האָט שלמה המלך געהייסען דעם בע־שולדיגטען בינדען און איהם געצוואונגען, אַז ער זאָל זיך מודה זיין. ווען דער גנב האָט געזעהן אַז ער קאָן זיין שולד ניט בעהאַלטען האָט ער זיך מודה געווען און געצייגט וואו ער האָט די גנבה בעהאַלטען. און אַלע האָבען בעוואונדערט די גרויסע חכמה פון שלמה המלך.

40

דער מדבר־האָהן פאַר שלמה'ן

אויף שלמה'ס בעפעהל זיינען צוזאַמענגעבראַכט געוואָ־רען די חיות און די פייגעל, און אַלערליי שדים און רוחות, און זיי האָבען געטאַנצט און געשפרונגען פאַר'ן קעניג און די עלטסטע פון לאַנד, וועלכע זיינען געקומען נאָך ירושלים. ווען שלמה המלך האָט געזעהן אַז דער מדבר־האָהן געפינט זיך ניט צווישען די עופות, האָט דאָס איהם פערדראָסען און ער האָט געגעבען אַ בעפעהל:

„זאָל דער מדבר־האָהן געבראַכט ווערען און איך וועל איהם בעשטראָפען דערפאַר וואָס ער האָט ניט געטאָהן מיין

נעבאט און איז ניט געקומען צוזאמען מיט די אנדערע עופות".

די אדלערס זיינען באלד אוועקגעפלויגען זוכען דעם מדבר־האהן. זיי האבען איהם געפונען און געבראכט צום קעניג. דער האהן האט זיך אזוי פערענטפערט:

„זיי ניט בייז אויף מיר, האר קעניג, וואס איך בין ניט געקומען צו דיר אין דעם טאג וואס אלע עופות זיינען צו־נויפנעזאמעלט געווארען, ווייל ניט אויס שלעכטסקייט און נרינגשעצונג צו דיר האב איך דאס געטאהן".

„וואו־זשע ביסטו געוועזן?" — האט שלמה געפרעגט — „לאמיר הערען דיין ערקלערונג".

„שוין דריי חדשים" — האט דער מדבר־האהן דערצעהלט — „ווי איך האב בעשלאסען ארום צו פליהען איבער אלע עקען וועלט, נאכצוזוכען און אויספארשען, אויב עס איז נאך פאראן א פאלק אדער קעניגרייך, וואס האט ניט געהערט דעם נאמען פון מיין האר קעניג, און וואס דיענט איהם ניט און צאהלט איהם ניט קיין שטייער. איך האב דורכגעפיהרט מיין בעשלוס און בין ארומגעפלויגען נייינציג טעג און נייינציג נעכט. איך האב ניט געגעסען און ניט געטרונקען, ביז איך בין אנגעקומען אין דער שטאדט קיטור, וואס געפינט זיך אויף עק־וועלט צו מזרח־זייט. איך האב זיך צוגעקוקט צו יענער לאנד און איך האב געזעהן אז זיין ערד איז לויטער טייערע גאלד, און פיעל זילבער וואלגערט זיך אויף די גאסען פון דער שטאדט, און קיינער קוקט זיך דערויף ניט אום. איך האב אויך געזעהן פרעכטיגע גארטענס און גני עדן, פערפלאנצט ווי אין דעם טאג ווען גאט האט בעשאפען הימעל און ערד. און א טייך שלענגעלט זיך ארויס פון ערן וואס טרינקט אן די גארטענס מיט וואסער. אויף די בוימער וואקסען טייערע פרוכטען און זייערע געשמאק איז אזא וואס איך האב ניט געפיהלט אין קיינעם פון די לענדער וואס איך האט געזעהן. און איך האב זיך צוגעקוקט צו די איינוואוי־

נער פון לאַנד און געזעהן אַז זיי זיינען רוהיגע שטילע מענשען. יעדער זיצט אונטער זיין ווייןשטאָק און פייגענבוים. זיי האָבען ניט קיין כלי־זיין און קיינער לערנט דאָרט ניט מלחמה־קענטניס. און איך האָב ווייטער נאָכגעזוכט און געפאָרשט, און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אַ פרוי, וואָס איז בעקאַנט אַלס די „מלכת שבא", קעניגט איבער זיי שוין אַ לאַנגע צייט, און דאָס גאַנצע פאָלק, פון קליין ביז גרויס, איז איהר געהאָרכזאַם, אַהן איהר ווערט אין לאַנד קיין זאַך ניט געטאָהן. און איצט אויב דער קעניג וויל, וועל איך זיך אומקערען אין יענעם לאַנד, און איך וועל בינדען זיינע מיניסטאָרען און עלטסטע אין קייטען און זיי ברענגען אַהער".

41
אין לאַנד קיטור

דעם מדבר־האָהן'ס ערקלעהרונג איז שלמה'ן געפעלען, און ער האָט געהייסען איהם דערלאַנגען עסען און טרינקען אין גאָלדענע כלים, און ווען דער האָהן האָט זיך אָנגעגעסען זאַט, האָט ער געזאָגט צו שלמה'ן: „איצט בין איך גרייט, שיק מיך!"

שלמה האָט גערופען זיינע שרייבער און זיי האָבען אָנגעשריבען צו דער מלכת שבא אַ בריעף וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„פריעדען צו דיר, מלכת שבא און פריעדען צו אַלע דיינע קנעכט! זיי וויסען אַז גאָט האָט מיך בעשטימט פאַר קעניג איבער לענדער און פעלקער. ער האָט איבערגעגעבען אין מיין רשות אַלע חיות און בהמות, די פיש און די עופות און די אינסעקטען און מיר ערלויבט איבער זיי צו הערשען לויט מיין ווילען. און איצט, אויב דו וועסט קומען און זיך

בוקען פאַר מיר, וועל איך דיך בעעהרען און דיך דערהויבען איבער אלע קעניגע וואָס זיינען מיט מיר. נאַר אויב דו וועסט ניט פאָלגען — וועל איך אויף דיר אַנשיקען אלע מיינע גרויסע חילות און זיי וועלען דיך פערניכטען. און טאָמער וועסטו פרעגען: ווער זיינען דאָס דיינע גרויסע חילות, וועגען וועלכע דו רעדסט? וועל איך דיר ענטפערען: די פייגעל פון הימעל זיינען מיין קאַוואַלעריע, און די חיות פון דער ערד זיינען מיין אינפאַנטעריע! א וואָרט דאַרף נאָר קומען פון מיין מויל — און זיי וועלען בעפאַלען דיין לאַנד און פערציקען און צושטערען, און עס וועט נענען זיי קיין רעטונג ניט זיין".

פערענדיגענדיג דעם בריעף, האָבען די שרייבער איהם אַנגעבונדען אַן דעם פליגעל פון דעם מדבר־האָהן. אַזוי ווי דער האָהן האָט זיך דערהויבען מיט זיינע פליגלען פון דער ערד, האָט ער גערופען צו די פייגעל און זיי זיינען איהם באַלד נאָכגעפלויגען.

דער מדבר־האָהן איז אַנגעקומען אין דער פריה פונקט אין דער צייט ווען די מלכת שבא איז אַרויסגעגאַנגען זיך בוקען צו דער זון. ווען ער האָט זי געזעהן האָט ער צוזאַמענ־גערופען אַלע פויגעל און זיי בעפעהלען: „פערשפרייט זיך ניט אויף אַלע זייטען, נאָר אויף איין פּלאַץ לאָמיר זיך האַל־טען אַלע צוזאַמען". ווען די מחנה פייגעל האָבען זיך צו־נויפגעזאַמעלט אויף איין אָרט, האָבען זיי צוגעדעקט דעם שיין פון דער ערד און די זון איז פינסטער געוואָרען. די קעניגין האָט זיך זעהר דערשראָקען און זי האָט אויסגעשריען: „וועה מיר! וואָס האָט מיט מיר געטראָפען? איך בין בלינד געוואָרען, מיינע אויגען זעהען ניט מעהר דאָס ליכט!"

דער מדבר־האָהן איז אַרונטער צו דער קעניגין און ער האָט אויפגעהויבען זיינע פליגלען. די קעניגין האָט געזעהן דעם בריעף, און ווען זי האָט איהם גענומען און איבערגע־

לייענט האָט זי אויפגעשווידערט. זי האָט גלייך צוזאַמענ־גערופען אַלע איהרע עלטסטע און געלעהרטע און זיי פאַר־געלייענט דעם בריעף. ווען די עלטסטע און געלעהרטע האָבען געהערט דעם אינהאַלט פון דעם בריעף, האָבען זיי גע־זאָגט:

„מיר קענען ניט שלמה׳ן און זיין קעניגרייך האָט פאַר אונז קיין בעדייטונג ניט!“

אָבער די קעניגין האָט זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פון איהרע ראַטהגעבער, און זי האָט צוזאַמענגערופען אַלע שיפס־קאַפּיטאַנען און זיי איבערגעגעבען פיעלע בריליאַנטען און גאָלד און זילבער, און אויך זעקס הונדערט שעהנע יונגען און מיידלעך, אַלע אין די זעלבע קליידער, און זי האָט זיי אַוועק־געשיקט אויף שיפען צו שלמה׳ן. זי האָט זיי איבערגעגעבען צו זאָגען צו דעם גרויסען קעניג שלמה אַזוי:

„אַזוי האָט געזאָגט די מלכּת שבא: אַ מהלך פון זיבען יאָהר איז פון מיין לאַנד קיטור נאָך ארץ ישראל; אָבער אום צו הערען דיין גרויסע חכמה, וועל איך זיך אויפ׳ן וועג ניט אָבּרוהען און וועל ניט שפּאָרען קיין מיה, צו קענען דורכמאַכען דעם וועג אין בלויז דריי יאָהר“.

42

דער קריסטאַלענער פּאַלאַסט

ווען עס איז געקומען דער טאָג ווען די מלכּת שבא האָט געזאָלט אָנקומען נאָך ירושלים, האָט שלמה געשיקט בניהו בן־יהוידע זי בעגעגענען און זי ברענגען אין זיין פּאַלאַץ. אַלס זי איז געפאָהרען אין איהר קאַרעטע האָט זי דערזעהן פון דערווייטענס אַ פּרעכטיגע בלום שפּראָצט אַרויס נעבען טייך; ווען זי איז צוגעפאָהרען אַביסעל נע־

הענטער האט זי געזעהן, אז די בלום האט זיך פערוואנדעלט אין א בלישטשענדען שטערן, און וואס נעהענטער זי איז געקומען אלץ ליכטיגער האט דער שטערן געשיינט און ער האט אויסגעזעהן ווי א מארגענרויט בעת די זוהן נעהמט אויפגעהן. דאס דאזיגע וואונדערליכע בילד האט איהר הארץ געפאנגען, און זי האט צוגעאיילט איהר קארעטע־טרייבער, ער זאל פאהרען שנעל און וואס גיכער איהר ברענגען צו דעם מערקווירדיגען פלאץ.

ווען זי איז צוגעקומען צו דעם הערליכען בילד — האט זי פאר זיך געזעהן דאס געשטאלט פון א מענשען שטעהענ־דיג צווישען א מאסע הארען און קנעכט אנגעטאהן אין קעניגליכע קליידער. זי האט געזאגט צו די באדינער, וועלכע זיינען מיט איהר געזעסען אין דער קארעטע:

„איך געה ארונטער פון דער קארעטע און זיך בוקען, וויל שלמה'ן, דעם קעניג פון גאנצען לאנד, האבען מיינע אויגען געזעהן!"

זי איז ארונטער און איהרע דיענער זיינען איהר נאכ־געגאנגען. בניהו בן־יהוידע איז צו איהר צוגעגאנגען און האט געפרעגט:

„פאר וואס ביזטו ארונטער פון דיין קארעטע?"

„דו ביזט דאך שלמה המלך — האט די מלכת שבא גע־ענטפערט — בין איך דערפאר ארונטערגעגאנגען אום דיר אפצוגעבען כבוד."

„געה צוריק, מלכת שבא, אין דיין קארעטע אריין — האט בניהו בן־יהוידע איהר געענטפערט — וויל נים דעם קעניג האסטו געזעהן, נאר איינעם פון זיינע קנעכט וואס בעדיענען איהם."

ווען זי איז צוריק אריין מיט איהרע דיענער אין קארעטע האט זי צו זיי געזאגט:

„איידער מיר זעהען דעם ליב אין זיין שטאַלץ, ווייזט ער אונז זיין פּרעכטיגען געלעגער, און איידער מיר זעהען שלמה המלך אין זיין שעהנקייט, איז פאַר אונז ענטפּלעקט געוואָרען איינער פון זיינע קנעכט, וואָס נאָך אַזאַ שעהנער ווי ער האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן!“

בניהו בן־יהוידע האָט איהר געלאָזט וויסען, אז ער וועט געהן פאָראויס און זי ברענגען צום קעניג.

ווען מ׳האָט שלמה אָנגעזאָגט, אז די מלכת שבא קומט, איז ער אריין אין זיין קריסטאָלענעם פּאַלאַץ און זיך דאָרט געזעצט אויף זיין שטוהל.

ווען די קעניגין איז אריינגעקומען און זי האָט געזעהן דעם וואונדערליכען שטוהל, אויף וועלכען שלמה זיצט, האָט זיך איהר געדאַכט, אז דער קעניג שווימט מיט זיין שטוהל אויפ׳ן וואַסער, און זי האָט זיך געטראַכט: „איך וועל פערקאַטשען די עקען פון מיינע קליידער און צו איהם צו־געהן“. און זי האָט אַזוי געטאָהן.

ווען דער קעניג האָט זי געזעהן האָט ער זי בעגריסט און געלויבט איהר שעהנקייט. ער האָט געהייסען אוועק־שטעלען אַ שטוהל און זי האָט זיך געזעצט ביי זיין רעכטע האַנט.

43

די מלכת שבא פרעגט רעטענישען

„איך וועל דיך פרעגען רעטענישען“ — האָט די מלכת שבא געזאָגט צו שלמה׳ן — „און אויב דו וועסט מיר קענען אויף זיי ענטפערען, וועל איך וויסען אַז עס איז אמת וואָס איך האָב געהערט, אַז שלמה איז קליגער פון אַלע מענשען“.

„לאמיך הערען דיינע רעטענישען!" — האט דער קעניג געזאגט.

די מלכת שבא האט געפרעגט:

„וועלכעס וואסער רינט ניט פון הימעל און טריפט ניט פון שטיינער און פעלזען־שפאלטען. טיילמאל איז עס זיסער פון האניג און טייל מאל ביטערער פון ווערמוט, באטש עס קומט פון זעלבען קוואל?"

שלמה האט געענטפערט:

„די טרעהר קומט ניט פון הימעל און אויך ניט פון די פעלזען־שפאלטען טריפט זי אויף די באקען; זי איז זיס ווען דער מענש וויינט פון שמחה, און ביטער — ווען ער וויינט פון וועהטאג און אומגליק!"

די מלכת שבא האט ווייטער געפרעגט:

„מיין ליעבענדע מאמע האט מיר געגעבען א מתנה צוויי טייערע זאכען. אין איין מתנה איז מייסטערהאפט אויס־געשניצט א לאך, און די צווייטע קען גלאז שפאלטען. איינע איז אין ים געבוירען, און די צווייטע אין דער טיעפעניש פון דער ערד?"

דער קעניג האט געענטפערט:

„די ערשטע מתנה זיינען די רינגען אויף דיינע פינגער; די צווייטע — די שנירלעך דימענטען אויף דיין האלז".

„זאג־זשע מיר — האט די קעניגין ווייטער געפרעגט — „ווער איז דער אומגליקליכער, וואס מען בעהאלט איהם אין דער ערד איידער ער שטארבט, און וואס מעהר ער ליגט דארט און פוילט, שטארקער ווערט ער און מעהר לעבען גיט ער פון זיך ארויס?"

„דאס זיינען די קערנער וואס ווערען פערזייעט אין דער ערד — האט שלמה געענטפערט — די זאנגען און די תבואה זיינען דאס לעבען וואס זיי גיבען ארויס!"

„זאג מיר, קעניג — האט די מלכת שבא געפרעגט — וואס איז ריין און ווייס ווען ס'קומט אראנטער פון הימעל, דערנאך ווערט עס שמוץ. עס ווערט מיט דער צייט אין וואלקענס פערוואנדעלט, און ווערט דאן ריין און לויטער ווי עס איז געווען פריהער?"

שלמה האט געענטפערט:

„וואס איז ווייסער פון שניי ווען עס קומט אראנטער פון הימעל, און וואס איז שמוציגער פון בלאטע וואס אויף די וועגען! די וואלקענס האבען עס געבוירען, אויף דער ערד עס אראנטערגעלאזט, און ווען די זון ווארימט, קומט עס צו זיי צוריק."

„לאז ברענגען אהער — האט די קעניגין פערלאנגט — די זעקס טויזענד אינגלאך און מיידלעך וואס איך האב צו דיר געשיקט, און זאג מיר, וועלכע עס זיינען די אינגלעך און וועלכע די מיידלעך?"

דער קעניג האט געגעבען א בעפעהל און עס זיינען גע־בראכט געווארען די אינגלעך און מיידלעך, וועלכע זיינען אלע געווען פון דעמזעלבען אויסזעהן און פון דערזעלבער הויך און האבען אלע געטראגען דיזעלבע קליידער. דער מלך האט אויף זיי געקוקט און ער האט א זאג געטאהן צו איינעם פון זיינע דינער:

„דערלאנג יעדער איינעם פון זיי א שיסעל וואסער און הייס זיי וואשען זייערע הענט און פנים'ער, אבער קיין האנד־טיכער זאלסטו זיי ניט געבען".

דער דינער האט אזוי געטאהן און די זעקס טויזענד אינגלעך און מיידלעך האבען זיך גענומען וואשען. ווען זיי זיינען פארטיג געווארען און זיי האבען געזעהן אז עס איז ניטא קיין האנטיכער, — האבען די מיידלעך ארויסגענומען זייערע פארטיכער און אבגעווישט זייערע הענט און פנים'ער,

און די אינגלעך, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָהן, זיינען גע־בליבען שטעהן מיט נאַסע הענט און נאַסע געזיכטער...

נאָכדעם האָט דער קעניג גֶעהייסען ברענגען גרויסע קוי־בערס פול מיט נים, עפּעל און מילגרוימען און מיט זיין האַנט האָט ער פון דעם אויסגעטהיילט צו די אינגלעך און מיידלעך. די וואָס האָבען גלייך אויסגעשפּרייט זייערע פאַרטיכער אַריינ־צונעהעמן די פרוכט, האָט דער קעניג אויסגעשטעלט אויף זיין רעכטער זייט, און די וואָס האָבען אַזוי ניט געטאָהן, נאָר זיי האָבען צוגענומען די פרוכט אין זייערע הענט אריין, האָט שלמה אויסגעשטעלט אויף זיין לינקער זייט — און ער האָט דאַן געזאָגט צו דער מלכת שבא:

„אויף מיין רעכטער זייט זיינען די אינגלעך, און אויף מיין לינקער זייט זיינען די מיידלעך!“

די קעניגין האָט זיך דאַן געוואונדערט צו איהרע שטע־רענזועהער און כשוף־מאַכער און געזאָגט:

„דורך אייער כישוף האָט איהר אויסגעקליבען די דאָ־זיגע זעקס טויזענד אינגלעך און מיידלעך, און איהר האָט אין זיי געמאַכט געהיימע סמנים, און איהר זאָלט קענען דערקענען צווישען א מאַן און א פרוי. איצט פרעג איך ביי אייך: איז ריכטיג וואָס דער קליגסטער פון אלע מענשען האָט איינגעטיילט, אַז אויף דער רעכטער זייט זיינען אינג־לעך און אויף זיין לינקער — מיידלעך?“

די שטערנזועהער און כשוף־מאַכער האָבען איהם געענט־פערט:

„ריכטיג און אמת זיינען דעם קעניג'ס רייד! ער איז קלוג ווי א מלאך פון גאָט!“

44

די פערשלאָסענע קעסטעל

ווען די מלכת שבא איז געווען צוגאַסט ביי שלמה המלך, זיינען זיי ביידע איינמאָל ארוים שפּאַצירען, רייטענדיג אויף פערד. זיי זיינען אוועק פון שטאָדט און ווען זיי זיינען אָנגעקומען ביים לבנון, זיינען זיי אַרונטער פון זייערע פערד און זיך געזעצט אויפ'ן גראָז, זיך אָבצורוהען.

„איך הער אַ פרויען שטימע זינגען", האָט די מלכת שבא געזאָגט, „אָבער איך פערשטעה ניט וואָס זי זינגט".

„דאָס זינגט די פרוי פון איינעם וואָס האָט זיין פעלד און גאָרטען אין דעם געגענד. זי זינגט ווי גוט איז איהר וואָס איהר מאַן אביעזר אַרבייט אין פעלד, איהר זוהן אחיעזר פאַשעט די פיה, און זי אַליין טהוט אַלע הויז אַרבייט. זי זינגט אַז זי איז גליקליכער ווי איך, שלמה המלך אין מיין פּאַלאַסט".

„אַט דאָס איז אַ גוטע פרוי!" האָט די מלכת שבא אויסגערופען, און דו האָסט געזאָגט אַז צווישען טויזענד מענער האָסטו איינעם אַ רעכטען געפונען, אָבער ביי פרויען האָסטו אפילו איינע צווישען טויזענד ניט געפונען. אַט איז אַ גוטע פרוי וואָס איהר אָרימער לעבען איז ביי איהר טהייערער ווי דיינע פּאַלאַסטען".

„איך האַלט זיך אַלץ ביי מיין מיינונג", האָט שלמה המלך געענטפערט.

„איך וועל דיר ניט גלויבען ביז דו וועסט די פרוי אויספּרובירען", האָט די מלכת שבא געזאָגט.

„לאָמיר געהן צו די הויז וואו עס וואוינט די גוטע און אָרענטליכע פרוי". האָט שלמה המלך פאָרגעשלאָגען, „און מיר וועלען זי אויספּרובירען".

זיי זיינען צוריק ארויף אויף זייערע פערד און זיינען געקומען צו דער הויז פון אביעזר און זיך אוועקגעשטעלט ביים אריינגאנג. ווען די פרוי האט דערזעהן די רייטער, א מאן און א פרוי, אנגעטאהן אין קעניגליכע קליידער, איז זי ארויס, זיך געבוקט פאר זיי און זיי איינגעלאדען אז זיי זאלען אריינקומען אין הויז זיך אברוהען. די קעניגליכע געסט זיינען אריינגעקומען און די פרוי האט זיי דערלאנגט א קרוג קאלטע וואסער פון קוואל און אויך מילך, פוטער און זיסע קוכענס. זי האט זיי געבעטען עסען און זיי האבען געגעסען.

און די מלכת שבא האט געזאגט שטילערהייד צו שלמה המלך:

„איך האב געפונען א רעכטע פרוי איינע צווישען טויזענד, אבער צווישען טויזענד מענער האב איך אפילו איינעם ניט געפונען".

שלמה המלך האט געלאכט און געענטפערט:

„לאמיר ניט שטערען די פרוי אין איהר הויז ארבייט. היים איהר געהן צוריק צו איהר הויז ארבייט. באלד וועט קומען אביעזר איהר מאן מיט זיין זוהן, מיעד, דארשטיג און הונגעריג, און זי דארף פאר זיי אנגרייטען זייער מאהלצייט".

שלמה המלך איז ארויס פון דער הויז צוזאמען מיט מלכת שבא און זיי זיינען אריין זעהן אביעזר'ס גארטען. געהענדיג האט שלמה המלך געזאגט: „איך זעה אז דו ווילסט דאס איך זאל אויספרובירען די פרוי. איך וועל טאהן דיין פערלאנג, אבוואהל עס ווילט זיך מיר ניט צושטערען דעם רוהיגען לעבען פון דיזער פריינדליכער פאמיליע. דו בלייב דא א ווייליע און איך וועל צוגעהן צו מיין פערד און ארויסנעהמען פון מיין זאק א קליינע קעסטעלע וואס איך האב דארט. איך וועל באלד קומען צוריק".

שלמה האָט אַזוי געטאָהן און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ קליין קעסטעלע אין האַנד. ער האָט מיט אַ שליסעל דאָס געעפענט און געצייגט צו דער מלכּת שבא. זי האָט אַ קוק געטאָהן און דאָרט געזעהן אַ ווייסע מייזעלע און אין אַ פּיצינאַנטינקע שיסעלע זיינען דאָרט געווען ברעקעלעך און קערנער. שלמה האָט די קעסטעלע צוריק פערשלאָסען און געזאָגט: „מיט דעם וועל איך אויספּראָבירען די פרוי. און אויב זי וועט ביישטעהן דעם נסיון וועל איך צוגעבען אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות“.

שלמה המלך און די מלכת שבא האָבען זיך צוריק גע־קעהרט אין הויז און זיי האָבען שוין דאָרט געטראָפען אביעזר׳ן מיט זיין זוהן. אביעזר האָט דעם מלך דערקענט, ווייל ער האָט איהם אַ פּאָר מאָל געזעהן יום טוב, ווען ער איז געקומען נאָך ירושלים עולה רגל זיין.

„רוף מיר אַהער דיין פרוי“, האָט שלמה המלך געזאָגט צו אביעזר׳ן.

די פרוי איז געקומען, און שלמה האָט געזאָגט:

„אָט דיזע קעסטעל לאָז איך ביי אייך איבער אויף דריי טעג. זאָל עס שטעהן אין יענעם ווינקעל און איהר זאָלט עס ניט ריהרען פון אָרט און ניט עפענען. אויב איהר וועט טאָהן אַזוי ווי איך האָב אייך אָנגעזאָגט וועט איהר פון מיר קריגען שעהנע מתנות, און אויב ניט, אויב איהר וועט נעהן נעגען מיין בעפעהל, וועט איהר מוזען בעצאָהלען מיט אייער לעבען“.

ווען שלמה האָט געענדיגט רעדען, האָט ער איבערגעגעבען דעם שליסעל פון דער קעסטעלע צו אביעזר. נאָכדעם האָט ער געבענשט איהם און זיין פרוי און זוהן צוזאַמען און ער איז מיט דער מלכת שבא אַוועק צוריק נאָך ירושלים.

צו אוונט ברויט האט אביעזר'ס פרוי געזאגט צו איהם:
„ווער וויים וואס אין דער פערשלאסענער קעסטעלע געפינט זיך? אפשר האט דער מלך דאס אנגעפילט מיט בריליאנטען און אפשר איז אין דעם עפעס א כישוף?"

„הער צו, מיין פרוי", האט אביעזר געענטפערט. „לאמיר בעסער ניט ריידען און אפילו ניט טראכטען פון דער קעסטעלע און פון דעם וואס עס געפינט זיך אינוועניג. לאמיר זיך ניט איינקוקען און דאס ניט אנריהרען. זאל עס שטעהן רוהיג דארט אין ווינקעל ביז עס וועלען אריבער די דריי טעג און דער מלך וועט קומען און עס אוועקנעהמען".

אביעזר האט זיך געלייגט שלאפען. גאנץ פריה איז ער אויפגעשטאנען און איז אוועק צו דער ארבייט. ווען ער איז געקומען עסען מיטאג האט די פרוי איהם געגעבען זיין מאהלצייט, אבער אליין האט זי ניט געוואלט עסען. און ווען אביעזר האט זי געפרעגט, אויב זי איז קראנק, אדער אויב זי האט געהערט שלעכטע נייעס פון איהר פאטער'ס היים, האט זי געענטפערט:

„זאלסט וויסען זיין, מיין מאן, אז איך האב א גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפען, טראכטענדיג פון דער קעסטעל. און ווען איך בין א ווייליע איינגעשלאפען האב איך געהאט שרעקליכע חלומות... אה, ווען איך וואלט נאר געקענט וויסען וואס עס געפינט זיך אין דער פערשלאסענער קעסטעלע!"

„הער אויף, מיין פרוי, צו ריידען וועגען דער קעסטעל", האט אביעזר זי געווארענט. „געדענק וואס דער מלך האט געזאגט. מיר קענען פערשפילען אונזער לעבען".

און ער איז צוריק אוועק צו זיין ארבייט.

אז ער איז געקומען אהיים אין אווענד, האט ער געפונען זיין פרוי ליגען אין בעט און יאמערען און קרעכצען. „וואס איז דיר געשעהן?" האט אביעזר געפרעגט. „לאז מיר צורוה",

האט די פרוי געענטפערט, „יעצט זעה איך איין אז די קעס־טעלע איז ביי דיר טהייערער פון דיין פרוי".

אביעזר האט זי גענומען טרייסטען און בערוהיגען, און די פרוי האט געזאגט:

„אויב דו ליעבסט מיך און דו ווילסט איך זאל זיין געזונד, קום מיט מיר צו דער קעסטעלע און לאמיר אריינקוקען דורך דעם שליסעל לאך. איך וועל זיך מודה זיין, אז ווען דו ביזט געוועזען אין פעלד האב איך אליין געוואלט צוגעהן צו דער קעסטעל און א קוק טאהן, איז אויף מיר אנגעפאלען א טויט־שרעק און איך האב ניט געקענט דאס טאהן. דער מלך האט דארט געמוזט בעהאלטען א קליינעם שד....".

די פרוי האט אזוי לאנג גערעדט צו איהר מאן, דאס ער האט איהר געמוזט נאכגעבען און האט צו איהר געזאגט:

„געה ארונטער פון בעט און קום צו דער קעסטעל, אבער זאלסט זיך היטען און די קעסטעלע ניט אנריהרען מיט דיינע הענד".

„האב קיין מורא", האט די פרוי געענטפערט, „איך וועל די קעסטעל ניט אנריהרען. און אפילו אז איך וואלט דאס אנגעריהרט וואלט אויך קיין בייז ניט געשעהן, דען דער מלך האט געמיינט אז מיר זאלען דאס ניט אברוקען פון ארט, אבער אנריהרען איז קיין בייז ניט".

איז זי צוגעגאנגען מיט איהר מאן, זיך איינגעבויגען און א קוק געטאהן דורכ'ן שליסעל לאך, אבער זי האט דארט גארנישט געקענט זעהן. דאס האט איהר שטארק פערדראסען און זי האט געזאגט מיט א זיפץ:

„דער מלך האט גוט בעהאלטען זיין געהיימניס. מיר וועלען קיינמאל ניט וויסען וואס אין דער קעסטעל געפינט זיך סיידען מיר וועלען איהר עפענען".

ווען אביעזר האט געהערט די רייד איז ער פערציטערט געווארען, און ער האט מיט שרעק אויסגערופען: „וואס רעדסטו ווענען עפענען? דו שפיעלט זיך מיט אונזער לעבען!“ און ער האט זי צוגעפיהרט צום בעט און האט צו איהר געזאגט:

„לעג זיך אין בעט און רוה זיך אויס פון דיין זארג און שרעק. אין דער פריה וועסטו אויפשטעהן אן אויסגערוהטע, וועסטו זי ווידער נעהמען צו דיין הויז ארבייט און וועסט זיך פערגעסען אויף דער קעסטעל“.

די פרוי האט קייןווארט ניט געזאגט און האט געפאלגט איהר מאן. אביעזר האט זיך געלייגט שלאפען א הונגעריגער אבער ער האט זיך געטרייסט אז אויף מארגען וועט זיין פרוי פיהלען בעסער און רוהיגער.

אביעזר איז געשלאפען ביז דער מארגענשטערן איז אויפגעגאנגען, און דאן איז ער אויפגעשטאנען, זיך איינגע־וואשען און גאט געבעטען. נאכדעם איז ער ארויס אין פעלד צו טאהן זיין ארבייט.

עס איז אריבער בלויז א קורצע צייט און עס איז גע־קומען אחיעזר זיין זוהן און האט געזאגט: „שנעלער פאטער, קום אהיים. די מוטער איז זעהר קראנק געווארען און זי בעט אויף זיך דעם טויט, און זי זאגט אז זי וויל דיך זעהן איידער זי שטארבט אוועק“.

ווען אביעזר האט געהערט די שלעכטע בשורה האט ער א פאטש געטאהן מיט די הענד און האט געזאגט: „איך האב זיך געלעבט רוהיג און צופריעדען. איז געקומען דער מלך און האט אויף מיר געבראכט אן אונגליק!“

אביעזר איז געקומען צולויפען אהיים און ער האט גע־פונען זיין פרוי ליגען אין בעט. ער איז צוגעגאנגען צו איהר

און האט געזאגט: „שטארק זיך, מיין פרוי, און זעץ זיך אויפ׳ן בעט.“ און זי האט געענטפערט:

„שוין צוויי טעג אז איך האב ניט געגעסן און ניט גע־טרונקען און איך בין געבליבען אהן קרעפטען... און א חלום האב איך געהאט איז דאס געווען א שרעקליכער. עס ציטערט נאך יעצט אויף מיר מיין הויט. עס האט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אז איך האב געזעהן שדים און רוחות ארויסגעהן פון דער פערשלאסענער קעסטעל און זיי האבען אנגעפילט אונזער גאנצע הויז, און זיי האבען געטאנצט און געשפרונגען און געיאמערט און געקריצט מיט די צייהן... איינער פון זיי איז ארויפגעשפרונגען אויף מיין בעט און האט געזאגט: „אויב דו וועסט ניט עפענען די קעסטעל און אונז בעפרייען וועלען מיר קומען די צווייטע נאכט און מיר וועלען דיך דערווערגען, דיך צורייסען אין שטיקער, און די שטיקער וועלען מיר פער־ברענען, צומאלען אויף שטויב און צוואווארפען אין אלע זייטען.“ און ווען דער שד האט געענדיגט ריידען האט ער א שפיי געטאהן מיר אין פנים און איז פערשוואונדען גע־ווארען. איך האב זיך אויפגעכאפט א פערציטערטע און האב דיך גערופען, אבער דו האסט מיר ניט געענטפערט!“...

די פרוי האט ניט אויפגעהערט צו וויינען און האט גע־זאגט: „באלד וועלען קומען די שדים און מיך דערווערגען... דערפאר האב איך געשיקט אז דו זאלסט קומען צו מיר און זאלסט פאר מיר אנגרייטען א קבר!“...

„ווארום דערצעהלסטו מיר אזעלכע נארישע חלומות?“ האט אביעזר איהר אפירגעהאלטען. „ווייסטו דען ניט אז חלומות זיינען פאלש און נאריש? ווען אין דער קעסטעל וואלטען טאקע געווען שדים און זיי וואלטען געוואלט ארויס געהן, דאן וואלטען זיי געקומען מ י ר שרעקען מיט׳ן טויט, וויל דער שליסעל פון דעם קעסטעל איז דאך ביי מיר. יעצט קענסטו פערשטעהן אז דיין חלום איז גארנישט. דיר האט

זיך גע'חלומ'ט ווייל דו האסט געטראכט פון דעם אזוי פיעל".

ווען די פרוי האט געזעהן אז איהר מאן איז פעסט אין זיין מיינונג און אז ער וויל פאר איהר ניט עפענען די קעסטעל, איז זי אראב פון בעט, איז איהם געפאלען צו די פיס, האט געוויינט און געבעטען:

„טוה מיר נאר איין קליינינקייט. גיב מיר דעם שליסעל און איך וועל עפענען די קעסטעל בלויז א ביסעלע, און איך וועל א בליק טאהן נאר איין אויגענבליק און גלייך צוריק פערשליסען, — און קיינער וועט פון דעם ניט וויסען".

„מיין גוטע פרוי!" האט אביעזר געזאגט, „זעה ווי דו ביזט אראב פון פנים. קום און עס ברויט און דו וועסט פיהלען שטארקער, און אז דו וועסט אבעסען און אבטרינקען וועסטו פיהלען רוהיגער, און דו וועסט זיך דערמאנען וואס דער מלך האט אונז אנגעזאגט, און דו וועסט אויפהערען צו ריידען אזעלכע רייד".

אביעזר האט זי אויפגעהויבען און זי געבראכט צום טיש. ער האט פאר איהר אוועקגעלעגט ברויט און זיך געבעטען ביי איהר אז זי זאל עסען. אבער ווען זי האט געענדיגט עסען האט זי ווידער אנגעהויבען צו וויינען און קלאגען:

„אביעזר, מיין טייערער מאן! האב רחמנות אויף מיר און עפען מיר די קעסטעל, כאטש א ביסעלע. דער מלך וועט פון דעם ניט וויסען. מיר וועלען זיין זעהר פארזיכטיג. און איך שווער דיר אז איך וועל אריינקוקען בלויז איין אויגענבליק"....

אזוי האט די פרוי געוויינט און געקלאגט ביז'ן אווענד. ביז אביעזר'ן איז שוין מיאוס געווארען דער לעבען. ער האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט:

„קום און מיר וועלען צוגעהן צו דער קעסטעל און עפענען, בלויז א ביסעלע, ווי דו האסט געזאגט".

זיי זיינען צוגעגאנגען צו דער קעסטעל און אביעזר האט אריינגערוקט זיין שליסעל... און ווי נאר ער האט דעם שליסעל א דרעה געטאהן, האט זיך די קעסטעל געעפענט און די מייזעל וואס איז געווען אינוועניג איז ארויסגע־שפרונגען, ענטלאפען און איז פערשוואונדען געווארען....

אביעזר און זיין פרוי זיינען געבליבען שטעהן פערצי־טערטע. די פרוי האט גענומען רייסען אויף זיך די קליידער און שרייען זעהר ביטער: „דו אביעזר האסט אומגעבראכט אונזערע לעבענס! ווען דו וואלסט זיך געהיט וואלט די מויז ניט אנטלאפען! אוי! ווי פיעל מאל האב איך דיר אנגעזאגט, אז מיר זאלען די קעסטעל בלויז אביסעל עפענען, און דו האסט איהר איננאנצען געעפענט.“

„ווען דו וואלסט מיך געפאלגט“, האט אביעזר געזאגט, „און דו וואלסט ניט געטראכט פון דער קעסטעל וואלט אונז גאר קיין בייז ניט געשעהן“.

„אבער דער שליסעל איז דאך ביי דיר געווען“, האט די פרוי גע'טענה'ט. „און ווען דו וואלסט געווען א מאן מיט א שטארקע הארץ וואס לאזט זיך ניט בעהערשען פון א פרוי, וואלסטו מיך ניט געפאלגט און מיר וואלטען ניט געוואוסט פון קיין אונגליק“.

„מיין טייערע פרוי!“ האט אביעזר זיך געבעטען. „וואס העלפט יעצט דער וויינען און קלאגען? מיט אונזער וויינען וועלען מיר אונזער פעהלער ניט פערריכטען. לאמיר בעטען דעם אייבערשטען אז ער זאל אונז העלפען“.

אויפ'ן דריטען טאג, בעת אביעזר און זיין פרוי זיינען געזעסען דערשלאגען אין זייער הויז, איז אריינגעקומען שלמה המלך מיט דער מלכת שבא. אביעזר'ס פרוי האט זיך אויפגעהויבען און איז געפאלען דעם מלך צו די פיס און האט

געזאגט: „איך שווער ביי דיין לעבען, אדוני המלך, דאס ניט איך האב געעפענט די קעסטעל. האב רחמנות און טויט מיך ניט".

האט דער מלך געפרעגט אביעזר'ן:

„ווארום האסטו געבראכען מיין בעפעהל און האסט גע־עפענט די קעסטעל? דערצעהל מיר ווי איז דאס געשעהן".

און אביעזר האט געענטפערט: „איך בין שולדיג, אדוני המלך, ווייל איך האב זיך געלאזט איינריידען פון מיין פרוי און האב געטאהן אזא זאך. און יעצט בעט איך דיך אז דו זאלסט רחמנות האבען אויף מיין פרוי און זי לאזען לעבען. טויטען זאלסטו נאר מיך. איך בין גרייט צו נעהמען מיין שטראף".

„שלום צו אייך,ביידען!" האט דער מלך געענטפערט. „עס וועט אייך קיין בייז געשעהן, איך האב דאס אייך גע־זאגט בלויז אייך צו פרובירען, אבער איך וועל אייך גארנישט טאהן!"

און די מלכת שבא האט געבעטען אביעזר'ן, אז ער זאל איהר דערצעהלען אלעס וואס איז פארגעקומען אין זיין הויז פון דעם טאג וואס דער מלך האט דארט ביי איהם איבער־געלאזען די קעסטעל. און ווען אביעזר האט איהר דערצעהלט די גאנצע געשיכטע האט שלמה המלך געזאגט: „א מאן האב איך איינעם צווישען טויזענד געפונען, א פרוי האב איך אפילו איינע אין אזוי פיעל ניט געפונען".

45

די פאלשע פרוי

אין די צייטען פון שלמה המלך, איז איינער, א בחור, געגאנגען פון טבריה קיין ביתר צו לערנען תורה. דער בחור איז געווען זעהר שעהן, האט איהם אויפ'ן וועג דערזעהן

א מיידעל און זי האט געזאגט צו איהר פאטער: „איך בעט דיך, טהו פאר מיר א שידוך מיט דעם בחור.“

דער פאטער איז דעם בחור נאכגעלאפען און האט צו איהם געזאגט: „ווילסטו נעהמען א פרוי וועל איך דיר געבען מיין טאכטער“. האט דער בחור גענטפערט: „יא“. האט ער די טאכטער מקדש געווען, איז מיט איהר אוועק אהיים און האט זיך מיט איהר געפרעהט א גאנץ יאהר צייט. ענדע יאהר זאגט צו איהם זיין פרוי: „איך בעט דיך, פיהר מיך אב צו מיינע עלטערען און איך וועל זיך זעהן מיט זיי.“

דער יונגער מאן האט גענומען פערד, זיסע פרוכטען, עסענווארג און געטראנקען, און איז אוועק מיט זיין פרוי צו בעזוכען איהרע עלטערען. ווען זיי זיינען געגאנגען אין וועג איז פון וואלד ארוים א בעוואפענטער גזלן. ווען די פרוי האט דערזעהן דעם גזלן האט זי זיך פערליעבט אין איהם און זי מיט דעם גזלן האבען געכאפט איהר מאן און האבען איהם געבונדען מיט שטריק, דער גזלן און די פרוי האבען זיך לוסטיג פערבראכט און דער יונגער מאן איז געשטאנען צו־געבונדען צו א בוים און האט צוגעזעהן ווי זיין פרוי עסט און טרינקט מיט דעם גזלן.

נאכדעם ווי דער גזלן האט אבגעגעסען און אבגעטרונקען האט ער זיך צוגעלעגט שלאפען, און איידער ער האט זיך געלייגט, האט ער אוועקגעשטעלט זיין קרוג מיט וויין צו־קאפענס. איז געקומען א שלאנג, האט געטרונקען פון דעם קרוג און אריינגעלאזען זיין גיפט אין דעם. ניט דער גזלן און ניט די יונגע פרוי האבען דאס געזעהן, וויילביידע האבען געשלאפען.

ווען דער גזלן האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף האט ער גענומען דעם קרוג און געטרונקען. און גלייך איז ער גע־שטארבען פון דעם גיפט. דער יונגער מאן האט געזעהן דעם

נס וואס איהם איז געשעהן, האט ער געזאגט צו זיין פרוי: „איך בעט דיך, מאך מיך פריי און בינד אב די שטריק פון מיר". האט זי געזאגט: „איך האב מורא אז דו וועסט מיך דער'הרג'ענען". האט ער געענטפערט: „איך שווער דיר, אז איך וועל דיך ניט טויטען."

זי האט איהם בעפרייט און ער האט נאכגעזוכט דעם גזלן און געזעהן אז ער איז אזוי ווי א טרוקען האלץ. און די יונגע ווייבעל האט גענומען איהר מאן און איז מיט איהם אוועק צו איהר פאטער. און ווען די עלטערען האבען זי דערזעהן, האבען זיי זיך שטארק דערפרעהט און זיי האבען גענומען גרייטען צום טיש. האט דער יונגער מאן געזאגט: „איך וועל ניט פערזוכען קיין עסען און קיין געטראנק איידער איך וועל דערצעהלען וואס מיר האט פאסירט". און ער האט דערצעהלט די גאנצע מעשה. וואס האט איהר פאטער גע־טאהן? ער האט זיין טאכטער, די מרשעת, דער'הרג'עט. און דערפאר האט שלמה מיט זיין חכמה געזאגט: „א פרוי האב איך איינע אין טויזענד ניט געפונען."

46

שלמה המלך אין גלות

שלמה המלך האט געקיניגט איבער אלע חיות און עופות אין דער וועלט און אויך איבער די רוחות און שדים. איינמאל האט ער דעם אשמדאי גענומען געפאנגען און האט איהם געהאלטען געשמידט אין אייזערנע קייטען. האט דער אשמדאי, דער קעניג פון אלע שדים, געזאגט צו שלמה המלך: „אויב דו וועסט מיר לייהען דיין רינג וועל איך דיר אויס־זאגען א גרויסען סוד". שלמה המלך האט איהם געגלויבט און האט איהם געגעבען זיין רינג. אויף וועלכען עס איז

געווען אויסגעקריצט דער שם המפורש. און ווי נאָר דער אשמדאי האָט בעקומען דעם רינג האָט ער איהם אַריינ־געוואָרפען אין ים און אַ פיש האָט דעם רינג איינגעשלונגען.

אהן דעם רינג האָט שלמה המלך פערלאָרען זיין גאַנצע מאַכט, און דער אשמדאי האָט איהם גענומען און אַ שליידער געטאָהן פאַר פיער הונדערט מייל, ווייט פון ירושלים, ווייט פון זיין קעניגרייך. שלמה האָט זיך געפונען צווישען אַ פרעמדע פאָלק, און פאַר צער האָט ער פערלאָרען זיין שעהנקייט און זיין גרויסען פערשטאַנד. ער האָט בעקומען אַ פנים פון אַן אָרימען בעטלער. איז ער אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז, געבעטען אַ שטיקעל ברויט, און געזאָגט: „אני שלמה, איך בין שלמה דער מלך פון ירושלים“. אָבער קיינער האָט איהם געגלויבט. אַלע האָבען איהם אויסגע־לאַכט: „אַ שעהנער מלך איז דאָס אַז ער געהט איבער די הייזער!“

דריי יאָהר האָט ער אַזוי געליטען, און דאָס איז געווען זיין שטראָף פאַר דעם וואָס ער האָט געבראָכען די דריי געבאָט וואָס די תורה האָט געגעבען אַ מלך, נעמליך: ער זאָל ניט נעהמען פיעל ווייבער, ער זאָל ניט האָבען פיעל פערד, און ער זאָל ניט זאַמלען אַ סך גאָלד און זילבער. נאָך די דריי יאָהר גלות האָט דער אייבערשטער בעקומען רחמנות אויף איהם און האָט איהם צוגעשיקט אַ וועג ווי צוריק צו קומען צו זיין קעניגרייך און צו זיין גרויסקייט.

געהענדיג פון לאַנד צו לאַנד איז שלמה אָנגעקומען אין לאַנד פון עמון. ער איז אַריין אין דער הויפּטשטאָדט וועלכע האָט געהייסען „משכמם“, און איז געבליבען שטעהן אין איינע פון איהרע גאַסען, ניט וויסענדיג וואוהין צו געהן.

גראָדע איז אָנגעקומען דעם קעניג׳ס קוכער וועלכער איז געגאַנגען אין מאַרק איינקויפען שפּייזען פאַר׳ן מלך. און

ווען ער האָט דערזעהן שלמה'ן, האָט ער איהם בעפוילען צו געהן מיט איהם און פאַר איהם טראָגען די זאַכען וואָס ער האָט איינגעקויפט. ער האָט אריינגעפיהרט שלמה'ן אין קיך, און ווען שלמה האָט געזעהן וואָס דער קוכער טהוט, האָט ער געבעטען אַז דער קוכער זאָל איהם לאָזען ארבייטען אין קיך און ער פערלאַנגט ניט מעהר ווי דאָס עסען.

דער קוכער איז געווען צופריעדען, און שלמה איז פער־בליבען און האָט איהם געהאָלפען מיט דער ארבייט. עטליכע טעג שפּעטער האָט שלמה געזאָגט צום קוכער: „לאָז מיך אמאָל קאָכען אַ מאָהלצייט פאַר דיין מלך, איך בין אַ גרויסער קוכער פון דער היים". דער קוכער האָט איהם דאָס ערלויבט און שלמה האָט געמאַכט אַזעלכע טייערע געריכטען, דאָס ווען דער מלך האָט זיי געגעסען האָט עס איהם שטאַרק געשמעקט און ער האָט געפרעגט דעם קוכער: „ווער האָט עס געקאָכט די געריכטען? דו האָסט מיר קיינמאָל ניט געגעבען אַזעלכע געשמאַקע מאכלים".

דער קוכער האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, ווי ער האָט געפונען אין גאַס אַ פרעמדען מענשען, אַ וואַנ־דערער, און ווי ער האָט איהם אריינגענומען אין קיך איהם צו העלפען, און אַט דער פרעמדער האָט עס געקאָכט דעם היינטיגען מאָהלצייט.

ווען דער קעניג האָט דאָס געהערט, האָט ער געשיקט נאָך שלמה'ן און האָט איהם געפרעגט: „ווילסטו זיין אַ קוכער פאַר מיר?" האָט שלמה געענטפערט: „יאָ". האָט דער קעניג אוועקגעשיקט זיין אַלטען קוכער און האָט שלמה'ן געמאַכט פאַר אַ קוכער אויף זיין אָרט.

איינמאָל האָט נעמה, די טאָכטער פון דעם קעניג פון עמון, דערזעהן דעם נייעם קוכער, איז ער איהר זעהר גע־פעלען געווען. האָט זי געזאָגט צו איהר מוטער אַז זי וויל

איהם נעהמען פאר א מאן. די מוטער האט אויף איהר אנגעשריען: „וואס? דו, א קעניג'ס טאכטער, ווילסט נעהמען א קוכער? אין דיין פאטער'ס קעניגרייך זיינען דא פרינצען, גענעראלען און אנדערע גרויסע מענשען וואס וואלטען גערן דיך גענומען פאר א ווייב, און דו האסט זיך אויסגעקליבען אן ארימען קוכער!"

„מוטער", האט נעמה גע'טענה'ט, „איך וויל נאר דעם קוכער, און קיין אנדערען וועל איך ניט נעהמען".

נעמה איז געווען אזוי איינגעשפארט, דאס די מוטער האט געמוזט דערצעהלען דערפון דעם מלך, און ווען דער מלך האט זיך דערוואוסט אז זיין טאכטער איז פערליעבט אין זיינעם א קנעכט, איז ער געווארען אזוי בייז דאס ער האט זיי ביידען געוואלט הרג'ענען. אבער נאכדעם האט ער זיך בערעכענט אז עס איז בעסער דאס ער זאל ניט פערגיסען אומזיסטע בלוט. האט ער בעפוילען זיינעם א קנעכט אז ער זאל זיי ביידען ארויספיהרען אין א וויסטען מדבר און זיי דארטען איבערלאזען, און דארט וועלען זיי אויסגעהן פון הונגער און דארשט.

אבער זיי האבען געפונען א וועג ווי ארויסצוגעהן פון מדבר און זיי זיינען געגאנגען ביז זיי זיינען אנגעקומען אין א שטאדט ביים ברעג ים. שלמה האט נעמה'ן איבערגעלאזט אין א זיכערען ארט און אליין איז ער אוועק זוכען שפייז פאר ביידען. ער האט געזעהן פישער פערקויפען פיש, האט ער ביי זיי געקויפט א פיש און האט עס געבראכט צו זיין פרוי אז זי זאל עס קאכען. ווען זי האט דעם פיש אויפ־געשניטען האט זי דארט געפונען שלמה'ס רינג מיט דעם שם המפורש וואס איז געווען אויסגעקריצט אויף דעם. ווייל דאס איז געווען דער פיש וואס האט דעם רינג איינגעשלונגען ווען דער אשמדאי האט עס אריינגעווארפען אין ים.

שלמה האט דערקענט דעם רינג און ווי נאר ער האט דאס אנגעטאהן אויף זיין פינגער, האט זיך זיין גייסט צוריק געקעהרט צו איהם און האט צוריק בעקומען זיין גרויסען פערשטאנד. ער איז אוועק קיין ירושלים, האט פון דארט פערטריבען דעם אשמדאי וועלכער האט דערווייל געהאט פער־נומען זיין קעניגליכען שטוהל, און שלמה האט זיך צוריק געזעצט אויף דעם שטוהל און האט אנגעטאהן זיין קרוין אויפ'ן קאפ.

נאכדעם האט ער געשיקט רופען דעם מלך פון עמון. און ווען ער איז געקומען האט צו איהם שלמה געזאגט:

„איך האב זיך דערוואוסט אז דו האסט דער'הרג'עט צוויי מענשען. זאג מיר, צו וואס האסטו זיי ערמארדעט?“

„איך האב זיי ניט ערמארדעט“, האט דער מלך פון עמון זיך פערענפערט. „איך האב זיי בלויז פערטריבען אין א וויסטען מדבר און איך וויים ניט וואס מיט זיי איז געווארען“.

„און ווי וואלט זיין אז דו וואלסט זיי יעצט אנגעקוקט, וואלסטו זיי דערקענט?“ האט שלמה המלך געפרעגט.

„געווים וואלט איך זיי דערקענט“, האט דער מלך פון עמון געענפערט.

„און דו דערקענסט ניט מיך?“ האט שלמה המלך גע־זאגט. „זאלסט וויסען זיין אז איך בין דער קוכער וועמען דו האסט פערטריבען, און דיין טאכטער איז יעצט מיין ווייב. דו וועסט זי באלד זעהן“.

שלמה האט געלאזט ברענגען נעמה'ן, און ווען זי האט דערזעהן איהר פאטער שטעהן פאר איהר מאן'ס שטוהל, האט זי איהם געקושט די הענד און האט איהם אלעם מוחל געווען. דער מלך פון עמון האט זי זיך שטארק געפרעהט. ווען ער

האט זיך דערוואוסט ווער זיין טאכטער'ס מאן איז, און ער איז אוועק אהיים א גליקליכער.

47.

א פרוי טענה'ט איין מיט שלמה'ן

ווען דער אשמדאי האט שלמה'ן פערוואָרפען אין עק וועלט, און שלמה'ס ערשטע שרעק איז אריבער, האט ער זיך ארומגעקוקט און ער האט געזעהן אז ער ליגט אויף א וויסטען פלאץ, וואו עס איז מעהר ניטא צו זעהן ווי זאמד און דער הימעל איבער זיין קאפ. ער האט זיך געפיהלט זעהר שלעכט. ער איז אויפגעשטאנען און גענומען ארומשפאצירען איבער דער מדבר אין דער לענג און אין דער ברייט, זוכענדיג א הייהל, וואו ער זאל זיך קענען אויסבעהאלטען פון די ווילדע פערצוקענדע חיות. ארומגעהענדיג איז ער זעהר מיעד גע־ווארען; די היץ האט שטארק געברענט און ער איז דורשטיג און הונגעריג געווארען.

ווען ער איז אפגעגאנגען א וויטע שטרעקע, האט ער דערזעהן א קליינעם אינזעל און ער האט זיך געלאזט לויפען אהין. דארט האבען די פאסטוכער זיך אויף איהם דערבא־רימט און זיי האבען איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען.

„זאגט מיר — האט שלמה געפרעגט — איז זעהר וויט פון דאנען נאך ירושלים?“

„מיר ווייסען ניט וואו ירושלים איז“ — האבען די יונגען איהם געענטפערט — „און מיר האבען קיינמאל פריהער פון אזא שטאדט ניט געהערט!“

שלמה האט ביי זיך געטראכט: „די פאסטוכער זיינען נאך יונגע מענשען, דעריבער האבען זיי ניט געהערט פון

מיר און די שטאָדט פון מיין קעניגרייך, וואָס איז בעריהמט פון איין עק וועלט צו דער צווייטער. איך וועל זיך נאָכפרע־גען ביי עלטערע מענשען און הערען וואָס זיי וועלען מיר ענטפערען.

ווען עס איז נאכט געוואָרען, האָט שלמה בעגעגענט אַן אַלטען מאַן, געהענדיג פון פעלד, אַנגעשפאַרט אויף זיין שטעקען. דער קעניג האָט איהם בעגריסט און געפרעגט:

„זאָג מיר, גוטער מענש, איז ווייט פון דאַנען נאָך ירושלים, די בעריהמטע מלוכה־שטאָדט פון שלמה בן־דוד?"

„איך קען ניט די שטאָדט — האָט דער אַלטער געענט־פערט — און דער נאָמען פון איהר קעניג הער איך איצט דאָס ערשטע מאָל."

דעם אַלטענ'ס ענטפער האָט שלמה'ן זעהר געערגערט, און ער האָט זיך געטראַכט: איך האָב מיר שטענדיג איינ־געדעדט, אַז מיין נאָמען איז גרויס און בעריהמט איבער דער גאַנצער וועלט, איצט זעה איך, אַז נאָר מיין פוסטע גאווה האָט מיך געקענט מאַכען אַזוי גלויבען!

ער האָט דאָרט איבערגענעכטיגט און פאַר־טאָג האָט ער זיך געלאָזט אוועקגעהן אין איינעם פון די נאָהענטע דער־פער. פון וועג זיינען זיינע שיך אָבגעטראָגען געוואָרען און די קליידער האָבען זיך פערטשעפעט אַן דערנער און צוריסען געוואָרען. דאָס האָט נאָך מעהר געדריקט אויף שלמה'ס גע־מיטה און געפייניגט זיין גייסט.

ער איז אריינגעקומען אין א הויז וואו ער האָט געטראָפען א אידישע פאַר־פאָלק. ער האָט זיך דערפרעהט, און בע־גריסענדיג דעם מאַן און די פרוי, האָט ער אויסגעשריען:

„ניט אַכטעט וואָס איך בין נאַקעט און באָרוויס! איך בין שלמה בן־דוד, דער קעניג פון ירושלים. עס האָט מיך געטראָפען אַן אומגליק אויפ'ן וועג, און איך בין, ווי איהר

זעהט, ארויסגעוואָרפען געוואָרען אין א פרעמד לאַנד און בעט א שטיקעל ברויט".

דער מאַן און די פרוי האָבען זיך צולאַכט הערענדיג שלמה'ס רייד און זיי האָבען צו איהם געזאָגט:

„אַה, דו אַרימער נאַר! ווי וואַגסטו צו קומען אין אונזער הויז מיט אַזעלכע משוגע'נע שטיק? דענקסטו, אז מיר ווייסען ניט דאָס אונזער קעניג שלמה בן דוד געפינט זיך אין ירושלים?"

ווען שלמה האָט זיך גענומען פאַר זיי שווערען, אז וואָס ער האָט זיי דערצעהלט איז אמת, האָבען די מענשען צו איהם געזאָגט מיט בעדרויערען:

„עס טוט אונז לייד, מענש, וואָס דו ביזט אַרונטער פון זינען! מיר בעדויערען דיך, אומגליקליכער!"

שלמה האָט געהערט, אז מען האַלט איהם פאַר משוגע, האָט ער ווענען דער זאַך מעהר ניט גערעדט. די פרוי האָט איהם געגעבען א מאָלצייט און ער האָט געגעסען, איהר בעדאַנקט און איז אוועקגעגאַנגען.

פון דאָרף איז ער אוועק אין א גרויסער שטאָדט. ער איז אריין אין איינעם פון די שעהנע הייזער און האָט זיך געווענדעט צום בעל הבית:

„איך בעט דיך, גיב מיר א פּאָר נייע שיך און נייע קליידער, און איך וועל דיר אומקעהרען וואָס זיי קאָסטען ווען איך וועל צוריקקומען נאָך ירושלים, די שטאָדט פון מיין קעניגרייך."

„ווער ביזטו?" — האָט דער מאַן געפרעגט.

„איך בין שלמה בן דוד!" — האָט ער געענטפערט.

דער מאַן האָט זיך צולאַכט און געזאָגט:

„אויב דו ביסט שלמה, דער קלינגסטער פון אַלע מענשען — ווי קומט עס, וואָס דו האָסט פערלאָזען דיין שטאָדט און דיין קעניגליכע שטוהל און האָסט זיך ארויסגעלאָזען ארומ־

וואנדערען אלס בעטלער אין פרעמדע לענדער? אזוי טוט א חכם?...״

שלמה האט דערצעהלט דעם מאן אלץ וואס האט מיט איהם פאסירט. דער מאן האט איהם אויסגעהערט מיט אויפמערקזאמקייט און נאכדענקונג, און ער האט זיך גע־נומען וואונדערן... ער האט זיך אויף איהם דערבארימט, און ער האט געזאגט צו דער פרוי:

„נעהם ארויס פון קופערט נייע קליידער און שיך און גיב זיי דעמדאזיגען מאן, ער איז שלמה המלך פון ירושלים!״

די פרוי איז ערשטוינט געבליבען פון איהר מאנ׳ס רייד און זי האט אויסגעשריען:

„אוי, דו נאר! אלץ וואס מען זאגט דיר גלויבסטו!״

דער מאן האט אריינגערופען די פרוי אין א צווייטען צימער און איהר דערצעהלט אלץ וואס מיט שלמה׳ן האט פאסירט... די פרוי האט גענומען בעגרייפען אז די געשיכטע איז אמת, און זי האט געכאפט א שטעקען און צוגעלאפען צו שלמה׳ן איהם שלאגען און ארויסטרייבען פון הויז. שלמה האט זי געפרעגט:

„זאג מיר, פרוי, וואס פאר א שלעכטס האב איך דיר געטאהן, וואס דו ביזט אזוי אין כעס אויף מיר?״

„ווייל דו האסט געזאגט — האט די פרוי געענטפערט — אז צווישען טויזענד האסטו איין רעכטען מאן געפונען אבער ניט איין רעכטע פרוי!״

„בערוהיג זיך, הער־אויף זיך צו בייזערען״, האט שלמה געזאגט — „און פערטראכט זיך גוט אין דעם וואס איך האב געזאגט, און דו וועסט פערשטעהן, אז איך האב דערמיט ניט געמיינט די פרויען שלעכטס צו טאהן, נאר זיי גוטעס צו טאהן!״

„ווי קענסטו זאגען״ — האט די פרוי געפרעגט — „אז דו האסט די פרויען א טובה געטאהן ווען דו האסט געשריבען

װענען זײ: צװישען טױזענד פרױען קען מען ניט געפינען
אײן גוטע און קלוגע!"

שלמה האט איהר געענטפערט:

„װען איך װאלט געװען שרײבען אין מײן בוך, אז
צװישען טױזענד פרױען קען מען יא געפינען אײן פרוי א
גוטע און א קלוגע, װאלטען מענער יעדען טאג ארױסגעטרי־
בען זײערע װײבער, װײל זײ װאלטען געזאגט: די פרױען
װאס גאט האט אונז בעשערט ביז איצט זײנען שלעכט און
ביטערער פון טױט! לאמיר זיך נעהמען אנדערע װײבער!
װער װײס — אפשר װעט אונז גאט בעשערען די פרוי, װאס
שלמה האט אױף איהר געזאגט: אז זי איז די אײנציגע רעכטע
צװישען טױזענד! װען איך האב אבער אױף אײך געשרי־
בען, אז מ'קען אפילו א י י נ ע א רעכטע ניט געפינען —
טראכטען זיך די מענער: װאס װעט אונז ארױסקומען פון
פערטרײבען אונזערע װײבער — װעלען מיר דען געפינען בע־
סערע? דער קלוגער שלמה האט דאך שױן לאנג געזאגט:
צװישען טױזענד פרױען האב איך אײז רעכטע ניט געפונען!"

שלמה'ס ענטפער איז דער פרוי געפעלען געװארען, עס
איז איהר פערגאנגען דער כעס און זי האט איהם בעגלײט
מיט א ברכה פון הױז ארױס...

48

װען שלמה המלך האט געװײנט

װען דער אשמדאי האט פערטריבען שלמה המלך פון זײן
פאלאסט, און האט איהם פערװארפען זעהר װײט, און שלמה
המלך איז ארומגעגאנגען אין דער פרעמד װי אן ארימער
בעטלער, האט ער זיך געטראפען מיט צװײ מענשען װאס

האבען איהם דערקענט. איינער איז געווען א רייכער, און דער אנדערער אן ארימאן.

צוערשט האט ער זיך געטראפען מיט דעם רייכען, וועל־כער האט זיך פאר איהם געבוקט און געזאגט: „אדוני המלך, אויב דו ווילסט קום מיט מיר אהיים און דו וועסט מיט מיר מיטשפייזען.“

שלמה המלך איז מיט איהם געגאנגען. דער רייכער מאן האט איהם אבגעגעבען דעם שעהנסטען צימער פון זיין הויז און האט פאר איהם געלאזט שעכטען אן אקס און געבראכט פאר איהם פערשידענע טהייערע געריכטען. ביים טיש האט דער בעל הבית גענומען דערמאנען זיין נאסט די גליקליכע יאהרען ווען ער איז נאך געווען אויף דעם קעניגליכען שטוהל. האט שלמה אנגעהויבען וויינען ביטער און צו שלוכצען און האט אזוי אבגעוויינט דעם גאנצען מאהלצייט.

אויף מארגען האט ער זיך בעגעגענט מיט דעם אנדערען. יענער איז געווען אן ארימאן, האט ער געזאגט צו שלמה׳ן:

„אדוני המלך! ווילסטו מיט מיר מיטשפייזען?“

„אפשר ווילסטו מיר מאכען אזא סעודה ווי יענער?...“

„אזא סעודה ווי יענער קען איך פאר דיר ניט מאכען“, האט דער ארימאן געענטפערט, „ווייל איך בין אן ארימער מענש, מעהר ווי אביסעל קרויט האב איך ניט. ווילסטו, קום מיט מיר“.

שלמה המלך איז מיט איהם גלייך געגאנגען. ווען ער איז געקומען אין זיין ארימער וואוינונג האט דער ארימער בעל הבית איהם ארומגעוואשען די הענט מיט די פיס, הייט פאר איהם געבראכט די ביסעל קרויט וואס ער האט געהאט, און ביים עסען האט ער איהם געטרייסט:

„אדוני המלך! דער אויבערשטער האט געשווארען צו דוד המלך דיין פאטער, אז ער וועט ניט אבהאקען די מלוכה פון זיינע קינדער. נאר אזוי זיינען די וועגען פון רבונו של

עולם, ער שטראָפט איין מאָל, אַ צווייטען מאָל, אָבער סוף־כל־סוף וועט ער דיר צוריקקעהרען צו דיין קעניגרייך!"

ווען שלמה המלך האָט געהערט דיזע טרייסט ווערטער איז איהם לייכטער געוואָרען, און ער האָט אַזוי הנאה געהאַט פון דער אָרימער סעודה, דאָס ער איז זאַט געוואָרען פון די ביסעל קרויט. און ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין מלוכה האָט ער געשריבען (אין משלי ט"ו) „טוב ארוחת ירק ואהבה שם משור אבוס ושנאה בו", עס מיינט: בעסער אַ מאָהלצייט פון קרויט מיט ליעבע ביים טיש, וואָס איך האָב געהאַט ביים אָרימאַן, איידער אַ געשטאָפּטער אָקס מיט שנאה וואָס איך האָב געהאַט ביי דעם רייכען מאַן.

49

דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען

אין דער צייט ווען שלמה המלך האָט געקיניגט אין ירושלים, האָט דאָרט געלעבט אַ רייכער מאַן, וועלכער איז געוועזען דער רייכסטער אין גאַנצען לאַנד. זיין נאָמען איז געוועזען בוזי. און דיעזער בוזי איז געוועזען זעהר שלעכט און זעהר קאַרג. זיינע דיענער און זיינע קנעכט האָט ער גע־צוואונגען צו אַרבייטען שווער, פון פריהמאָרגען, גלייך ווי דער האָהן פלעגט קרעהען, ביז שפּעט אין דער נאַכט. און פאַר דער שווערער אַרבייט פלעגט דער רייכער און קאַרגער בוזי זיי ניט געבען גענוג צו עסען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז זיינע קנעכט און אויך זייערע קינדער פלעגען ליידען הונגער.

אַזא שלעכטען נאָמען האָט בוזי געקראָגען, אַז אין גאַנצען לאַנד איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטעל: „קאַרג אַזוי ווי בוזי". אַנדערע האָבען געזאָגט: „שלעכט אַזוי ווי בוזי". מען האָט

פון זיין קאַרגשאַפט דערצעהלט פערשידענע געשיכטען. מען האָט דערצעהלט, אַז ער איז געווען אַזוי קאַרג, דאַס ער האָט ניט געוואָלט חתונה האָבען, כדי ער זאָל ניט דאַרפען שפּייזען אַ ווייב מיט קינדער. מען האָט אויך דערצעהלט, אַז איינמאָל איז צו איהם געקומען אַ ברודער צו גאַסט און האָט ביי איהם אָבגעגעסען אַ מאָהלצייט. האָט בוזי יענעם טאָג זיינע הויז־דיענער ניט געגעבען עסען, כדי ער זאָל קענען אָבשפּאָרען וואָס זיין ברודער האָט ביי איהם געגעסען.

איינמאָל איז געווען אין לאַנד אַ גרויסער הונגער. אַלע רייכע לייט האָבען געעפענט זייערע שפּייכלערס און געהאָלפען די אָרימע, פערטהיילענדיג צווישען זיי שפּייז. אָבער בוזי האָט זיינע שפּייכלערס ניט געעפענט. ער האָט אויף זיי אַנגעהאַנגען נאָך גרעסערע שלעסער, און זיינע דיענער און קנעכט האָבען בעקומען נאָך ווייניגער צו עסען, בוזי האָט פערקויפט זיינע שפּייזען פאַר הויכע פּרייזען און איז געוואָרען נאָך פיעל רייכער.

אַזוי לאַנג האָט מען גערעדט וועגען די קאַרגשאַפט און שלעכטסקייט פון בוזי, ביז די רייד האָבען געגרייכט צו שלמה המלך. און ווען דער קלוגער קעניג האָט געהערט די געשיכטען וואָס מען האָט דערצעהלט וועגען דעם בוזי, האָט ער צו איהם געשיקט אַ שליח און איהם איינגעלאַדען צו זיך אויף אַ מאָהלצייט.

ווען בוזי האָט דערהערט אַז דער קעניג פערטהיילט איהם אַזאַ כבוד און לאַדעט איהם איין צו עסען מיט איהם, האָט ער זיך שטאַרק דערפרעהט. „עס זעהט אויס, אַז דער קעניג איז פון מיר העכסט צופרידען,“ האָט ער געזאָגט צו זיך. „מיינע שונאים וועט עס שטאַרק פערדריסען וואָס דער קעניג האָט מיך געעהרט מיט אַזאַ איינלאַדונג.“

די איינלאַדונג איז געווען אויף אַן אָבענד־ברויט, אָבער בוזי האָט אַ גאַנצען טאָג ניט געגעסען. ער האָט געוואָלט

קומען צום קעניג'ס מאהלצייט א הונגעריגער, כדי ער זאל קענען וואס מעהר עסען פון די קעניגליכע מאכלים.

ווען בוזי האט זיך געמעלדעט אין דעם קעניג'ס פאלאסט, האט איהם איינער פון די האפהערען צוערשט אריינגעפיהרט אין א בעזונדער צימער און געזאגט.

„דער קעניג ניט דעם מאלצייט נאר פאר דיר אליין. קיין אנדער מענש אויסער דער קעניג און דו וועט ניט זיצען ביים טיש. איך וועל דיר יעצט איבערגעבען עטליכע רעגעלען ווי מען דארף זיך אויפפיהרען ביים קעניג'ס טיש, און דו מוזט טאהן אלעס ווי איך זאג דיר, אז ניט וועט דער קעניג ווערען בייז. און וועה איז דעם וואס דער קעניג ווערט אויף איהם בייז!"

„איך וועל טאהן אלעס ווי איהר וועט מיר זאגען!" האט בוזי געענטפערט אביסעל דערשראקען.

„ערשטענס זאלסטו געדענקען", האט דער האפהער געזאגט, „אז דו טאהרסט קיין זאך ניט בעטען, ניט ביים קעניג און ניט ביי די דיענער וואס בעדיענען ביים טיש. צווייטענס, וואס עס זאל ניט טרעפען, זאלסטו גארניט פרעגען און מיט קיין ווארט זיך בעקלאגען. דריטענס, ווען דער קעניג וועט דיך פרעגען, אויב די געריכטען שמעקען דיר, זאלסטו ניט מיער ווערען לויבענדיג, אפילו ווען דו וועסט פון די געריכטען ניט זיין צופרידען. וועסטו דיעזע אלע זאכען געדענקען און אבהיטען?"

„געוויס וועל איך געדענקען און אבהיטען", האט בוזי געענטפערט.

„יעצט איז אזוי", האט דער האפהער געזאגט. „ביז דעם מאהלצייט איז דא נאך א שטונדע צייט. וועל איך דיך אוועקזעצען אין א צימער וואו דו וועסט דארט ווארטען."

דער האפהער האט בוזי'ן אריינגעפיהרט אין א צימער וואס האט געהאט אן אפענע טיהר צום קיך.

בוזי איז דאָרט געבליבען זיצען און דורך דער אָפּענער טיהר האָט ער געזעהן ווי מען גרייט אָן די גוטע מאכלים פאַר איהם מיט דעם קעניג צו עסען. די ריחות פון די גוטע בראָ־טענס און דער דאַמפּף פון די וואַרימע מאכלים זיינען איהם אריין אין נאָז. און אזוי ווי ער האָט א גאַנצען טאָג געפאַסט, און ער איז געווען זעהר הונגעריג, האָט דאָס שטאַרק גע־רייצט זיין אַפּעטיט. פיעלע מאָל האָט ער געוואָלט אריינגעהן אין קיך, און פּרובירען עפּעס א נאַש טאָהן דאָרט, אָבער ער האָט מורא געהאט, טאָמער וועלען די דיענער דערצעהלען דעם קעניג, און דאַן וועט דער קעניג איהם שווער בע־שטראָפען.

האָט ער זיך געשטאַרקט, איינגעהאַלטען און געוואַרט אויף דער צייט, וואָס מען וועט איהם רופען צום טיש.

די צייט איז ענדליך געקומען. דער האָפהער איז אריין אין דעם צימער וואו בוזי האָט געוואַרט, און האָט איהם אבגעפיהרט אין אַן אַנדער צימער, וואו עס איז געשטאַנען א טיש מיט בלויז צוויי שטוהלען. אויף איינע פון די שטוהלען איז געזעסען שלמה המלך.

„זעץ זיך, מיין פריינד", האָט שלמה המלך געזאָגט צו בוזין. „שעהם זיך ניט און עס פיעל דיין האַרץ גלוסט."

בוזי האָט זיך אוועקגעזעצט. באַלד איז אריינגעקומען א דיענער און האָט אריינגעטראָגען א גרויסען טעלער מיט פיש. ער האָט דאָס אוועקגעשטעלט נעבען שלמה המלך דער קעניג האָט זיך גלייך גענומען עסען די פיש, און ביים עסען האָט ער יעדע וויילע אויסגערופען מעט ענטציקונג: „אַי, פיש! טייערע פיש!" און ווען דער קעניג האָט שוין געהאַלטען ביים ענדיגען זיינע פיש, האָט דער דיענער אריינ־געטראָגען נאָך א טעלער פיש פאַר'ן גאַסט.

בוזי האָט זיך געוואָלט נעהמען צו עסען זיינע פיש. איז אָבער אין דעם אויגענבליק אריינגעקומען אַן אַנדער דיענער

און האָט צוגענומען פון טיש. ער האָט אויך גענומען די טעלער פיש וואָס בוזי האָט נאָך גאָר ניט אָנגעהויבען.

בוזי האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, האָט ער זיך אָבער דערמאָנט וואָס דער האָפהערר האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער טאָר גארנישט פרעגען און גארנישט בעטען. האָט בוזי גע־מוזט שווייגען און הונגערען.

נאָכדעם האָט דער ערשטער דיענער געבראַכט דעם קע־ניג א שיסעל זופּ מיט מאַנדעלעך אין דעם. שלמה המלך האָט גענומען זופּען די זופּ מיט גרויס אַפּעטיט, און בוזי האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף זיינע זופּ.

ווען דער קעניג איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין זופּ, האָט דער דיענער געבראַכט א שיסעל פון די זעלבע זופּ מיט מאַנדעלען פאַר בוזי׳ן.

אָבער איידער בוזי האָט צייט געהאַט צו נעהמען א לע־פעל זופּ, איז אריינגעקומען אַן אנדער דיענער און האָט צו־גענומען פון טיש, דעם קעניג׳ס ליידיגע שיסעל און אויך בוזי׳ס פולע שיסעל.

מיט דעם בראָטען איז אויך געווען אַזוי. פריהער האָט מען געבראַכט דעם קעניג א געבראָטענע הוהן, און ווען דער קעניג איז באַלד פאַרטיג געוואָרען, האָט מען געבראַכט נאָך א געבראָטענע הוהן פאַר בוזי׳ן, אָבער דער אַנדער דיענער איז גלייך אריינגעקומען, און האָט צוגענומען פון טיש, איידער בוזי האָט צייט געהאַט אריינצושטעקען זיין גאָפּעל אין דער הוהן.

בוזי איז געווען אויסער זיך פאַר הונגער און פערדרוס. מיט ווילדע בליקען האָט ער געקוקט אויף דעם דיענער וואָס פלעגט יעדען מאָל אריינקומען און צוכאַפּען די עסענס, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו זאָגען א וואָרט.

דער מאַהלצייט האָט זיך געצויגען זעהר לאַנג. מען האָט דערלאַנגט נאָך גוטע זאַכען צום טיש, אָבער בוזי האָט פון קיין זאַך ניט געקענט נעהמען אין מויל.

„נו, ווי געפעלען דיר די מאַכלים?״ — האָט שלמה המלך געפרעגט.

„זעהר גוט, געשמאַק, אַ מחיה!״ — האָט בוזי געענטפערט.

„עס פרעהט מיך וואָס דו האָסט הנאה געהאַט!״ — האָט דער קעניג געזאָגט.

„אַלץ הייסט הנאה!״ — האָט בוזי אויסגערופען. — „עס איז אַ טעם גן־עדן!״

אַ טויט־הונגעריגער איז בוזי אויפגעשטאַנען פון זיין שטוהל נאָכדעם אַז דער מאַהלצייט האָט זיך געענדיגט, און ער האָט געוואָלט געהן אַהיים, אָבער שלמה המלך האָט צו איהם געזאָגט: „ניין, מיין פריינד, אַזוי גיך וועל איך זיך מיט דיר ניט שיידען. יעצט וועלען קומען מיינע מוזיקאַנטען און שפּיעלען פאַר אונז שעהנע מוזיק״.

די מוזיקאַנטען זיינען געקומען און האָבען געשפּיעלט. בוזי'ן איז די מוזיק ניט געקראָכען אין קאָפּ. ער האָט געביסען זיינע הענט פאַר גרויס הונגער. ביז איצט האָט ער גאָר ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס הונגער.

ווען די מוזיקאַנטען האָבען געענדיגט שפּיעלען, האָט בוזי געוואָלט געהן אַהיים, אָבער שלמה המלך האָט צו איהם געזאָגט:

„ניין, מיין פריינד, עס איז יעצט צו שפּעט פאַר דיר צו געהן אַהיים. בלייב דאָ נעכטיגען. איך האָב פאַר דיר אָנגעגרייט אַ בעט.״

בוזי האָט געוואוסט, אַז וואָס דער קעניג רעדט אַרויס פון זיין מויל איז אַ בעפעהל, און ער טאָהר עס ניט ענט־

זאגנען. איז ער געבליבען נעכטיגען אין דעם קעניג׳ס פאַ־לאַסט.

דער הונגער האָט איהם ניט געלאָזט שלאָפען. איז ער געלעגען און געטראַכט, און זיך געפרעגט: „צו וואָס האָט דער קעניג מיך איינגעלאַדען צו א מאָהלצייט, ביי וועלכען איך האָב גאַרניט געקענט געניסען?"

דאַן האָט ער אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, אז דער קעניג האָט איהם געוואָלט גֶעבען אַ ביישפּיעל וואָס הונגער איז. ביז איצט האָט בוזי, דער רייכער, דער אימער זאַטער, ניט געוואוסט וואָס הונגער איז, האָט ער ניט געגלויבט דעם הונ־געריגען. און יעצט האָט ער דערפיהלט דעם טעם פון הונגער, און ער האָט אויף זיך גענומען צו ווערען אַן אנדער מענש.

זייט דאַן איז בוזי געוואָרען גוט צו זיינע דיענער, קנעכט און צו אַלע מענשען. :

50

פון די קליינע קינדער׳ס וועגען

ווען יונה איז אויף דעם בעפעהל פון גאָט, געקומען צום צווייטען מאָל אין דער שטאָדט נינוה, האָט ער געוואָרענט די איינוואוינער, אז אויב זיי וועלען קיין תשובה ניט טאָהן, וועט גאָט זיי פערטיליגען.

נינוה איז געווען א גרויסע שטאָדט. זי האָט געהאט צוועלף קוואַרטאַלען, און אין יעדען קוואַרטאַל האָבען גע־וואוינט צוועלף טויזענד מענשען; אויף יעדער גאס זיינען געווען צוועלף בלאָקען און אין יעדען בלאָק צוועלף הויפען; אין יעדען הויף צוועלף הייזער, און אין יעדען הויז צוועלף מענשען, אַלע העלדען, און יעדער איינער האָט געהאט צוועלף זיהן.

יונה איז נעקומען אין איינער פון די גאסען און אויס־נעשריען דעם רוף וואס גאט האט איהם איבערגעגעבען, און זיין שטימע האט אבגעקלונגען אויף א שטרעקע וואס נעהמט פערציג טעג דורכצוגעהן.

ווען עס האט דאס געהערט אסנפר, דער קעניג פון נינוה, איז ער ארונטער פון זיין שטוהל, האט צוריסען זיינע קליידער און ארויסגעגעבען א בעפעהל צום גאנצען פאלק, צו פאסטען דריי טעג דורכאנאנד, אלע מענער, פרויען און קינדער, און אפילו בהמות.

נאכ׳ן דריטען טאג האט דער קעניג געהייסען אויס־שטעלען די הונגעריגע קינדער בעזונדער און זייערע מאמעס בעזונדער, די קיה בעזונדער און זייערע קעלבלעך בעזונדער. די קינדער האבען אויסגעשפרייט זייערע הענטלעך צו זייערע מאמעס און געוויינט און געבעטען עסען; די קעלבלעך האָ־בען געמרוקעט צו די קיה און דער פלאַץ האט זיך פערוואנ־דעלט אין א שרעקליכען יאמער־טאל. דער קעניג פון נינוה איז דאן צוגעגאנגען צו די קינדער וואס האבען ברויט געבעטען, האט זיי גענומען אויף דער האנט און אויפהויבענדיג זיי צום הימעל האט ער גערופען צו גאט:

„פארגיב אונז אין דעם זכות פון די דאזיגע קליינע קינדער, וואס האבען ניט געזינדיגט!“

ווען דאס גאנצע פאלק האט געזעהן וואס דער קעניג טהוט, זיינען זיי צוגעגאנגען צו די הונגעריגע בהמות און געשריען צו גאט:

„דערבארים זיך איבער אונז, א האר פון דער גאנצער וועלט, און פערטיליג אונז ניט. ווען אפילו בלויז אום צו ראטעווען אונזערע בהמות, ווייל אהן אונז, ווער וועט זיי פאשען און געבען צו טרינקען?!“

ווען דער קעניג האט געזעהן, ווי די מענשען זיינען בעזארגט און איבערשראקען; יעדער איבער זיין קינד און

זיינע שאָף און רינדער, וואָס האָבען געזאָלט אומגעבראַכט ווערען, האָט ער אויסגערופען:

„זאָלען אַלע תשובה טאָהן און אומקעהרען די גנבות און גזלות וואָס זיי זיינען בעגאַנגען!"

דאָס פאָלק האָט זיך אָבגערופען:

„זאָל דער קעניג צושטערען דעם פּאַלאַץ זיינעם, וואָס איז געבויט געוואָרען פון גערויבטע ציגעל, און זאָל ער זיי אומקעהרען צו זייערע אייגענטימער!"

דער קעניג האָט געהייסען איינוואַרפען זיין פּרעכטיגען פּאַלאַץ און מען האָט גענומען די געגזל'טע ציגעל און זיי אומגעקעהרט צו וועמען זיי האָבען בעלאַנגט.

ווען דאָס פאָלק האָט דאָס געזעהן, האָט יעדער איינער גיך אָבגעגעבען די זאַכען וואָס זיי האָבען געפונען אין די פעלדער און גערטנער, אויף די מאַרקען און גאַסען, זיי האָבען אויסגעריסען אַלע גערויבטע פרוכטבוימער און אַלע פלאַנצונגען און זיי אומגעקעהרט צו וועמען זיי האָבען בעלאַנגט.

איין מאַן איז געקומען צו די ריכטער פון שטאָדט מיט אַזאַ אַנפראַגע:

„פיעלע, פיעלע יאָהרען צוריק, האָט איינער פון מיין משפחה געקויפט א הויז וואָס האָט געהאַלטען אין איינפאַלען און ער האָט דערין געפונען פיעל געלט און איז זעהר רייך געוואָרען. דאָס רייכטהום איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור, און איצט בין איך דער יורש פון דעם גאַנצען גאָלד און זילבער. וואָס דאַרף איך איצט טאָהן?"

„האָסטו דעם קויף־שיין?" — האָבען די ריכטער געפרעגט.

„אָט איז ער. נעהמט איהם." — האָט דער מאַן געענטפערט.

די ריכטער האָבען איהם איבערגעלייענט און געזעהן, אז פינף־און־דרייסיג דורות זיינען שוין פאַראיבער זייט דאָס הויז

איז פערקויפט געווארען. זיי האבען גענומען נאכזוכען און זיי האבען געפונען א יורש פון דעם מאן, וואס האט אמאל פערקויפט דאס חרוב'ע הויז. איהם האבען זיי אומגעקעהרט די גאנצע געלד און זילבער וואס זיינע אור־אור־עלטערן האבען אין דעם הויז געלאזען.

ווען גאט האט געזעהן די מעשים פון די מענשען, האט ער חרטה געהאט אויף זיין מחשבה און ער האט זיי ניט אומגעבראכט.

51

תחית המתים פון א צדיק

שלום בן תקוה איז געווען בעליעבט און געעהרט ביי אלע אידען, און ער האט שטענדיג געגעבען פיעל צדקה. ער האט בעזארגט די ארימע לייט מיט ברויט און קליידער און זיי געטרייסט און אויפגעמונטערט. יעדען טאג פלעגט ער ארויסגעהן צום טויער פון שטאדט מיט א קרוג קאלטע וואסער, געגעבען צו טרינקען יעדען מיעדען פרעמדען וואס איז געקומען אין שטאדט אריין, און איהם איינגעלאדען אהיים צום עסען. זיינע גוטע מעשים זיינען געווען זעהר אנגענומען ביי גאט און ער האט איהם געבענשט מיט אלעם גוטען.

זיין פרוי, חולדה, האט איהם ארויסגעהאלפען אין זיינע גוטע טהאטען, און ביידע זיינען געווען הויך־געשעצט און בעליעבט צווישען פאלק.

ווען שלום איז אלט געווארען און איז געשטארבען, זיינען אלע אידען ארויסגעקומען צו זיין לויה. זיי האבען געמאכט א גרויסע לויה און איהם געטראגען אויף זייערע אקסלען ביז צום קבר.

אלס די אידען האבען זיך בעשעפטיגט מיט שלום׳ס בע־ערדיגונג, זיינען פלוצים אויף זיי אנגעפאלען די חילות פון מואב. די אידען האבען אוים שרעק אריינגעווארפען שלום׳ן אין אלישע׳ס קבר און שלום׳ס קערפער האט אנגעריהרט אלישע׳ס ביינער... שלום איז לעבעדיג געווארען, איז אויפ־געשטאנען און אהיימגעגאנגען...

ווען דאס פאלק האט געהערט דעם גרויסען נס וואס גאט האט געטאהן צו שלום׳ן, האבען זיי געזאגט:

„גאט האט איהם בעצאהלט: דערפאר וואס ער האט ביים לעבען דערהאלטען אזוי פיעל ארימע מענשען, האט איהם גאט צוריקגעגעבען דאס לעבען".

שלום האט געבוירען א זוהן און ער האט געמאכט א סעודה פאר אלע איינוואוינער פון שטאדט, פאר גרויס און קליין. ביים וויין־טרינקען איז שלום אויפגעשטאנען און גע־זאגט צום גאנצען פאלק:

„איך האב געהערט ווי איהר האט געזאגט, אז גאט האט מיר אפגעצאהלט. איהר ווייסט אבער, אז אלץ קומט פון גאט, און מיר נעהמען בלויז פון זיין האנט ארויס און גיבען עס אוועק, דעריבער וועט מיין ניי־געבוירענער זוהן הייסען „חנם־אל", וואס דאס מיינט: בחנם טוט גאט זיינע חסדים צו אלע מענשען־קינדער!"

52

דער חלום פון נביא הושע

גאט האט געזאגט צו הושע בן בארי:

„די אידען האבען געגען מיר געזינדיגט!"

האט הושע געענטפערט:

„פערטיליג זיי און זאלען זיי אויפהערען צו עקזיסטירען, אדער — קלייב זיך אוים אן אנדער פאלק, א בעסערם פון די אידען!"

און נאט האט בעשלאסען, אז דערפאר וואס הושע האט נעגעבען אזא ענטפער און ניט געבעטען רחמים פאר דעם אידישען פאלק, דארף מען איהם ווייזען אז ער האט שלעכט גערעדט... עס איז הושע׳ן בעפאלען א שלאף און ס׳האט איהם געחלומ׳ט אזא חלום:

ער האט חתונה געהאט מיט א צווייטער פרוי, וועלכע איז געווען בעוואוסט מיט איהר רשעות און שלעכטסקייט. און זי האט איהם געבארען צוויי קינדער. און גאט האט צו איהם געזאגט אין חלום:

„טרייב ארוים דיין פרוי מיט איהרע קינדער!"

ווען הושע האט דאס געהערט האט ער זיך ביטער צו־וויינט.

„פאר וואס וויינסטו? — האט איהם גאט געפרעגט.

„ווי זאל איך ניט וויינען — האט ער געענטפערט — אז דו הייסט מיר ארויסטרייבען מיין פרוי און קינדער?"

„און אט זעהסטו! — האט גאט צו איהם געזאגט — דו האסט רחמנות אויף דיין פרוי, וועלכע איז שלעכט און פער־האסט ביי אלעמען, און אויף די קינדער וואס זי האט דיר געבארען — און איך, ווילסטו, זאל קיין רחמנות ניט האבען אויף מ י י נ ע קינדער, די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, וועלכע איך האב ליעב!"

הושע האט דאן בעגריפען אז ער האט זעהר שלעכט געטאהן דערמיט וואס ער האט געהייסען גאט אומברענגען די אידען — און ווען ער האט אויפגעוואכט, האט ער אויס־געשריען:

„קער זיך אום, א פאלק ישראל, צו דיין גאט! און זאל דיין צאהל ווערען אזוי ווי דאס גאנצע זאמד אויפ'ן ברעג פון ים".

ווען די אידען האבען געפרעגט הושע'ן, צי גאט וועט אננעהמען זייער תשובה, נאכדעם ווי זיי האבען אזוי פיעל געזינדיגט, האט ער געענטפערט:

„גאט האט אנגענומען די תשובה פון קין'ען, פון אחאב'ן און פון נינוה — און ער וועט אויך אייער תשובה אננעהמען, ווייל גאט וויל ניט דעם זינדיגענ'ס טויט, נאר ער זאל אויס־בעסערען זיינע וועגען — און לעבען!"

53

חבקוק און דניאל

דניאל האט זעהר אויסגענומען ביים קעניג און ער האט איהם בעעהרט און דערהויבען איבער אלע מיניסטארען פון זיין קעניגרייך. די גרויסע לייט פון קעניג האבען איהם מקנא געווען און זיי האבען אנגערעדט נבוכדנאצר'ן ארויס־צוגעבען א בעפעהל, אז יעדער איינער וואס וועט ניט תפלה טאהן צו נבוכדנאצר'ן דרייסיג טעג אזוי ווי צו גאט, זאל אריינגעווארפען ווערען אין דעם גרוב פון לייבען, זיי זאלען איהם אויפפרעסען.

ווען דער קעניג האט אונטערגעשריבען דעם דעקרעט זיינען די מיניסטארען אוועק צו דניאל'ס הויז, און זיי האבען געזעהן א קליין מיידעלע שפילענדיג זיך אויפ'ן הויף. זיי האבען זי געפרעגט:

„קענסטו דניאל'ן?"

„יא!" — האט זי געענטפערט.

„קענסטו אונז אפשר זאגען, וואס זיין בעשעפטיגונג איז?" — האבען זיי זי ווייטער געפרעגט.

„ער קויפט שעהנע קליידער פאר ארימע כלות — האט זי געענטפערט — ער מאכט מאהלצייטען לכבוד זייערע חתונות און איז זיך משמח ווי א טאטע אויף די חתונות פון זיינע טעכטער!"

ווען די מיניסטארען האבען דאס געהערט האבען זיי געזאגט מיט כעס:

„אויך חתונות און הוליאנקעס האט דער מענש ליעב, און מיר האבען גאר ניט געוואוסט!"

דאס מיידעלע האט זיך אפגערופען:

„איך האב איהם שוין אויך געזעהן וויינען בעת ער בע־גלייט די מתים און געהט־נאך נאך זייער ארון. כ'האב אויך געהערט ווי ער טהיילט אויס נדבות צו ארימע לייט און ווי ער טרייסט זיי אין זייערע צרות און טרויער!"

אזוי ווי זיי האבען גערעדט, איז א מאסע ארימע לייט אריינגעקומען אין הויף אריין. די מיניסטארען האבען דאן געפרעגט דאס מיידעל:

„זאג אונז, ווער זיינען די מענשען און וואס ווילען זיי דא?"

„דריי מאל יעדען טאג — האט דאס מיידעל געענט־פערט — געהט דניאל ארויף אין אויבערשטען צימער פון זיין הויז. ער שטעלט זיך אוועק ביים פענסטער צו מזרח־זייט און איז מתפלל צו גאט; און ווען ער געהט ארונטער, קומט ער ארויס צו די פערזאמעלטע ארימע לייט, וועלכע קומען צו איהם דריי מאל אין טאג און טיילט זיי אויס זיינע נדבות!"

הערענדיג דאס, זיינען די מיניסטארען גלייך ארויף צו דניאל'ן אין צימער און זיי האבען איהם געטראפען שטעהן מיט אן איינגעבויגענעם רוקען און איז מתפלל צו גאט.

זיי זיינען גיך אוועק צו נבוכדנאצר'ן און האבען נאך מעהר שלעכטעס אנגערעדט אויף דניאל'ן און געהייסען איהם מעהר שלעכטעס אנגערעדט אויף דניאל'ן און ווען נבוכדנאצר האט אויסגעהערט זייערע רייד, האט ער געהייסען ברייגנען דניאל'ן און איהם אריינווארפען אין דעם לייבען-גרוב.

אין דעם גרוב זיינען געווען צעהן לייבען, וועלכע פלעגען אויפפרעסען יעדען טאג צעהן שעפסען און צעהן מענשליכע קערפערס, וואס זיינען צו זיי אריינגעווארפען געווארען. נבוכדנאצר'ס מיניסטארען האבען אין יענעם טאג ווען דניאל איז אריינגעווארפען געווארען אין דעם גרוב, אויסגעהונגערט די לייבען, ניט געבענדיג זיי גאר צו פרעסען, אום זיי זאלען איהם איינשלינגען און פערצוקען אזוי באלד ווי זיי וועלען איהם דערזעהן.

אבער ווען דניאל איז ארונטערגעלאזען געווארען אין גרוב אריין, האבען זיך די לייבען מיט איהם דערפרעהט ווי עס פרעהט זיך דער הונט ווען ער דערזעהט זיין בעל הבית. די מיניסטארען האבען ארויפגעלעגט א גרויסען שטיין אויף דעם גרוב און זיינען אוועק מיט פרייד אהיים.

אין אווענד פון זעלבען טאג, ווען דער נביא חבקוק פון לאנד יהודה, האט געטראגען דעם מאלצייט וואס ער האט געהאט צוגעגרייט פאר די תבואה-שניידער פון זיין פעלד — האט גאט צו איהם געזאגט:

„געה אוועק נאך כשדים און ברענג דעם מאלצייט וואס דו טראגסט איצט אין דיין האנט צו מיין קנעכט דניאל, וועלכער זיצט אין דעם לייבען-גרוב!“

און חבקוק האט געבעטען:

„א, גאט! שיק מיט דיינע מלאכים און זאלען זיי מיך בעגלייטען אויף דעמדאזיגען וועג!“

גלייך איז ארונטערגעקומען א מלאך, וועלכער האט איהם אנגענומען ביי די האר פון זיין קאפ און איהם אוועקגע-

טראָגען צום גרוב וואו דניאל איז געזעסען. חבקוק האָט דערלאַנגט דעם מאָהלצייט צו דניאל׳ן און זיי האָבען ביידע געגעסען און געטרונקען און געבענשט גאָט.

דאַן האָט דער מלאך ווידער אַמאָל גענומען חבקוק׳ן און איהם צוריק אַריינגעטראָגען אין לאַנד יהודה נאָך איידער די תבואה שניידער האָבען געהאַט פערענדיגט זייער מאָלצייט וואָס חבקוק׳ס קינדער האָבען זיי געגעבען.

54

דניאל און די פאַלשע כהנים

די איינוואוינער פון בבל האָבען געהאַט אַן אָפּגאָט וואָס האָט געהייסען „בל“. צו איהם האָבען זיי מקריב געווען יעדען טאָג אַן אָקס, צעהן באַראַנען, הונדערט יונגע טויבען, זיבעציג לעמעלעך, זיבעציג קוכענס און צעהן קרוגען וויין. דער קעניג האָט אויך געדיענט צו דעם דאָזיגען אָפּגאָט און ער פלעגט געהן צו איהם יעדען טאָג זיך בוקען און איהם אָבגעבען כבוד.

איינמאָל האָט דער קעניג געזאָגט צו דניאל׳ן:

„פאַר וואָס דינסטו ניט דעם גאָט „בל“ און בוקסט זיך ניט צו איהם?“

„אָבגעהיט זאָל איך ווערען פון דיענען אָבגעטער, וואָס מענשען האָבען אַליין געמאַכט—האָט דניאל געענטפערט—איך דיען צו דעם לעבעדיגען גאָט, וואָס האָט בעשאַפען הי־מעל און ערד און וואָס איז דער האַר פון אַלע בעשעפענישען“.

„קענסטו זאָגען אַז מיין גאָט איז גאָר נישט — האָט דער קעניג געזאָגט — ער עסט דאָך און טרינקט יעדען טאָג?!“

דניאל האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

„ווען דו וואָלסט זיך צוגעקוקט, האַר קעניג, צו די מעשים פון די „בל" פּריעסטער און געזעהן זייערע געמיינהייטען, וואָלסטו אויפגעהערט גלויבען אין אַזעלכע געטער וואָס זיי־נען געמאַכט אויסערליך פון קופּער און אינערליך פון ליים, און ניט זיי עסען און ניט זיי טרינקען..."

דער קעניג איז בייז געוואָרען און ער האָט צוזאַמענגע־רופען די פּריסטער און צו זיי געזאָגט:

„אויב איהר וועט מיר ניט אויסזאָגען ווער עס עסט־אויף דאָס וואָס איהר זייט מקריב יעדען טאָג צום „בל", וועט איהר מיט אייערע לעבענס בעצאָהלען. וועט איהר, אָבער, מיך איבערציייגען, אַז „בל" עסט דאָס טאַקי אויף, וועט דניאל שטאַרבען פאַר לעסטערען איהם, און איהר וועט זיין פריי".

„אַזוי זאָל זיין ווי דו זאָגסט, האַר קעניג!" — האָט דניאל זיך אָפּגערופען.

די צאָהל פּריעסטער וואָס האָבען בעדיענט דעם אָפּגאָט איז געווען זיעבציג א חוץ זייערע פרויען און קינדער. דער קעניג איז אוועק מיט דניאל'ן אין דעם פּאַלאַץ פון „בל", און די פּריסטער האָבען געזאָגט צום קעניג:

„אַט געהען מיר אַרויס פון פּאַלאַץ און דו וועסט מיט דיין אייגענער האַנט געבען „בל"ן די מאכלים און געטראַנקען, וועסט פערשליסען די טהיר הינטער זיך און זי פער־חתמ'ע־נען מיט דיין שטעמפּעל, און דו וועסט מאָרגען צוריק־קומען און וועסט זעהן אַז דער קרבן איז נישט אויפגעגעסען געוואָ־רען — זאָלסטו אונז אַלעמען אויס־הרג'ענען, און אויף קיינעם קיין רחמנות ניט האָבען. נאָר אויב דו וועסט זעהן אַז „בל" האָט אַלץ אויפגעגעסען וואָס דו האָסט פאַר איהם מקריב געווען — זאָלסטו דער־הרג'ענען דניאל'ן פאַר דעם ליגען וואָס ער האָט געזאָגט."

די פּריסטער פון „בל" האָבען זיך געשטיצט אויף א געהיימען איינגאַנג, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסגעגראָבען

אונטער דעם טיש, און דורך אַט דעם איינגאַנג פלעגן זיי שטענדיג אַרויפקומען און אויפעסען יעדע נאַכט דאָס פלייש, ברויט און דעם וויין.

ווען דער קעניג האָט מקריב געווען זיין קרבן צו בל׳ן און שוין געוואָלט אַרויסגעהן, האָט דניאל בעפוילען זיינע קנעכט צו ברענגען אַש און עס אויסשפּרייטען אויף דער ערד פון פּאַלאַץ פאַר׳ן קעניג׳ס אויגען. ווען דער קעניג האָט דאָס געזעהן, האָט ער געזאָגט: „צו וואָס טוסטו דאָס?“

דניאל האָט איהם געענטפערט:

„מאָרגען וועט דער קעניג געוואָהר ווערען פאַר וואָס איך טהו דאָס, און איצט זאָל דער קנעכט אויסגלייכען אויף גלאַטיג די אויסגעשפּרייטע אַש, און ווען מיר וועלען אַרויס־געהן זאָל דער קעניג פערשליסען די טיהר און זי פערחתמ׳ע־נען מיט זיין שטעמפּעל“.

דער קעניג האָט אַזוי געטאָהן, און זיי האָבען פערלאָזען דעם פּאַלאַץ.

די פּריעסטער פון „בל“ זיינען ווי תמיד געקומען ביי נאַכט מיט זייערע פרויען און קינדער און זיי האָבען זיך אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען מיט אַלץ וואָס איז געווען אויפ׳ן טיש, און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט פרעהליכע און לוס־טיגע אין זייערע היימען.

„מאָרגען וועט דניאל שטאַרבען! — האָבען זיי געזונגען און געשריען — דער דניאל וואָס האָט געמאַכט אַ פערשוועררונג נעגען אונזערע לעבענס, וועט בעזייטיגט ווערען, און דער צוטרויען פון אונזער קעניג צו „בל“ וועט נאָך שטאַרקער און גרעסער ווערען!“

אויף מאָרגען, גאַנץ פריה, איז אַזוי געשעהן:

דניאל איז שנעל אַוועק מיט׳ן קעניג צום פּאַלאַץ און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם פערשלאָסענער און פערחתמ׳עטער טיהר, האָט דער קעניג געפרעגט דניאל׳ן:

„איז פאראן א ברוך אין מיין שטעמפעל?“

דניאל האָט זיך איינגעקוקט און געענטפערט: „ניין!“

דער קעניג האָט געעפענט די טיהר, און באַפעהלענדיג א קוק אויפ׳ן טיש, האָט ער אויסגעשריען: „גרוים ביזטו, בל! א גאָט ביזטו און עס איז אין דיר קיין פאלשעס ניטאָ!“

דניאל האָט געלאַכט... ער האָט אָפּגעהאַלטען דעם קעניג פון אריינגעהן אינוועניג אין פּאַלאַץ און צו איהם געזאָגט:

„עפען דיינע אויגען און זעה די פוס־טריט אין דעם אַש וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און זאָג מיר, וועמעס פיס האָבען געטראָטען אויף דיזען אָרט?“

„אמת — האָט דער קעניג געזאָגט נאָכדענקענדיג — עס זעהען זיך די טריט פון פיעלע ערוואַקסענע און קינדער, און די אַש זעהט אוים ווי זאמד אויף וועלכען עס האָבען ארומגעטראָטען פיעלע מענשען“.

„רופ צוזאַמען דיינע פריעסטער — האָט דניאל פאָרטגעזעצט — מאַך א גענויע אונטערזוכונג, און זאָלען זיי דיר ערקלעהרען וואָס דאָ איז!...“

דער קעניג האָט צוזאַמענגערופען די פריעסטער מיט זייערע פרויען און קינדער און ער האָט זיי געוואָרענט:

„אויב איהר וועט מיר ניט אויסזאָגען דעם אמת, וועט איהר מיאוס אָפּשניידען!“

די פריעסטער האָבען אויפגעציטערט פון דעם קעניג׳ם וואָרנונג און זיי האָבען זיך מודה געווען:

„דורך דעם געהיימען איינגאַנג פלעגען מיר אריינקומען יעדע נאַכט און אויפעסען בל׳ים קרבן!“

דער קעניג האָט געגעבען א בעפעהל זיי אַלע אויסצוהרג׳ענען, און בל׳ן און דעם טעמפּעל האָט ער איבערגעגעבען צו דניאל׳ן מיט זיי צו טאָהן ווי איהם געפעהלט. דניאל האָט צוברָאָכען דעם אָבגאָט און פערניכטעט דעם פּאַלאַץ.

55

דער שלאַנג פון בבל

ווען דניאל האָט צושטערט די עבודה זרה „בל“, האָבען די קעניגליכע מיניסטאָרען גענומען בונטעווען געגען איהם.

„לאָמיר זיך נוקם זיין — האָבען זיי געזאָגט איינער צום צווייטען — פאַר דעם פערגאָסענעם בלוט פון די פּריסטער און פאַר דעם פערשוואַכטען כבוד פון אונזער גאָט! לאָמיר געהן צום קעניג און איהם פאַרשלאָגען, אַז דניאל זאָל פּרובירען צו טאָהן דאָס זעלבע מיט דעם שלאַנג צו וועלכען מיר דיענען, ווי ער האָט געטאָהן צו „בל!“

דער שלאַנג איז געווען גרויס און אימה'דיג; ווען אַ מענש איז צו איהם צוגעגאַנגען, האָט ער געעפענט זיין מויל און איהם איינגעשלונגען לעבעדיג. די מיניסטאָרען זיינען געקומען צום קעניג און האָבען געזאָגט:

„דניאל האָט צובראָכען „בל“ און פערניכטעט זיין פּאַלאַץ — וועט ער דאָס אויך קענען טאָהן צום שלאַנג. וואָס עסט און טרינקט, און וואָס וואַרפט אַן אַ פּחד אויף יעדען וואָס דערנעהנטערט זיך צו איהם? זאָל דער קעניג ריידען מיט דניאל'ן און איהם באַפעהלען זיך צו פערמעסטען מיט'ן שלאַנג!“

דער קעניג האָט געפאָלגט זיינע מיניסטאָרען און זיך געווענדעט צו דניאל'ן:

„קענסטו אויך אויף'ן שלאַנג זאָגען אַז ער איז אַ מענשענ'ס ארבייט, געמאַכט פון קופּער? ער איז אַ לעבעדיגע באַשעפעניש, ער עסט און טרינקט אַזוי ווי יעדער איינער פון אונז, און נאָך אַזאַ לעבעדיגער און פּירכטערליכער גאָט ווי ער איז ניטאָ!“

דניאל האָט געענטפערט:

„אויב דו וועסט מיר ערלויבען, וועל איך דער'הרג'ענען דיין שטארקען און פירכטערליכען גאט אהן א שווערד און אהן א שטעקען".

„גוט! — האט דער קעניג געענטפערט — ער איז אין דיין האנד".

ווען די מיניסטארען האבען דאס געהערט, האבען זיי זיך דערפרעהט אויסשרייענדיג:

„ענדליך ווערט אונזער האפנונג מקוים! איצט וועלען מיר שוין פון דניאל'ן פטור ווערען און מיר וועלען פון איהם מעהר ניט ליידען!"

דניאל איז אוועק און זיך געלאזט מאכען קליינע אייזערנע קאמען מיט שארפע צייהן ווי די נאדלען, ער האט זיי גע־שליפען און געשארפט און אויף זיי אנגעקלעפט חלב, שווע־בעל און פעך. אויף דעם האטער ארויפגעלעגט ברויט און וועלכע איז געווען איינגעקנאטען שטיקלאך גלאז, אבער מען האט זיי ניט געקענט זעהן.

דניאל איז דאן אוועק צו דער הייהל, וואו דער שלאנג האט זיך געפונען, ער האט אהין ארייגעווארפען דאס ברויט וואס ער האט צוגעגרייט, און האט זיך אומגעקעהרט אהיים.

ווען דער שלאנג האט ארונטערגעשלונגען דעם מאכל וואס דניאל האט איהם דערלאנגט און דער חלב איז צוגאנגען, האבען די שטיקלעך גלאז גענומען ארבייטען אין זיינע גע־דערים, און צומארגענס איז דער שלאנג גע'פגר'ט.

אין דער פריה, ווען אלע איינוואוינער פון בבל האבען גענומען טראגען זייער קרבן צום שלאנג, ווי זיי פלעגען זיך פיהרען יעדען טאג, האבען זיי דערפיהלט ווי דער ריח פון א פגר שפארט ארויס פון דער הייהל. וואונדערענדיג זיך וואס דאס איז, האבען אייניגע געוואגט און זיך ארונטער־געלאזען אין דער הייהל. זעהענדיג ווי זייער גאט ליגט א טויטער און פיהלענדיג ווי דער ריח ווערט אלץ מעהר שטי־

קענר, זיינען זיי שנעל ארויס פון דער הייהל, זיך אומגע־קעהרט אין שטאדט אריין און דערצעהלט די איינוואוינער וואס עס האט פאסירט.

די איינוואוינער זיינען געקומען צו לויפען צום קעניג און געפאדערט:

„גיב־איבער דניאל'ן, דעם מערדער פון אונזערע צוויי געטער, אין אונזערע הענט און מיר וועלען פון איהם א סוף מאכען; אויב דו וועסט אונזער פערלאנג ניט נאכגעבען, וועלען מיר דיך ארונטערזעצען פון דיין קעניגליכען שטוהל!“

ווען דער קעניג האט דאס געהערט, איז ער שטארק אויפ־געדעגט געווארען און ער האט בעפוילען זיינע סאלדאטען די בונטאוטשיקעס צו אונטערדריקען. די סאלדאטען הא־בען גלייך ערפילט דעם קעניג'ס בעפעהל און אויסגע'הרג'עט אלע וואס זיינען געקומען פראטעסטירען געגען דניאל'ן.

נאכדעם איז דניאל געקומען צום קעניג, האט זיך פאר איהם געבוקט און געזאגט:

„גענעדיגער קעניג! איך בין שוין אלט און איך האב מעהר קיין כח ניט דיר צו דיענען אלס ראטגעבער, דעריבער בעט איך דיך, בעפריי מיך, און לאז מיך אהיים!“

„ווי קען איך דיך פאלגען? — האט דער קעניג געזאגט — דו ביזט דאך א געטליכער מענש, און צו דיין חכמה און פערשטאנד איז גאר קיין גרונד ניטא!“

דניאל האט געענטפערט:

„פון צווישען מיין פאלק וועל איך געפינען פאר'ן קעניג א קלוגען פערשטאנדיגען מאן, בעזעעלט מיט דער גייסט פון גאט, און ער וועט שטעהן פאר דיר אויף מיין פלאץ“.

„אין דעם פאל וועל איך דיך בעפרייען“ — האט דער קעניג געזאגט.

דניאל האט זיך געבוקט און איז אוועק אהיים.

56

פערניכטעט מיט אַ קוש

דער טאָג אין וועלכען דער רשע נבוכדנאצר האָט אויפ־געשטעלט דעם צלם, דעם גרויסען געטש, און אַלע מלכים האָבען זיך געבוקט צו איהם, איז געווען שבת און יום כפור. און אין דיזען הייליגען טאָג האָט דער רשע געוואָלט צוריידען דעם צדיק דניאל אַז ער זאָל צו דעם געטש זיך בוקען. ער האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: „ווילסט זיך גאָר ניט בוקען פאַר מיין צלם וואָס האָט אין זיך גרויס קראַפט און מאַכט און האַפט? זעה נאָר וואָס דער צלם קען טאָהן, וועסטו זיך אַליין בוקען פאַר איהם“.

וואָס האָט דער רשע געטאָהן? ער האָט גענומען דעם כהן גדול׳ס ציץ, אויף וועלכען עס איז געווען אָנגעשריבען דער הייליגער נאָמען און האָט עס אַריינגעלייגט אין דעם מויל פון דעם צלם. נאָכדעם האָט ער צוזאַמענגעקליבען אַלערליי שפּיעלער און זינגער און זיי האָבען געזונגען לויב ליעדער פאַר׳ן געטש, און דער געטש האָט אויסגערופען: „אני ד׳ אלקיכם“. דניאל האָט פערשטאַנען אַז דער געטש רעדט עס מיט דער קראַפט פון דעם ציץ. האָט דניאל גע־זאָגט צום רשע נבוכדנאצר: „קענסטו מיר געבען די ער־לויבנים אַרויפצוקלעטערען און אַ קוש טאָהן דיין צלם אין מויל?“ האָט נבוכדנאצר געפרעגט: „וואָרום גראָדע אין מויל?“ האָט דניאל געענטפערט: „ווייל דער מויל פיהלט דעם קוש בעסער“. האָט איהם נבוכדנאצר געגעבען ערלויב־ניס, און ווען דניאל האָט אַרויפגעקלעטערט האָט ער געזאָגט צו דעם ציץ: „איך בין אַ בשר ודם און אַ שליח פון דעם אייבערשטען. זאָלסט זיך היטען אַז דעם אייבערשטען׳ס נאָמען זאָל ניט פערשוועכט ווערען דורך דיר, און איך בין

אויף דיר גוזר אַז דו זאָלסט אַרויסקומען צו מיר". נאָכדעם האָט דניאל מיט אַ קוש אַרויסגעצויגען דעם ציץ פון דעם צלם'ס מויל.

ווען דניאל איז צוריק אַרונטערגעקומען האָבען די כלי זמרים נאָך געהאַלטען אין שפּיעלען און די זינגער אין זינגען, אָבער דער צלם איז שוין געווען שטום. אין דער מינוט איז געקומען אַ שטאַרקער ווינט און האָט אומגעוואָרפען דעם צלם צו דער ערד. און ווען די אומות העולם האָבען געזעהן די גרויסע נסים פון דעם אייבערשטען, האָבען זיי גענומען זייערע געטשקעס און זיי צובראָכען אין שטיקער, און פון די שטיקלעך געמאַכט גלעקלעך און אָנגעהאָנגען אויף זייערע הינט און זייערע אייזלען, און זיי האָבען מיט די גלעקלעך געקלונגען און געזאָגט: „קומט אַלע און זעהט צו וואָס מיר פלעגען זיך בוקען".

57

איוב'ס צדקות

אין איוב'ס צייטען האָט געטראָפען, אַז אַן אָרימאַן איז געשטאָרבען און ער האָט איבערגעלאָזען אַן אלמנה מיט קליינע יתומים. ווען איוב האָט דאָס געהערט האָט ער בע־שלאָסען צוגעהן צו דער טרויערענדער משפּחה, זיי טרייסטען און העלפען מיט אַלע זיינע מעגליכקייטען.

אַלס ער האָט וועגען דעם געטראַכט, איז געקומען דער שטן און זיך פערשטעלט פאַר איינעם פון איוב'ס פריינד און געזאָגט:

„איך האָב געהערט אַז דו געהסט טרייסטען דעם פער־שטאָרבענעם עני'ס אלמנה, האָב איך בעשלאָסען צו קומען

צו דיר און דיך אפּהאַלטען דערפון כדי דו זאָלסט זיך ניט מאַכען צו שפּאַט".

„וואָס מיינסטו מיט דיינע ווערטער?" האָט איוב גע־פרעגט.

„איז עס ביי דיר אַ קליינינקייט" — האָט דער שטן גע'חנפ'עט — „אַז דער עלטסטער פון פאָלק און זיין ריכטער זאָל געהן אין הויז פון אַ אָרימען אובעדייטענדען מענש? דעריבער האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, זאָלסט זיצען אין הויז און היטען דיין כבוד!"

„לאָז מיך אָפּ" האָט איוב געשריען. „איך וועל דיר ניט פאָלגען! בין איך דען בעסער פון גאָט מיין בעשעפער, וועלכער שטאַרקט דעם יתום און די אלמנה און טרייסט די טרויערענדע?"

ווען דער שטן האָט געזעהן אַז ער רעדט צו טויבע אויערען, איז ער פון איהם אוועק. איוב איז געקומען אין דער אלמנה'ס הויז און ער האָט זי געטרייסט מיט איהרע קינדער און דערפרישט זייערע הערצער. אַרויסגעהענדיג פון דאָרט איז איוב אַריין צו די שכנים פון דער אלמנה און ער האָט זיי געפרעגט אויב דער פערשטאַרבענער האָט עפּעס איבערגע־לאָזען, אַ פעלד אָדער אַ גאָרטען, פאַר זיין אלמנה און יתומים? די שכנים האָבען איוב'ן געענטפערט: „זעהר אָרים איז געווען דער מאַן, און ער האָט ניט געהאַט מעהר ווי אַ קליין שטיקעל פעלד, וואָס ער האָט בעאַרבייט יעדעס יאָהר, און וואָס האָט די לעצטע יאָהרען אויפגעהערט איהם צו געבען פרנסה".

ווען איוב האָט געהערט וועגען דער אָרימקייט און עלענד פון דער אלמנה האָט ער בעשלאָסען צוהעלפען איהר און איהרע קינדער מיט ברויט אַזוי לאַנג ביז די קינדער וועלען

אויפוואקסען. ווען עס זיינען אוועק די זיבען טעג פון טרויער, האט איוב געזאגט צו דער אלמנה אזוי:

„ווען דו וועסט געהן אקערן דיין פעלד, זאלסטו נעהמען מיינע אייזלען, און רופען איינעם פון מיינע קנעכט ער זאל טהאן דיין ארבייט!“

„א טיעפען דאנק דיר, מיין הארר, פאר דיין גוטסקייט צו מיר — האט די פרוי געזאגט — אבער איך וועל חלילה ניט נעהמען קיין זאך פון א פרעמדען מענשען! דער פאטער פון אלע יתומים וועט זיך אויך דערבארימען אויף מיר און מיינע קינדער און וועט מיך ניט פערלאזען אין אן עת צרה!“

איוב איז צו איהר צוגעשטאנען אז זי זאל כאטש ביי איהם נעהמען א גערטענדיל מיט גרינס, אבער זי האט ניט געוואלט. ווען איוב האט געזעהן אז זיינע רייד ווירקען ניט, האט ער זיך אפגעזעגענט מיט דער פרוי און איז אוועק.

ווען עס איז געקומען די צייט פון פעלד־אקער, האט די פרוי געדונגען אן אייזעל און דערמיט געאקערט איהר פעלד און עס פערזעעט. אבער דאס פעלד האט אנשטאט תבואה ארויסגעגעבען שטעכעכץ און דערנער, און די אלמנה מיט איהרע קינדער האבען געהונגערט פאר א שטיקעל ברויט. איוב האט זיך פון דעם דערוואוסט און ער האט זיך זעהר געערגערט. ער האט איהר אוועקגעשיקט תבואה גענוג צו שפייזען זי און איהרע קינדער א גאנץ יאהר, אבער זי האט ניט אנגענומען, ענטפערענדיג: „איך וועל זיך פערדינגען און פערדיענען מיין ברויט מיט מיינע אייגענע הענט“. זי האט פערלאזען איהרע קינדער און איז יעדען טאג אוועק ארבייטען אין פרעמדע פעלדער. איהר פערדיענסט איז אבער געווען אזוי קליין אז עס האט איהר ניט געגעבען קיין ברויט צו דער זאט.

איוב האָט דאָן פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די פרוי פון דעם פערשטאָרבענעם עני איז זיינע אַ קרובה... ווען די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען דאָס געהערט, האָבען אַלע געזאָגט אַז דער וואָס וועט נעהמען די פרוי פאַר אַ ווייב, וועט ווערען אַ גרויסער יחסן, ווייל ער וועט טיילען דעם כבוד פון אַזאַ מענש ווי איוב! און איינער פון די איינוואוינער האָט טאַקי מיט דער אַלמנה חתונה געהאַט, און אַזוי אַרום האָט זי און איהרע יתומים געפונען אַ גוטע היים און ערנעהרונג פאַר'ן גאַנצען לעבען...

די געשיכטע מיט דער פרוי וועלכע האָט ניט געוואָלט נעהמען קיין צדקה און זיך געשפּייזט פון איהר אייגענער אַרבייט, איז בעקאַנט געוואָרען צווישען אַלע איינוואוינער און האָט געדיענט אַלס אַ מאָראַל פאַר יונג און פאַר אַלט ליעב צו האָבען אַרבייט און האָבען בטחון אין גאָט.

אין יענע צייט זיינען פיעלע מענשען אויסגעשטאָרבען אין דעם לאַנד עוץ, און די צאָהל פון אַלמנות און יתומים איז געווען זעהר גרויס. איוב האָט זיך זעהר מצער געווען, און ער איז געקומען צו די יתומים און האָט זיי געזאָגט:

„גאָט האָט מיך געבענשט און האָט אָנגעפילט מיין הויז מיט אַלעם גוטען, און אויך מיר געגעבען פיעל שאָף און רינדער. דעריבער בעט איך אייך, נעהמט ביי מיר יעדער איינער אַן אַקס מיט אַן אייזעל, און איהר וועט קענען טאָהן אייער אַרבייט אַרום הויז און אין פעלד.“ אָבער אַלע האָבען זיך ענטזאָגט פון איוב'ן עפּעס צו נעהמען.

ווען איוב האָט געזעהן אַז עס איז אויף זייערע פעלדער אפילו ניט געוואַקסען קיין גראָז פאַר דער בהמה, ווייל די פעלדער זיינען בעאַרבייט געוואָרען פאַר פיעלע יאָהרען כסדר אָהן אָפּרוה — האָט ער געזאָגט צו זיינע קנעכט:

„פילט אַן מיינע וואַגענס מיט מיסט. און פאָהרט אוועק אויף די פעלדער פון די יתומים און שפּרייט דאָרט פאַנאַנדער דאָס מיסט; און טאָמער וועלען די אייגענטימער פון די פעלדער אייך וועלען שטערען, זאָלט איהר צו זיי קיין אויפמערקזאַמקייט ניט שענקען, נאָר דורכפיהרען וואָס איך הייס אייך".

איוב'ס פיעלע קנעכט זיינען אוועק און געטאָהן וואָס זייער בעל־הבית האָט זיי געהייסען. אָבער די אייגענטימער פון די פעלדער האָבען זיך ענטקעגנען געשטעלט און זיך גענומען מיט זיי שטאַרק קריעגען, שרייענדיג: „ווער האָט אייך געבעטען איהר זאָלט דאָס טאָהן?!"

איוב'ס קנעכט האָבען זיי, אָבער, ניט געהערט, און זייענדיג שטאַרקער פון זיי האָבען זיי מיט געוואַלד בעמיסטיגט די יתומים'ס פעלדער. אַלע וואָס האָבען דאָס געהערט האָבען זיך זעהר געוואונדערט.

„וואָס איז דאָס געוואָרען — האָבען זיי געפרעגט — מיט איוב'ן דעם צדיק און דעם גאָט'ס־פורכטיגען, וואָס ער האָט גע'גזל'ט פעלדער פון יתומים און אין זיי געבאַלעבאַטעוועט ווי זיי וואָלטען געווען זיינע?"

איוב איז געווען דער ציעל פון לשון־הרע ביי אַלע זיינע בעקאַנטע. און ער איז פיעל געפאַלען אין זייערע אויגען.

די פעלדער וואָס איוב'ס קנעכט האָבען פערבעסערט האָבען גענומען אַרויסגעבען זעהר פיעל תבואה. די יתומים האָבען איינגעזאַמעלט די תבואה און געגעסען צו דער זאַט. די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען דאַן איינגעזעהן אַז זיי האָבען זיך בּאַנאַרישט מיט זייער אורטייל, אַז איוב טהוט שלעכטס די יתומים.

„איצט זיינען מיר איבערציינט — האָבען זיי געזאָגט — אַז נאָר אום אויסצובעסערען זייערע פעלדער און כדי צו

פערבעסערען זייער לאַגע, האָט איוב געטאָהן די דאָזיגע זאַך. גרוים איז איוב און ערהאָבען זיינען זיינע װענגען!".

58

דער פּראָצענטניק

ווען יחזקאל האָט אויף גאָט'ס בעפעהל, לעבעדיג געמאַכט די מתים (די „טרוקענע ביינער") אין טאָהל, און ער איז דורכגעגאַנגען און בעטראַכט אַלע אויפגעלעבטע, זיינען זיינע פּיס פּלוצים פערטשעפּעט געוואָרען אַז אַ טויטען קערפּער. ער האָט זיך אַרונטערגעבויגען און געזעהן, אַז דער קערפּער האָט אויף זיך פלייש, אָדערן, הויט, אָבער קיין לעבען האָט ער ניט. און יחזקאל האָט געפרעגט גאָט:

„אָ, גאָט, האַר פון די נשמות פון אַלע בעשעפענישען! וואָס איז די זינד פון דעם דאָזיגען מענש, וואָס דו האָסט זיין קערפּער ניט לעבעדיג געמאַכט?"

און גאָט האָט געענטפערט יחזקאל'ן:

„דער דאָזיגער טויטער וועט ניט לעבעדיג ווערען, און זיין קערפּער וועט ניט אויפשטעהן — ווייל ער איז אַ וואוכערער געוועזען און גענומען פּראָצענט"....

59

וואָס ושתי האָט געזעהן אין שפּיגעל

דער מלך אחשורוש האָט דורך זיבען דיענער געשיקט זאָגען צו ושתי המלכה, אַז זי זאָל קומען פאַר איהם און פאַר זיינע געסט, אום צו צייגען איהר שעהנקייט.

ווען די זיבען דיענער האבען איהר איבערגעגעבען דעם קעניג׳ס פערלאנג, האט זי אויסגעשריען מיט גרויס כעס:

„געהט צוריק צו אייער קעניג וואס האט אייך געשיקט אהער און זאגט איהם אז ער איז משוגע, און אז אויך זיינע קנעכט און מיניסטארען זיינען ניט ביים זינען. אזא בעפעהל שיקט מען צו דער קעניגין ושתי, די טאכטער פון די מעכ־טיגסטע קעניגע פון בבל? זאל ער געדענקען, אחשורוש, וועלכער איז געווען דער וועכטער פון מיין פאטער׳ס שטאה־לען, ווי עס האט זיך בענומען מיין פאטער בלשאצר וועלכער האט מעהר וויין געטרונקען פון טויזענד מיניסטארען זיינע, און האט זיך דאך ניט אנגע׳שכור׳ט און איז דאך ניט ארונטער פון זינען — זאל ער זיך דאס דערמאנען און ער וועט זיך שעמען פאר זיינע אייגענע רייד און ער וועט אייך ניט מעהר שיקען צו מיר!“

די דיענער זיינען צוריקגעקומען און האבען איבערגעגע־בען דעם קעניג אלץ וואס די קעניגין האט זיי געהייסען.

דער קעניג איז געווארען פול מיט רציחה, און ער האט ווידער אמאל צו איהר אוועקגעשיקט די זיבען דיענער און זיי געהייסען איהר זאגען:

„אויב דו וועסט ניט אויספאלגען מיין בעפעהל און וועסט זיך איינ׳עקשנ׳ען, וועל איך געבען א בעפעהל — און דו וועסט האבען א מיאוס׳ען סוף!“

די דיענער זיינען ווידער צו איהר געקומען און איהר איבערגעגעבען דעם מלך׳ס ווערטער. ושתי האט זיך זעהר דערשראקען, און זי האט איבערגעטראכט:

„דער קעניג איז זעהר שכור, און מיינע ווערטער האבען איהם אריינגעבראכט אין ווילדער רציחה. און אויב איך וועל ניט געהן, וועט ער זיין סטראשונעק דורכפיהרען — איך וועל געהן!“

אלס זי האט אזוי געטראכט, האט זי א קוק געטאהן אין שפּיגעל און דערזעהן אז איהר גאנץ פּנים איז קרעציג גע־ווארען... זי איז זעהר דערשראקען געווארען און איהר גאנצער קערפּער האט זיך געווארפען אין קאנוואולסיעס. זי האט גענומען די אידישע מיידלעך, וועלכע זי האט פערשקלאפּט און זיי געפּייניגט מיט דער שווערסטער ארבייט — טעג און נעכט — און זיי געצוואונגען צו שמירען און וואשען איהר קערפּער מיט אלערליי אוילען און זאלבען. נאך דעם ווי די אידישע מיידלעך האבען איבער איהר געארבייט א לאנגע צייט און זי האט ווידער א קוק געטאהן אין שפּיגעל, האט זי געזעהן אז איהר פּנים איז געווארען העסליכער ווי ביי דעם מיאוס'טען מאן... זי האט דאן געזאגט צו אחשורוש'ס דיענער:

„קערט זיך אום צום קעניג און פרעגט איהם: צו וואס דארף ער דאס?... אויב איך וועל קומען זיך ווייזען פאר זיינע מיניסטארען און אויב איך וועל זיי ניט געפעלען, וועלען זיי זאגען, אז דער קעניג האט זיך פאלש געריהמט מיט זיין פרוי'ס שעהנקייט; און אויב איך וועל זיי יא געפעלען און זיי וועלען ענטציקט ווערען פון מיין שעהנקייט, וועלען זיי מיך גלוסטען און ערמארדען דעם קעניג און מיך אוועקגעבען צו דעם מאן וואס וועט פערנעהמען זיין פּלאץ! עס וואלט דערפאר פיעל בעסער געווען ער זאל זיין פער־לאנג צוריק ציהען!“...

ווען די דיענער האבען גענומען ארויסגעהן פון הויז, האט ושתי צו זיי געזאגט:

„גיט איהם איבער די ווערטער מיינע צארט און געלאסען, און זאל דער קעניג וויסען אז איך האב חרטה אויף די הארטע רייד וואס איך האב דורך אייך צו איהם געערדט פריהער“.

דאס האט שוין אבער ניט געהאלפען. אחשורוש האט

געלאזט ושתי'ן טויטען. און נאכדעם האט מען גענומען זוכען פאר איהם אַ אנדערע אויף ושתי'ס ארט.

—◇—

60
אסתר און הגא

ווען דעם קעניג'ס בעדיענער האבען זיך דערוואוסט, אז מרדכי האט בעהאלטען הדסה'ן אין זיין הויז כדי זי זאל ניט גענומען ווערען צום קעניג, זיינען זיי צו איהם געקומען און האבען געזאגט:

„אויב דו וועסט אונז ניט ארויסגעבען הדסה'ן — וועסטו היינט מיט דיין לעבען בעצאהלען!"

מרדכי האט זיך געשראָקען, און ער האט גענומען הדסה'ן און זי איבערגעגעבען צו הגא'ן, דעם קעניג'ס פרויען־אויפזעהער.

דער קעניג האט ארויסגעגעבען אַ בעפעהל אז מ'זאל פאר איהם ברענגען אלע מיידלעך וואס זיינען צונויפגע־זאמעלט געווארען אין דעם פרויען־הויז פון פאלאץ. ביי יעדען מיידעל וואס איז פאר איהם ערשינען, האט אחשורוש אַ קוק געטאהן אויף ושתי'ס געשטאלט וואס איז געוועזען אויס־געמאהלט אין זיין בעט, און געזאגט:

„דו האסט קיין עהנליכקייט ניט צו ושתי'ן, די שעהנסטע פון די פרויען — געה אהיים, דו ביסט דעם קעניג ניט געפעלען געווארען אז ער זאל דיך מאכען פאר קעניגין אויף ושתי'ס פלאץ!"

און די מיידלעך האבען זיך פערשעהמטע אומגעקערט אהיים צו זייערע עלטערן.

ווען הדסה איז געבראכט געווארען צום קעניג, און ער האט געקוקט ערשט אויף איהר און דערנאך אויף ושתי'ס

געשטאַלט, האָט ער געשטוינט פון איהר שעהנקייט און חן, וואָס ער האָט ניט געזעהן זיין גאַנץ לעבען.

„די שעהנסטע פון אַלע פרויען ביסטו — האָט אחשורוש געזאָגט — ניט הדסה זאָל זיין דיין נאָמען, נאָר אסתר, ווייל ווי דער פרעכטיגער שטערן איסטאהאר שיינט דיין פנים!“

דער קעניג האָט בעפעהלען איהר גיך צו דערלאַנגען איהרע פּערפיומען און מתנות און די זיבען דיענסטמיידלעך, וואָס אַ קעניגין דאַרף קריגען. און הגאַ'ן, דעם פרויען־אויפזעהער, האָט דער קעניג בעפעהלט: „אַלץ וואָס אסתר וועט פון דיר פערלאַנגען זאָלסטו איהר נאָכגעבען!“

ווען אסתר האָט זיך אומגעקעהרט אין דעם פּאַלאַץ פון די מיידלעך, האָט זי זיך געווענדעט צו הגאַ'ן:

„דו האָסט געהערט דעם קעניג'ס בעפעהל, נאָכצוגעבען אַלע מיינע פערלאַנגען, דעריבער בעט איך דיך, ברענג מיר ברויט און וואַסער צום עסען, און זאָלסט ניט וואַגען מיר צו דערלאַנגען די מאכלים און דעם וויין וואָס דער קעניג האָט פאַר מיר בעשטימט!“

„איך האָב מורא פאַר'ן קעניג — האָט זיך הגאַ געבעטען — ער וועט זעהן אַז דיין פנים איז פעראומערט און דו זעהסט אויס ערגער פון די אַנדערע מיידלעך אין דעם „פרויען־הויז“ וועל איך פאַר דעם בעצאָהלען מיט מיין לעבען!“

„האָב קיין מורא ניט! — האָט אסתר איהם בערוהיגט — מיין ליעב וועט צוליעב דעם ניט מאָגערער ווערען און מיין אויסזעהן וועט ניט ווערען ערגער פון דעם אויסזעהן פון די אַלע פרויען, וועלכע עסען דעם קעניג'ס טייערע מאכלים און טרינקען זיינע טייערע וויינען“.

הגאַ האָט ערפילט אסתר'ס פערלאַנג, און זי איז געבליבען די שעהנע, חנ'עוודיגע מיידעל אין די אויגען פון אַלע וואָס האָבען זי געזעהן.

61

מרדכי׳ס אָנזאָג צו אסתר׳ן

יעדען טאָג פלעגט מרדכי ארומשפּאַצירען פאַר דעם הויף פון דער פרויען־הויז, כדי צו ריידען מיט אסתר׳ן און אויסגעפינען וואָס זי מאַכט. איינמאָל האָט מרדכי צו איהר געזאָגט:

„די צייט איז ניט ווייט ווען דער קעניג וועט דיך מאַכען פאַר קעניגין אויף ושתי׳ס פּלאַץ, דעריבער בין איך דיר געקומען אָנזאָגען: זאָלסט ניט אויסזאָגען פון וועלכען פאָלק דו שטאַמסט און ביי וועמען דו ביסט געבארען געוואָרען!“

אסתר האָט זיך זעהר געוואונדערט פון מרדכי׳ס רייד און זי האָט איהם געפרעגט:

„פאַרוואָס הייסטו מיר טהאָן אַזאַ זאַך?“

מרדכי האָט איהר ערקלערט:

„דו ווייסט, אַז דער קעניג איז אין כעס געוואָרען אויף זיין ווייב ושתי און ער האָט זי געלאָזט דער׳הרג׳ענען — און אויב ער וועט אויף דיר אין כעס ווערען, וועט ער אויסגיסען זיין צאָרן אויף אלע אידען, וואָס וואוינען אין זיין קעניגרייך, און ער וועט הייסען זיי אַלעמען אויסראָטען“.

„אויב עס איז אַזוי ווי דו זאָגסט — האָט אסתר געפרעגט — פאַרוואָס זשע האָט דער קעניג ניט אויסגעלאָזען זיין כעס אויך אויף ושתי׳ס פאָלק און זיי קיין שלעכטס ניט געטאָהן?“

„דאָס איז לייכט צו פערשטעהן — האָט מרדכי געענט־פערט — ווען דער קעניג וואָלט באַשליסען צו טאָן אַזאַ זאַך, וואָלט ער געמוזט אוים׳הרג׳ענען זיינע בעסטע מיניסטאָרען און דעם גרעסטען טייל פון זיין אַרמיי; אָבער די אידען זיינען אַ קליינע מינאָריטעט אין זיין לאַנד, און אונז אַלע

אומברענגען אין איין טאָג, וואָלט ביי איהם געווען אַ קינדער־שפּיעל״.

„דו האָסט רעכט, און איך וועל אַזוי טאָהן, ווי דו הייסט מיך. איך וועל פאַרבאָרגען מיין נאָמען און אַפּילו די אידען וועלען ניט וויסען, אַז זייערע אַ שוועסטער געפינט זיך אין קעניג׳ס הויז; און ווען עס וועט אויף זיי קומען אַ צרה, זאָלען זיי זיך ניט פאַרלאָזען אויף מיר, נאָר האָבען בטחון בלויז אין גאָט!״

„געבענשט פון גאָט זאָלסטו מיר זיין, טאָכטער מיינע! — האָט מרדכי געזאָגט — און שטענדיג זאָלסטו געהן אין זיינע וועגען. איצט זיי וויסען, אַז דורכ׳ן אויסבאהאלטען דיין אַפּשטאַמונג וועסטו אויפטאָן אַ גרויסע זאַך פאַר די קינדער פון דיין פאָלק, וועלכע וואוינען אין דיזער מדינה, וואָרים ווען זיי וואָלטען געוואוסט, אַז דו ביסט די פרוי פון דעם קעניג, וואָלטען זיי ביי זיך שטאָלץ געוואָרען און וואָלטען גרינגשעצען די בירגער פון פּרס ומדי, ריהמענדיג זיך: אין אַלע מדינות פון זיין קעניגרייך האָט דער קעניג אַרומגעזוכט אַ פרוי, וואָס זאָל געווינען זיין הארץ, און ער האָט צווישען די פילע פרויען ניט געקענט געפינען איינע אַזאַ ווי אסתר, אַ טאָכטער פון אונזער פאָלק! אויסער דעם וואָלט אויך זיין אַ געפאַהר, אַז ווען דיינע ברידער וועלען זיך שטיצען אויף דיר, וועלען זיי זיך ניט היטען פון דערצערענען זייערע גוי׳אישע שכנים; ווייל אַזוי באַלד, ווי די איינוואוינער פון לאַנד וואָלטען זיי עפּעס שלעכטס טאָן, וואָלסטו געמוזט לויפען צום קעניג איינמאָל און נאָך אַ מאָל בעטען פאַר זיי. אַזוי אַרום וואָלסטו ערנידעריגט זיך און דיין פאָלק אין דעם קעניג׳ס אויגען. איצט אָבער, ווייסען אונזערע אידישע ברידער, אַז זיי געפינען זיך אין אַ פרעמד לאַנד און זיי קענען זיך ניט שטיצען אויף קיין אַנדער זאַך, ווי אויף זייער אָרענטליכקייט און עהרליכקייט״.

62

אסתר'ס זיבען דיענסטמיידלעך

הגי האָט געגעבען אסתר'ן זיבען מיידלעך צו באַדיענען.

„דורך דיזע זיבען מיידלעך — האָט אסתר געזאָגט — וועל איך וויסען ווען עס איז שבת און זיך קענען אויסהיטען פון מחלל שבת זיין. די מיידעל, וואָס וועט מיך באַדיענען זונטאָג, וועל איך רופען „חולתא" — וואָכען; די, וואָס וועט מיך באַדיענען מאָנטאָג, וועל איך רופען „רוקעיתא" — הימעל, דער טאָג, ווען גאָט האָט באַשאַפען דעם הימעל; די, וואָס וועט מיך באַדיענען דינסטאָג, וועל איך רופען „גנוניתא" — גאַרטען, ווייל דעם דריטען טאָג זיינען באַשאַפען געוואָרען די בוימער; די מיטוואָך דיענערין וועט הייסען „נהוריתא" — ליכט, ווייל אין דעם טאָג זיינען באַשאַפען געוואָרען זון און לבנה; די דאָנערשטאָגדיגע — „רוחשיתא", ווייל אין דעם טאָג זיינען די קריכענדיגע חיות באַשאַפען געוואָרען; די פרייטאָגדיגע — „חורפיתא", שאַרפקייט, חכמה — ווייל אין דעם טאָג איז דער מענש באַשאַפען געוואָרען; און די שבת דיענסט וועל איך רופען „רגועיתא" — רוה".

און ווען עס זיינען אריבערגעגאַנגען די זעקס טעג פון דער וואָך און די דיענסט „רגועיתא" איז געקומען צו אסתר'ן, האָט זי געוואוסט, אַז עס איז שבת, און זי האָט יענעם טאָג גערוהט און אריינגעבראַכט די שבת'דיגע הייליגקייט אין איהר הויז. אַזוי האָט אסתר זיך געפיהרט אַלע יאָהרען, וואָס זי האָט זיך געפונען אין קעניג'ס פּאַלאַץ. און אַלע פרויען, וועלכע האָבען געקענט אסתר'ן, האָבען זי בעוואונדערט און געזאָגט:

„אסתר איז ביים קעניג טייערער פון אַלע פרויען פון לאַנד, און ווען זי וואָלט פערלאַנגט פון איהם אפילו טויזענד דיענסטען, וואָלט ער איהר אויך געגעבען, און דאָך ווערט

זי ניט באַדינט יעדען טאָג מעהר ווי פון איינער פון די זיבען דינסטמיידלאַך. וואס דער קעניג האט איהר געגעבען!"

הגי האט די בעוואונדערענדע פרויען געענטפערט:

„שוין פילע יאהרען, ווי איך בין דער אויפזעהער פון דעם קעניג'ס פרויען־הויז, און אזא שטילע, בעשיידענע, גוט־מוטיגע מיידעל, ווי אסתר איז, האב איך נאך ניט געזעהן. דער קעניג האט געטאָהן זעהר קלוג, וואס ער האט זי אויס־דערוועהלט פון אַלע פרויען, ווייל וויסען זאָלט איהר, אז אזא גוטע פרוי איז ניט צו געפינען אין גאַנצען לאַנד".

63

וואס אַ פריינד האָט דערצעהלט המן'ן

דערפאַר וואָס מרדכי האט ניט געוואָלט זיך בוקען צו המנ'ען, איז המן געוואָרען פול מיט צאָרן אויף איהם.

אחשורוש.

המן'ס רציחה איז געוואָרען אַלץ גרעסער, און איהם האט ניט געפּאַסט אויסצולאָזען זיין כעס אויף מרדכי'ן אַליין. ער האט דעריבער גענומען פּלאַנעווען אומצוברענגען אַלע אידען, וואס געפינען זיך אינ'ם גאַנצען קעניגרייך פון אחשורוש'ן.

המן האָט געהאַט אַ בעקאַנטען ביים נאָמען זהרן, און ווען ער האָט זיך פון המנ'ען דערוואוסט וועגען זיין פּלאַן, האָט ער איהם געזאָגט:

„ווען איך הער, ווי דו זאָגסט, אז דו ווילסט אומברייינגען אַלע אידען, דערמאָן איך זיך די מעשה מיט דעם פויגעל, וועלכער איז אין כעס געוואָרען אויפ'ן גרויסען ים און האָט בעשלאָסען איהם אויסצוטריקענען".

„דערצעהל, לאמיר הערען!" האט המן געזאגט.

זהרן האט דערצעהלט:

„דער שטורם־פויגעל האט זיך געמאכט א נעסט ביים ברעג ים און דארט געלעבט און זיך ערנעהרט. איין טאג איז ער אוועקגעפלויגען קריגען שפייז, און ווען ער האט זיך אומגעקעהרט צו דער נעסט, האט ער זי מעהר ניט געפונען, וויל דאס וואסער פון ים האט זי פארפלייצט. דער שטורם־פויגעל איז בייז געווארען אויפ'ן ים און ער האט אויס־געשריען מיט כעס: ווארט! איך וועל דיך אויסטריקענען און דו וועסט מעהר קיינעם קיין שלעכטס ניט טאן! — און אזוי ווי ער האט דאס ארויסגעזאגט האט ער זיך אוועקגע־שטעלט ביים ברעג ים, אנגעפילט זיין מויל מיט וואסער און עס אויסגעשפיגען אויפ'ן זאמד; דאן האט ער גענומען א מויל זאמד און עס אריינגעשפיגען אין ים אריין. אזוי האט ער געטאהן א גאנצען טאג פון אין דער פריה ביז אויף דער נאכט; דער פויגעל האט אפילו צו עסען פארגעסען און זיך זעהר איינגעמידט. ווען ער האט געקוקט אויף דעם פולען וואסער פון ים, האט ער זיך געטראכט: איך האב נאך א גרויסע שטיקעל ארבייט פאר זיך! ארבייטען בלויז בייטאג וועל איך אזוי גיך ניט פארטיג ווערען — איך וועל זיך נעמען ארבייטען אויך ביינאכט! . . . "

אלס דער שטורם־פויגעל איז אזוי געשטאנען פארטיפט אין זיינע געדאנקען, איז פארבייגעפלויגען א צווייטער פויגעל און זיך אוועקגעשטעלט אביסעל אפרוהען. ווען ער האט גע־זעהן דעם שטורם־פויגעל'ס ארבייט, האט ער זיך שטארק געוואונדערט און געפרעגט:

„זאג מיר, ברודער מיינער, צו וואס טוסטו דאס די ארבייט?"

דער שטורם־פויגעל האט דערצעהלט אלץ, וואס דער ים האט איהם אפגעטאן און געזאגט:

„איך וועל פון דעם דאזיגען ארט ניט אוועקגעהן, איך וועל ניט רוהען און זיך ניט צופריעדענשטעלען ביז איך וועל ניט האבען פארוואנדעלט דעם ים אין זאמד, און דאס זאמד אין א ים! . . . “

ווען דער פויגעל האט דאס געהערט, האט ער זיך שטארק צולאכט און אויסגעשריען:

„וועה דיר, דו נארישער שטורם־ פויגעל! האסטו א טראכט געטאן וועגען דעם, וואס דו טוסט? — ווען דו זאלסט אהער צונויפזאמלען אלע באשעפענישען פון דער וועלט צו העלפען, וואלטען זיי אלע מיעד געווארען און דאס וואסער פון ים וואלטען זיי ניט אויסגעטריקענט! . . . “

אויסהערענדיג זהרן'ס געשיכטע, האט המן געזאגט:

„דו רעדס ווי א נאר. איך בין ניט קיין נארישער פויגעל און די אידען זיינען ניט דאס וואסער פון ים. זאל נאר דער קעניג מיט מיר איינשטימען, וועל איך די אידען פארטיליגען און אויסראטען, און עס וועט פון זיי קיין זכר ניט בלייבען!“

64

די חדשים פון יאהר בעטען פאר די אידען

אחשורוש האט זיך געלאזט איבעררײדען פון המנ'ען און האט געהייסען ווארפען גורל אין וועלכען טאג אין חודש מען זאל די אידען אויס'הרג'ענען.

זיינען געקומען די חדשים פון יאהר צום אייבערשטען און געבעטען אז אין זייער צייט זאל דער אונגליק ניט געשעהן

דער חודש ניסן האט זיך געשטעלט פאר גאט און מתפלל געווען:

„א, גוטער גאָט! איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגען מעהר ווי אַלע חדשים פון יאָהר און דו האָסט מיך בעשטימט אַלס דעם ערשטען פון יאָהר ווייל אין מיר זיינען דיינע קינדער אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים — זאָל איצט מיין חן אין דיינע אויגען ניט פערלאָרען ווערען, און טהו דיין פאָלק ישראל קיין שלעכטס ניט, און זאָל די שמחה וואָס זיי פרעהען זיך אין מיר ניט פערוואַנדעלט ווערען אין א טרויער".

און גאָט האָט געענטפערט דעם חודש ניסן: „איך וועל אַזוי טהון ווי דו האָסט געזאָגט".

איז געקומען דער חודש אייר און געזאָגט צו גאָט:

„מיט מיר האָסטו געטהון גרויס חסד און ארונטערגע־לאָזען דיין מן פאַר דעם פאָלק ישראל און זיי דערמיט גע־שפייזט פערציג יאָהר, דעריבער בעט איך ביי דיר, גרויסער גאָט, טהו ווייטער גוטעס צו דיין פאָלק, און זאָל זיי אין מיר קיין אונגליק ניט טרעפען".

און גאָט האָט געענטפערט: „איך האָב געהערט דיין גע־בעט און וועל ערפילען דיין בקשה".

ווען דער מאָנאַט סיון האָט געזעהן, אַז דאָס דערמאָנען גאָט'ס חסדים צום אידישען פאָלק ווירקט, האָט ער אויך מתפלל געווען:

„אין מיר האָסטו געגעבען דיין הייליגע תורה צו די אידען און האָסט זיי געלערנט ווי זיך צו פיהרען און ווי צו לעבען. בעט איך ביי דיר, ליעבער גאָט, זיי מקיים דיינע גוטע רייד וועגען די וואָס היטען דיין תורה: זי איז דער בוים פון לעבען פאַר די וואָס האַלטען זי, און גליקליך זיינען איהרע אונטערשטיצער".

„צוליעב מיין תורה וועל איך דיין בקשה ערפילען."

און תמוז און אב זיינען געקומען, און געוויינט און גע־בעטען:

„שוין גענוג זיינען דיינע קינדער אין אונז געשלאגען געווארען, דעריבער האב דאס מאל רחמנות אויף זיי און זאל זיי מעהר קיין שלעכטס ניט געשעהן!"

„איך וועל ערפילען אייער בקשה" — האט נאט געענט־פערט:

דער מאנאט אלול איז געקומען און געזאגט:

„אין מיר איז פערפערטיגט געווארען די ארבייט איבער דעם מויער, וואס דיינע קינדער האבען אויפגעבויט אין ירושלים דיין הייליגע שטאדט, זאל זיי איצט דער דאזיגער זכות בעשיצען און דו זאלסט זיי פערהיטען פון דעם שונא'ס בייזע מחשבות".

„צוליעב מיין הייליגען טעמפעל וועל איך נאכגעבען דיין פערלאנג."

און תשרי איז געקומען און מתפלל געווען:

„גערענק, א גאט, דיינע קינדער'ס יום כפור, ווען דו רייניגסט זיי פון אלע זייערע זינד, און גערענק דעם יום־טוב סוכות, ווען זיי בענשען און לויבען דיין גרויסען נאמען מיט אן אתרוג און לולב!"

„איך וועל גערענקען מיינע קינדער די צדקות וואס זיי טהון אין תשרי — האט גאט געענטפערט — און איך וועל זיי העלפען און בעשיצען אין דעם מאנאט".

חשון איז געקומען און געזאגט:

„גערענק דיינע קינדער אינ'ם זכות פון דער צדיקות, זייער מאמע שרה, וועלכע איז געשטארבען אין דעם מאנאט, און טהו גוטעס מיט איהרע קינדער פונקט אזוי ווי זי האט גוטעס געטהון מיט יערען וואס האט געבעטען איהר הילף!"

„גוט, — האט גאט געענטפערט — אין שרה'ס זכות, וועל איך די אידען בעשיצען."

דער חודש כסלו איז געקומען און געזאגט צו גאָט:

„אין מיר שטאַרקען זיך דיינע קינדער פאַר זייער לאַנד און זייערע שטעדט, זיי בעניי‌ען זייער הייליגע ארבייט און דאַנקען דיר און לויבען דיין גרויסען נאָמען, דעריבער בעט איך ביי דיר, אַ גאָט, נאָר איינס: זאָל זיי אין מיר קיין אומגליק ניט טרעפען, זאָל כסלו זיין ביי זיי אַ מאָנאַט פון פרייד און גליק!"

„איך וועל ערפילען דיין פערלאַנג" — האָט גאָט געענטפערט.

דער חודש טבת איז געקומען און געזאָגט:

„אין מיר שטעהט אויף דיין קנעכט עזרא צו טהון דיין געבאָט, דעריבער בעט איך ביי דיר, דערבאַרעם זיך אויפ'ן פאָלק ישראל אין דעם זכות פון עזרא הצדיק, און זאָל זיי אין דעם מאָנאַט קיין שלעכטס ניט געשעהן!"

האָט דער אייבערשטער נאָכגעגעבען דעם פערלאַנג פון חודש טבת.

„זאָל זיין ווי דו זאָגסט", האָט דער אייבערשטער געענטפערט.

דער חודש שבט איז געקומען און האָט געזאָגט:

„אין מיר האָבען זיך די אידען פערזאַמעלט צו בעשטראָפען די זינדיגע אין טאָהל און די געצענדיענער — זאָל די דאָזיגע גרויסע טהאָט זיי ביישטעהן און זיי ראַטעווען פון אַלעם שלעכטען דעם מאָנאַט".

ווען אדר איז אַרויפגעגאַנגען אין הימעל אַריין און זיך געשטעלט פאַר גאָט, האָט דער אויבערשטער געפרעגט:

„זאָג מיר, וואָס זיינען די גוטע מעשים וואָס די אידען האָבען אין דיר געטאָהן?"

דער חודש אדר האָט געשוויגען און גאָר ניט געענטפערט, ווייל אין איהם האָבען די אידען ניט געטאָהן איין זאַך וואָס זאָל האָבען געווען בעזונדערס גרויס אין גאָט'ס אויגען.

המן האט פערענדיגט זיין גורל־ווארפען, און ווען דער גורל אומצוברענגען די אידען איז ענדליך געפאלען אויף אדר, האט ער זיך זעהר געפרעהט און אויסגעשריען:

„גוט! אין דעם חודש איז געשטארבען זייער נביא משה! איך וועל דעריבער קענען איינשלינגען די אידען אזוי ליכט ווי עס ווערט איינגעשלונגען א פישעל!"

אין יענער מינוט האבען די מלאכים פון גאט געזאגט:

„אומזיסט איז די פרייד פון המן'ען, דער שונא פון דעם פאלק ישראל, ווייל אין אדר איז משה אויך געבוירען געווארען!"

65

המן מאכט א תליה

טראטצדעם וואס אחשורוש האט שוין ארויסגעגעבען זיין בעפעהל אויסצושלאכטען אלע אידען, האט מרדכי זיך אלץ ניט געבוקט פאר המנ'ען.

המן האט פעררופען זיינע פריינד, זיך צו בעראטהען מיט זיי וואס צו טאהן.

זיין פרוי זרש און די פריינד האבען איהם געראטהען צו מאכען א תליה פאר מרדכי'ן...

ווען המן'ס ראטגעבער זיינען ארוים פון זיין הויז, האט זיין ווייב צו איהם געזאגט:

„געה, לעג זיך שלאפען ווייל עס איז שוין באלד נאך האלבע נאכט!"

„איך וועל ניט שלאפען און וועל ניט רוהען — האט המן געענטפערט זרש'ן — ביז איך וועל מיר האבען געבראכט האלץ העקערס און אייזען־שמיעדס, און די תליה וועט זיין פערטיג."

המן איז גלייך אוועק, געבראַכט אַרבייטער און צו זיי געזאָגט:

„אַט האָט איהר אַ בוים, מאַכט פון איהם אַ תליה און איך וועל אייך גוט בעלוינען. און אויב איהר וועט עס שנעל פערטיג מאַכען און עס וועט זיין גרייט פאַר זונען אויפגאַנג, וועל איך פאַר אייך מאַכען אַ הוליאַנקע און אייך געבען וויין צו טרינקען וויפיעל איהר וועט נאָר וועלען“.

די האַלץ־העקערס און די אייזען־שמיעדס האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט און המן מיט זרש'ן און זייערע זיהן זיינען געשטאַנען נעבען זיי און האָבען זיי אונטערגעטריבען: „שנעל, גיך, מאַכט פערטיג!“ זרש האָט דאָן גענומען אַ פידעל און אַנגעפאַנגען שפּיעלען. איהרע זיהן האָבען גענומען טאַנצען צו דער מוזיק און עס איז אַוועק אַ לאַנגע הוליאַנקע.

ווען די תליה איז פערטיג געוואָרען, האָבען המן, זיין ווייב, און זיהן געהאָלפען די אַרבייטער אַרויסטראָגען די תליה און זי אַוועקשטעלען אויף'ן הויף. המן האָט דאָן צו־געמאָסטען זיך צו דער תליה, צו זעהן אויב זי איז הויך גענוג פאַר מרדכי'ן, ווייל המן איז געוועזען פון דער זעלבער הויך וואָס מרדכי.

אין יענעם מאָמענט האָט זיך געהערט אַ שטימע פון הימעל:

„פאַר דיר, נאָר פאַר דיר איז די דאָזיגע תליה — דו זאָלסט אויף איהר הענגען! . . .“

66

המנ'ס מפּלה

ווען אחשורוש האָט דורך זיין „ספר הזכרונות“ זיך דער־מאָנט ווי מרדכי האָט איינמאָל געראַטעוועט זיין לעבען, האָט ער בעשלאָסען מרדכי'ן צו בעלוינען.

גראָדע איז אָנגעקומען המן בעטען דעם מלך, ער זאָל איהם ערלויבען אויפצוהיינגען מרדכי'ן אויף דער תליה וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר איהם.

„זאָג מיר," האָט איהם אחשורוש געפרעגט, „וואָס זאָל דער מלך טאָהן צו אַ מענשען וועמען ער וויל אַרויסצייגען גרויס כבוד?"

המן האָט זיך געטראַכט אַז דעם גרויסען כבוד וויל דער קעניג אַרויסצייגען איהם, האָט ער געענטפערט:

„צו אַ מענשען וואָס דער קעניג וויל איהם צייגען כבוד, זאָל מען ברייננגען דעם מלבוש וואָס דער מלך האָט געטראָגען, און דעם פערד אויף וועלכען ער האָט געריטען, אין דעם טאָג פון מלכ'ס קרוינונג, און איינער פון דעם קעניג'ס גרוי־סע הארען זאָל אָנטאָהן דעם מענשען וועמען דער קעניג וויל עהרען, און דער האר זאָל איהם פיהרען רייטען אין די גאַ־סען פון שטאָדט און זאָל אויסרופען: אַזוי ווערט געטאָהן צו דעם מאַן וועמען דער קעניג וויל בעעהרען!"

אחשורוש האָט געזאָגט צו המן'ען:

„געה שנעל אין די קעניגליכע שאַץ־קאַמערען און נעהם פון דאָרט אַרויס זיידענע און פורפורנע קליידער, וואָס זיינען בעציערט מיט טייערע פערל און דימאַנטען און וואָס האָבען גאָלדענע גלאָקען און מילגרוימען אַרונטערהענגען אויף אַלע פיער עקען, און נעהם די גרויסע גאָלדענע קרוין וואָס איז פאַר מיר געבראַכט געוואָרען פון מאַקאַדאָניע דעם ערשטען טאָג פון מיין מלוכה, און נעהם אַרויס מיין הוט און מיין פאַנצער וואָס די מורען האָבען מיר געגעבען, און די צוויי פערעלנע קייטען, וועלכע דער קעניג טהוט אָן פאַר בעזונדערע געלעגענהייטען, דערנאָך זאָלסטו אַרויסנעהמען פון דעם קעניג'ס שטאַל מיין פערד „שיפּרעגאַז", אויף וועלכען איך האָב געריטען אין דעם טאָג וואָס די קעניגליכע קרוין איז מיר געגעבען געוואָרען — און זאָלסט אַוועק צו מרדכי'ן און

איהם טאהן די אַלע זאַכען וואָס דו האָסט מיר אויסגערעכענט,
ווייל ער איז דער מאַן, וועמען איך וויל בעעהרען!"

ווען המן האָט דאָס דערהערט, האָט איהם גענומען שווינדלען פאַר די אויגען און זיין גאַנצער קערפּער האָט געטרייסעלט ווי אין פיבער. נאָך אייניגע מינוטען האָט ער זיך געווענדעט צום קעניג:

„זעהר גרויס איז די צאָהל אידען וואָס הייסען מרדכי — ווייס איך דאָך ניט צו וועלכען מרדכי דו שיקסט מיך?"

„געה צו דעם איד מרדכי, וועלכער זיצט אין דעם טויער פון קעניג!" — האָט אחשורוש געענטפערט.

קלאַפּענדיג אַ צאָהן אָן אַ צאָהן און ציטערענדיג מיט הענט און פיס, האָט המן ווידער גענומען שטאַמלען:

„אָה, האַר קעניג! זעהר פיעל זיינען דיינע טויערען, און איך דיין קנעכט ווייס נישט, וואו עס איז דער טויער, אין וועלכען דער איד זיצט".

„געה צו דעם טויער וואָס פיהרט פון דעם פרויען־הויז צום קעניג'ס הויז" — האָט אחשורוש געזאָגט.

„פאַר וואָס פערלאַנגסטו, אַ קעניג, אַזאַ זאַך? — האָט המן געפרעגט — דער מרדכי איז דאָך מיין שונא און אַ שונא פון מיינע עלטערן; זאָל איהם דער קעניג בעסער געבען צעהן טויזענד פונט זילבער וואָס איך וועל אריינטראָגען אין דער קעניגליכער שאַץ־קאַמער, אַבי עס זאָל איהם ניט אויס־געטיילט ווערען דער דאָזיגער גרויסער כבוד!"

„געה און גיב איהם די צעהן טויזענד פונט זילבער וואָס דו האָסט געזאָגט — האָט אחשורוש בעפוילען — איך וועל איהם מאַכען פאַר דעם אייגענטימער פון דיין הויז, און דאָס אַלץ זאָל ער קריגען אַ חוץ דעם גרויסען כבוד וואָס איך האָב בעשלאָסען איהם צו געבען".

המן האָט פאַרטגעזעצט מיט אַ בעטענדער שטימע:

„זאָלען מיינע צעהן זיהן וואָס דער קעניג האָט אויפ־נעצויגען לויפען פאַר דיינע פערד, און זאָל מיין פרוי זיין אַ דיענסט אין קעניג'ס הויז — אָבער זאָל דער איד ניט אַזוי הויך בעעהרט ווערען, ווי עס איז דיין שטרענגער בעפעהל!"

אחשורוש איז בייז געוואָרען פון המן'ס עקשנות, און ער האָט געזאָגט:

„דו און דיינע זיהן און דיין פרוי וועלען ווערען דיענערס ביי מרדכי'ן, און ער זאָל קריגען דעם גאַנצען כבוד".

„אַ, גענעדיגער קעניג — האָט המן ווייטער געבעטען — גערענק ווי געטריי און איבערגעגעבען איך האָב דיך געדיענט, נעהם אין אַכט מיינע גרויסע לייסטונגען פאַר דיין מלוכה און ערלויב מיר צו זאָגען:

„מרדכי איז איינער פון די אָרימע פון פאָלק, און דער כבוד און רעספּעקט וואָס דו ווילסט איהם היינט אַרויס־ציינען וועט ביי איהם ניט זיין אַזוי שטאַרק אָנגעלייגט; בעסער היים מרדכי'ן מאַכען פאַר דעם הויפּט פון איינער פון דיינע שטעדט, און דאָס וועט ביי איהם זיין מעהר חשוב ווי די אַלע זאַכען וואָס דו ווילסט פאַר איהם טהון".

„גוט! — האָט דער קעניג געזאָגט — איך וועל איהם מאַכען פאַר דעם גובערנאַטאָר איבער אַלע מיינע מדינות, אַלע מיינע אונטערטאַהנען וועלען איהם מוזען געהאָרכען, אָבער דער כבוד זאָל איהם אויסגעטיילט ווערען!"

„זיי ניט בייז אויף מיר, האַר קעניג — האָט המן געזאָגט — און הער מיך נאָך אויס וואָס איך האָב צו זאָגען: דעם קעניג'ס נאָמען און מיין נאָמען זיינען בערהמט אין אַלע דיינע מדינות — זעץ־זשע מיך אַרונטער פון מיין אַמט און בעשטים דעם איד אויף מיין פּלאַץ, און דאַן וועט דעם קעניג'ס נאָמען און דעם איד'ס נאָמען קלינגען אין אַלע

דיינע לענדער — אבער גיב איהם ניט דאס מאל דעם דאזיגען גרוסען כבוד!"

„דער מענש וואס האט גערעדט גוטעס אויפ'ן קעניג און איהם גערעטעט פון טויט איז מיר זעהר ליעב — האט אחשורוש געענטפערט — איך וועל איהם גרויס מאכען און איהם דערהויבען אזוי אז דאס גאנצע לאנד וועט פון איהם וויסען. און דאס וועט זיין א צו־גאב צו דעם גרויסען כבוד וואס וועט איהם היינט אויסגעטיילט ווערען!"

אבער המן האט נאך אלץ ניט אויפגעגעבען און ער האט ווייטער גערעדט:

„צירקולארען און בריעף זיינען שוין פונאנדער געשיקט געווארען אין אלע מדינות פון קעניג צו פערניכטען מרדכי'ס פאלק — וועל איך די דאזיגע צירקולארען און בריעף צוריק־ציהען — אבער זאל דער קעניג ד א ד מיר ארויסציינען עטוואס איינזעהן און צוריקציהען זיין בעשלוס וועגען דעם גרויסען כבוד פאר דעם איד!"

אחשורוש האט אין אן אויפגערעגטער שטימע גע־ענטפערט:

„אלץ וואס דו האסט ביז איצט דערמאנט זאל פאר מרדכי'ן געטאהן ווערען, און אלץ וואס איך האב געזאגט זאל פינקטליך דורכגעפיהרט ווערען, איין זאך זאל ניט פעהלען! און יעצט הער שוין אויף ריידען וועגען דעם און געה שנעל, ערלעדיג אלץ וואס איך האב דיר געהייסען!"

און צו חרבונה און די ערשטע קעניגליכע מיניסטארען האט אחשורוש געזאגט:

„איהר געהט־מיט מיט המן'ען און ניט אכטונג אויף אלץ וואס ער טוט, אז ער זאל קיין זאך ניט פערפעהלען פון דעם וואס איך האב איהם געהייסען!"

המן האט געזעהן אז עס איז שוין גאר ניטא וואס צו ריידען, האט ער זיך געבוקט צום קעניג און איז אוועק דורכפיהרען דעם קעניג'ס בעפעהל.

67
די ליעבע פון א אידישע פרוי
— 1 —

אין ירושלים האט געוואוינט א מאן מיט'ן נאמען יונדב. ער איז געווען א גוטער עהרליכער מענש און א גרויסער בעל צדקה. יונדב האט צוגעזעהן ווי הורדוס פלאגט און דריקט די אידען, און ער איז אוועק צו איהם און געזאגט:

„אויב דער קעניג וועט מיר ערלויבען, וועל איך איהם געבען א גוטע עצה ווי צו געווינען דאס הארץ פון גאנצען פאלק, איהם ליעב צו האבען און זיין געהארכזאם".

„לאמיר הערען די עצה" — האט הורדוס געזאגט.

„מיין עצה איז — האט יונדב געענטפערט — אז דו זאלסט פיהרען דיין מלוכה מיט גערעכטיגקייט און זיך בעציהען צו די אידען מיט ליעבע און איינזעהן — נאר דאן וועסטו געליעבט און געאכטעט ווערען".

די דאזיגע ווערטער האבען הורדוס'ן זעהר דערצערנט און ער האט יונדב'ן ארויסגעטריבען. פון יענעם טאג אן האט הורדוס כסדר זיך געטשעפעט צו יונדב'ן און פערביטערט זיין לעבען. דאס האט געצוואונגען יונדב'ן צו פערלאזען ירושלים, און ער איז אוועק וואוינען אויף זיין לאנד אין לבנון. ער האט דארט בעארבייט זיינע פעלדער און וויינגערטנער, און די תבואה וואס איז איהם געבליבען איבער זיינע פאמיליע־בעדערפנישען, האט ער אנגעלאדען אויף זיינע קעמלען און אוועקגעשיקט נאך ירושלים פאר די ארימע לייט.

מיט א צייט שפעטער איז יונדב'ס ווייב געשטארבען.

ער און זיין טאכטער זמירה האבען זי בעוויינט און זי בעערדיגט אין דעם גארטען נעבען זייער הויז. ארום איהר קבר האבען זיי אויפגעשטעלט אן "אוהל", און זמירה פלעגט דארט קומען יעדען טאג מתפלל זיין צו גאט.

איינמאל ווען זמירה איז געשטאנען נעבען איהר מוטער'ס קבר און געבעטען, האט זי דערהערט טריט הינטער זיך. אומקוקענדיג זיך האט זי געזעהן א יונגען מאן שטעהענדיג ביים טיהר פון הויז. אן זיינע לאנגע האר האט זי דערקענט אז ער איז א נזיר. און זי האט איהם געפרעגט:

„ווער ביסטו און וואס ווילסטו דא?"

„טו מיט מיר א חסד — האט דער מאן געענטפערט — און ערלויב מיר זיך אויסצובעהאלטען אויף אט־דעם ארט, וויל הורדוס האט ארויסגעשיקט זיינע ברוטאלע קנעכט צו פערפאלגען די נזירים און זיי אומברענגען; איך און מיינע חברים זיינען אנטלאפען און געלעגען בעהאלטען אין לבנון שוין דריי טעג. אבער היינט אין דער פריה האבען מיר געהערט דעם קול פון א טראמפייט און מיר האבען בעגריפען אז אונזערע נאכיאגער זיינען אנגעקומען אין לבנון. מיר האבען זיך פונאנדערגעשיידט איינער פון צווייטען און אוועק שטילערהייד זוכען ערגיץ א בעהעלטעניש. דעריבער בין איך געקומען אין דעם דאזיגען גארטען אריין, זיך צו בעהאלטען אין דעם געצעלט (אוהל) פון קבר".

ווען זמירה האט דאס געהערט איז זי שטארק געריהרט געווארען און זי האט געזאגט צום נזיר:

„בלייב דא ביז די נאכיאגער וועלען ארויס פון לבנון, און איך וועל צוגרייטען שפייז פאר דיר און דיינע חברים אין וועג אריין".

אין אווענד האט זי געבראכט צום בעהאלטענעם נזיר א גאנצען געפעק מיט שפייז און אויך געלט, און ארונטערנעהמענדיג דעם בראסלעט פון איהר האנט האט זי איהם געזאגט:

„נעהם צו דאס אלץ און געה אוועק מיט דיינע חברים— זאל גאט זיין מיט אייך און אייך אפהיטען פון אלעם שלעכטען".

דער נזיר האט צוגענומען וואס זמירה האט איהם גע־געבען, זי געבענשט און איז אוועק.

—2—

יונדב האט געהאט א פריינד אין חברון וואס האט גע־הייסען עוזיאל. אין א בריעף צו יונדב'ן האט עוזיאל געשריבען:

„איך האב געהערט אז דיין טאכטער זמירה איז א קלוגע און גאטס־פארכטיגע מיידעל. דעריבער דענק איך אז זי איז פאסיג צו ווערען די פרוי פון מיין זוהן אבינדב, וועלכער איז אויך א גוטער און קלוגער יונגערמאן, א געלעהרטער און אן אפגעהיטענער. אויב מיין פארשלאג געפעלט דיר, ענטפער מיר אין א בריעף דורך דעם מאן וואס ברענגט דיר מיין בריעף. איך וועל אוועקגעבען מיין זוהן פיעל פון דעם רייכטום און גוטעס מיט וועלכע גאט האט מיך געבענשט און איך וועל קומען צו דיר מיט מיין פרוי נאך לבנון, און מיר וועלען ביי דיר אין הויז פייערען א חתונה זיבען טעג, און דאן וועלען מיר זיך אומקערען אהיים".

איבערלעזענדיג דעם בריעף פון זיין יוגענד פריינד עוזיאל, האט יונדב זיך געטראכט: "ווי ריכטיג זיינען די ווערטער פון דעם קליגסטען פון אלע מענשען: באלד פון דער יוגענד קען מען דערקענען דעם מענשען אויב ער איז ריין און ארענטליך. פיער יאהר איז עוזיאל'ס זוהן אבינדב אלט געווען און ער האט אוועקגעגעבען זיין ברויט צו ארימע לייט. און איך האב מיר באלד דאמאלס געטראכט, אז גאט האט בעשאנקען דאס קינד מיט א ריין הארץ—איצט זעה איך אז עס איז טאקי אזוי: אבינדב איז א גוטער קלוגער יונגערמאן, אן אפגעהיטענער און גאטס־פארכטיגער".

יונדב האָטגעענטפערט אויף עוזיאל׳ס בריעף דאָס פאָל־גענדע:

„איך וועל טהון ווי דו פערלאַנגסט. ברענג אהער דיין זוהן אבינדב, און איך וועל איהם אוועקגעבען מיין טאָכטער זמירה פאַר א פרוי״.

נאָך דריי חדשים, ווען יונדב און זיין טאָכטער זיינען געזעסען אין זייער זומער־פּלאַץ, האָט איינער פון די קנעכט געמאָלדען יונדב׳ן, אַז אַ יונגערמאַן פון חברון איז געקומען און ער וויל איהם זעהן. ער האָט איהם געהייסען אריינקומען, און דער יונגערמאַן האָט געזאָגט: „איך בין אבינדב, דער זוהן פון אייער יוגענד פריינד עוזיאל״.

יונדב איז איהם געפאַלען אויף׳ן האַלז, איהם געקושט, און געפרעגט וועגען זיין פאָטער. אבינדב האָט דערצעהלט:

„מיט צוויי חדשים צוריק איז מיין פאָטער ערנסט קראַנק געוואָרען. ווען ער האָט געזעהן אַז דער סוף איז נאָהענט, האָט ער מיך אריינגערופען און געזאָגט: מיין זוהן, איך געה שטאַרבען — פערקויף אונזער הויז, די פעלדער און וויינגערטנער, און נאָך מיין טויט זאָלסטו נעהמען דיין מאַמע און אוועק נאָך לבנון צו מיין פריינד יונדב; זאָלסט חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער און דאָרט זיך בעזעצען. נאָכדעם ווי ער האָט דאָס מיר איבערגעגעבען האָט ער אויסגעהויכט זיין אָטהעם. מיין פאָטער׳ס טויט האָט פערשאַפען מיין מאַמע שווערען צער, און זי איז פון ערגערניש געשטאָרבען נאָך איידער די „שבעה״־טעג זיינען פאַראיבער״.

יונדב איז געווען טיעף געריהרט פון דער נייעס און ער האָט געוויינט נאָך זיין פריינד יענעם גאַנצען טאָג און די גאַנצע נאַכט.

צומאָרגענס האָבען אבינדב׳ס קנעכט געבראַכט זיין גאַנצען פערמעגען אין יונדב׳ס הויז אריין. אבינדב איז צו זיי אַרויס און האָט געזאָגט:

„איהר האָט געדיענט מיין פאָטער פיעלע יאָהרען געטריי און איבערגעגעבען, דערפאַר בעפריי איך אייך היינט פון אייער קנעכטשאַפט און איהר קענט זיך געהן וואוהין איהר ווילט“. אבינדב האָט געגעבען יעדען איינעם פון זיי אַז אייזעל און געלט און זיי אַוועקגעשיקט מיט אַ ברכה.

יונדב איז געוועזן זעהר איבעררעשט פון אבינדב'ס רייכ־טום, זעהענדיגדאָס גאָלד און זילבער און דימאַנטען וואָס ער האָט אויסגעפּאַקט, און ער האָט געזאָגט:

„איצט זעה איך, אַז גאָט האָט געבענשט דיין פאָטער מיט אַלעם גוטען און איהם בעשאָנקען מיט גרויסער עשירות; און איך האָב שטענדיג געמיינט אַז ער פערמאָגט ניט מעהר ווי אַ שטיקעל פעלד מיט אַ גאָרטען!....“

אבינדב האָט גאָר ניט געענטפערט; ער איז אַרומגע־גאַנגען אַ גאַנצען טאָג אַ פערטרויערטער און ניט געגעסען. יונדב האָט פערשטאַנען, אַז דאָס טרויערט אבינדב נאָך זיין פערשטאָרבענעם פאָטער.

נאָך זיבען טעג האָט יונדב צוזאַמענגערופען אַלע זיינע פריינד און בעקאַנטע צו אַ גרויסער סעודה, און זמירה איז געוואָרען די פרוי פון אבינדב'ן.

—3—

ווען עס זיינען פאַראיבער די זיבען חתונה טעג (שבעת ימי המשתה) האָבען יונדב און זייער טאָכטער זמירה בעמערקט, אַז אבינדב געהט נאָך אַלץ אַרום אַ פערטרויערטער. אויף זייער פראַגע וואָס איהם איז, האָט אבינדב געענטפערט מיט אַ זיפץ:

„קימערט זיך ניט וועגען דעם און זאָרגט זיך ניט איבער מיר, איך פיהל מיך בלויז אביסעל קראַנק און עס וועט פאַראיבער!“

יונדב און זמירה האָבען זיך פון דעם זעהר געערגערט און זיי האָבען זיך בעמיהט איהם צו פערשאַפען פערגעניגען

און איהם אויפמונטערען, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען, ער איז געבליבען דער זעלבער פערטרויערטער. זמירה פלעגט קומען יעדען טאָג אין אבינדב'ס צימער און ביי איהם זעהן רויטע אויגען פון געוויין. איינמאָל, ווען זי האָט געפרעגט די אורזאך פון זיין שטענדיגען טרויער און געוויין, האָט אבינדב געענטפערט נאָך אַ טיעפען אָפזיפצען:

„אויב דו ווילסט זיין גוט צו מיר, הער־אויף מיך אויס־פרעגען און אויספאָרשען, ווייל עס איז ניט פאַראַן אַמענש אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל איהם קענען דערצעהלען אַלץ וואָס איז אין מיין הארץ“.

ווען זמירה האָט עס דערצעהלט איהר פאָטער, האָט ער געזאָגט אַז אבינדב רעדט ווי אַן אָפגעשראָקענער פון בייזע גייסטער. ער האָט צו איהם גערופען דאָקטוירים, וועלכע האָבען איהם געגעבען פערשיעדענע רפואות, אָבער עס האָט איהם ניט געהאָלפען. אבינדב איז געבליבען דער זעלבער נידערשלאָגענער און אימער־פערכמאַרעטער מענש ווי ער איז געווען. ער פלעגט פאַסטען דריי מאָל אין וואָך, אויסטיילען געלד די אָרימע לייט און אויסלייזען קנעכט פון זייערע בעלי בתים. ער האָט פריינעלאָזען אַלע קנעכט פון זיין שווער יונדב, בעצאָהלענדיג איהם פאַר זיי אַ דאָפּעלטען פרייז. אַ גאַנצען טאָג האָט ער מתפלל געווען צו גאָט און איז ניט אַרויס פון זיין צימער, אויסער ווען ער איז גערופען געוואָרען צום טיש עסען.

ווען יונדב האָט צוגעזעהן די גוטע מעשים פון זיין איידים האָט ער געזאָגט צו זמירה'ן:

„טרייסט זיך, מיין טאָכטער, דערמיט וואָס גאָט האָט דיר געגעבען אַ מאַן, וואָס קען דיענען אַלס מוסטער צווישען אונז מיט זיין צדקות און פרומקייט“.

צום יאָהר האָט זמירה געבאָרען אַ זוהן. לכבוד דעם ברית פון אייניקעל האָט יונדב געמאַכט אַ גרויסע סעודה און צוזאַמענגערופען זיין גאַנצע משפחה צו דער שמחה.

נאָכדעם ווי מען האָט מל געווען דאָס קינד און אַלע געסט זיינען צוגעגאַנגען צו אבינדב'ן איהם ווינשען, האָט אבינדב גענומען זיך שטאַרק טרייסלען און וואַרפען און אויף זיך צוריסען די קליידער... די געסט האָבען זיך זעהר דער־שראָקען, און זיי האָבען פערזוכט איהם צו בערוהיגען און טרייסטען, אָבער ער האָט פערשלאָסען הינטער זיך די טיהר, און געשריען מיט ביטערע יאָמערליכע קולות. די שמחה איז פערשטערט געוואָרען, און אַלע געסט זיינען אַוועק אַהיים שרעקליך ענטוישט פון דעם וואָס זיי האָבען בייגעוואוינט אין יונדב'ס הויז.

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אבינדב פאַרגעזעצט זיינע גוטע מעשים: ער איז געקומען איבעראַל וואו ער האָט נאָר געוואוסט אַז דאָרט אַרבייטען קנעכט, האָט בעצאָהלט זייער פרייז און האָט זיי פריינעלאָזען. ער איז אַזוי אָרום זעהר פעראָרימט געוואָרען, און פון זיין גאַנצען פערמעגען וואָס ער האָט געבראַכט אין טאָג פון זיין חתונה איז איהם מעהר ניט געבליבען ווי די קופערטען, אין וועלכע דאָס גאָלד און זילבער איז אַמאָל געלעגען.

איינמאָל אין אַ אָווענד ווען יונדב, זמירה און אבינדב זיינען געזעסען מיט אַ גרופּע פריינד און געגעסען און זיך צוגעהערט צו די קולות פון די לייבען, לעמפּערטען און וועלף מיט וועלכע דער וואַלד לבנון איז געווען פול, איז איינער פון די דיענער אריינגעקומען און האָט געזאָגט:

„אַ מחנה בעוואָפענטע סאָלדאַטען האָבען בעלאַגערט דאָס הויז!“

די אַנוועזענדע זיינען זעהר ערשטוינט געבליבען, און געפרעגט:

„ווי קומען סאלדאטען צו יונדב׳ן? וואסערע פרעטענ־זיעס קען דער קעניג צו איהם האבען?...“

און אזוי ווי זיי האבען אויסגעדריקט זייער בעוואונדע־רונג איינער צום צווייטען — איז די טיהר האסטיג געעפענט געווארען, און אז אפיצער מיט צעהן סאלדאטען מיט גע־צויגענע שווערדען זיינען אריין אין הויז. דער אפיצער האט זיך געווענדעט צו יונדב׳ן:

„דער קעניג האט מיך געשיקט ארעסטירען דיין איידים און איהם ברענגען א לעבעדיגען אדער א טויטען, ווייל ער איז צום טויט פעראורטיילט!“

יונדב איז געבליבען א פערציטערטער פון די ווערטער און ער האט געזאגט:

„ניט אנדערש ווי דו מאכסט א טעות, הערר אפיצער. עס קאן דאך ניט זיין, אז מיין איידים וואס טוט אזוי פיעל צדקה און וואס צו זיין גוטסקייט איז גאר קיין גלייכען ניטא זאל פערדיענען דעם טויט?!“

און נאך איידער יונדב האט פערענדיגט ריידען, איז אבינדב צוגעגאנגען צו דעם אפיצער און האט געזאגט: „איך בין דער מאן וואס דו זוכסט! — איך בין גרייט געבונ־דען צו ווערען אין די קייטען וואס דו האסט פאר מיר גע־בראכט“.

ווען זמירה האט דאס געזעהן איז זי געפאלען אין חלשות.

נאכדעם ווי זי איז אבגעמינטערט געווארען, האט אבינדב זיך געבעטען ביי דעם אפיצער:

„איך בעט ביי דיר, ערלויב מיר כאטש איינמאל צו קושען מיין איינציגען זוהן איידער איך געה אוועק“.

„איך ערלויב דיר — האט דער אפיצער געענטפערט — איך בין אויך א טאטע פון קינדער“.

אבינדב האט געקושט זיין קינד און געוויינט, און אלע אנוועזענדע האבען מיט איהם מיטגעוויינט...

אבינדב איז ארייגגעזעצט געווארען אין וואגען און גע־בראכט געווארען נאך ירושלים, וואו ער איז פערשפארט גע־ווארען אין דער תפיסה פון קעניגליכע ארעסטאנטען.

4.

צומארגענס אין דער פריה איז יונדב אוועקגעריטען אויף זיין אייזעל נאך ירושלים. נאכפרעגענדיג זיך אין שטאדט האט מען איהם דערצעהלט, אז זיין איידעם אבינדב האט פאר א לאנגער צייט בעלאנגט צו א באנדע באנדיטען און מער־דער, און אז ער איז ארומגעזוכט געווארען אין אלע עקען פון לאנד ביז מ'האט איהם געפונען אין זיין, יונדב'ס, הויז.

„איצט וועט דיין איידעם גע'משפט ווערען פאר די סנהדרין — האבען מענשען איהם געזאגט — און ער וועט געהן אויף דער תליה!“

די נייעס האט יונדב'ן שרעקליך מצער געווען, און די שאנדע האט צובראכען זיין הארץ. ער האט זיך שנעל אומגעקעהרט אהיים, דערצעהלט זיין טאכטער אלץ, און צו איהר געזאגט:

„פערגעס, מיין טאכטער, אז דיין מאן, מעק־אפ זיין זכרון פון דיין הארץ, און פערשילט דעם טאג ווען דו האסט מיט איהם חתונה געהאט!“

„רעד ניט אזוי, מיין פאטער! — האט זמירה געענט־פערט — איך וועל נישט גלויבען אין מיין מאנ'ס שלעכט־קייט און אין זיינע זינד, אפילו ווען איך וועל עס הערען פון זיין אייגען מויל. ניט אזא עהרליכער, פרומער מענש ווי ער וועט בעגעהן א פערברעכען און פערגיסען אונשולדיג בלוט! זאל זיין וואס עס וויל — איך וועל דיך פערלאזען, טייערער פאטער, וועל נעהמען מיין קינד און אוועק נאך ירושלים. דארט וועל איך פאלען דעם קעניג צו די פיס

און וועל ביי איהם בעטען פאר מיין אונשולדיגען מאן! ווער קען זאגען — אפשר וועט גאט ערוועקען רחמנות פאר מיר ביים קעניג, און ער וועט בעפרייען אבינדב׳ן פון תפיסה, און מיר וועלען נאך זיין גליקליך!"

די דאזיגע ווערטער פון זיין טאכטער האבען זעהר פער־ביטערט יונדב׳ס לעבען, און ער איז פון ערגערניש קראנק געווארען און איז געשטארבען.

ווען די טרויער־טעג זיינען פאראיבער, האט זמירה גע־נומען איהר זוהן און איז מיט איהם אוועק נאך ירושלים. דאס איז געווען יום־טוב צייט, ווען טויזענדער אידען מיט זייערע זיהן און טעכטער האבען „עולה רגל" געווען נאך ירושלים צו גאטעס־דיענסט אין דער הייליגער שטאדט. די גאסען האבען געטומעלט מיט מענשהייט און אלע זיינען געווען פרעהליך און לוסטיג — בלויז זמירה אליין איז ארומ־געגאנגען איבער די גאסען און האט געוויינט. אן אלטער מאן האט זי בעגעגענט און געפרעגט:

„וואס איז דיר, מיין קינד, וואס וויינסטו?"

ווען זמירה האט איהם דערצעהלט וועגען איהר אומגליק, האט דער אלטער מאן צו איהר געזאגט:

„דענק ניט, אז אנקומען צום קעניג און מיט איהם ריידען איז אזא לייכטע זאך. דעריבער דענק איך, אז דאס בעסטע וואלט געווען, אז דו זאלסט ווארטען ביז דעם טאג פון „שמחת בית השואבה", ווען דער קעניג פאהרט אין זיין קארעטע צום בית המקדש. און דאן זאלסט זיך אוועקשטעלען אין מיטען וועג און זיך אנידערווארפען אויף דער ערד פון זיין קארעטע. ער וועט הייסען דעם טרייבער זיך אבשטעלען, און דאן זאלסטו צו איהם צוגעהן און איהם דערצעהלען וואס עס טהוט זיך אין דיין הארץ."

זמירה האט בעדאנקט דעם אלטען מאן פאר זיין עצה און געזאגט אז זי וועט אלץ טאהן ווי ער הייסט איהר.

„קום אהיים מיט מיר — האט דער זקן ווייטער געזאגט צו זמירה׳ן — און אין מיין הויז קענסטו פערבלייבען ביז דעם טאג ווען דו וועסט זיך אומקעהרען אין דיין היים“.

זמירה איז מיט איהם מיטגעגאנגען און האט זיך בעזעצט מיט איהר קינד ביים אלטען אין הויז.

און דער טאג ווען דער קעניג איז געפאהרען צום בית המקדש איז געקומען. דעם קעניג׳ס קנעכט און משרתים זיינען ארוים און אבגערייניגט דעם וועג, האבען אויסגע־שפרייט טייערע דיוואנען און אוועקגעשטעלט פרעכטיגע זיי־לען פון ביידע זייטען. ווען די אייגענטימער פון די הייזער אויף יענע גאסען האבען געזעהן, אז עס ווערען שוין גע־מאכט הכנות פאר דעם קעניג׳ס דורכפאהרען, האבען זיי געעפענט זייערע פענסטער און ארויסגעהאנגען שעהנע פאה־נען און באנערם מיט אויפשריפטען וואס האבען בעגריסט און געבענשט דעם קעניג. ווען דאס פאלק האט זיך פער־זאמעלט אויפ׳ן גאס צו זעהן דעם קעניג פערבייפאהרען, האט זמירה שנעל גענומען איהר קינד און זיך אוועקגע־שטעלט ביים וועג. און ווען זי האט געהערט דאס שאלען פון דער מאסע האט זי געוואוסט, אז דער קעניג קומט אן — האט זי זיך דורכגעריסען צווישען דער מאסע און זיך גע־שטעלט אין פראנט פון דעם קעניג׳ס קארעטע. זי האט זיך איינגעבויגען אויף איהרע קניהען און אוועקגעלעגט דאס קינד נעבען די פארדערשטע פים פון די פערד. די קארעטע האט זיך אפגעשטעלט. דער קעניג האט געזעהן אן אונגליק־ליכע פרוי קניהט פאר איהם. האט ער אויף איהר רחמנות גע־קראגען און געפרעגט:

„וואס איז דיר, מיין טאכטער?“

זמירה האט געענטפערט מיט א וויינענדיג קול:

„דיינע קנעכט האבען גענומען מיין עהרליכען גוטען מאן, אבינדב דער זוהן פון עוזיאל פון חברון, און איהם גע־

בונדען און פערשפארט אין תפיסה און באלד וועלען זיי איהם אויפהענגען!"

„עס טוהט מיר זעהר לייד, אונגליקליכע פרוי, — האט דער קעניג געענטפערט זמירה'ן — אבער איך קען דיר ניט העלפען. דיין מאנ'ס פערברעכען איז פעסטגעשטעלט געווארען, און ער האט דיך פערפיהרט מיט ליגענס, און דיר דערצעהלט אז ער איז עוזיאל'ס זוהן פון חברון. זיי וויסען, אז ניט אבינדב הייסט דיין מאן, נור רעמיה בן־יקטן; ער איז צוגעשטאנען צו א באנדע פערברעכער און מיט זיי צוזאמען גערויבט און געמארדעט!.."

זמירה האט ניט געלאזט הורדוס'ן ענדיגען זיינע ווערטער, און זי האט אפעלירט:

„טו מיר א געפעלינקייט, א האר קעניג, און בעפעהל דיינע קנעכט, זיי זאלען מיך לאזען אריינקומען אין תפיסה זעהן מיין מאן און צו איהם ריידען און איהם טרייסטען אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען!..."

„דיין פערלאנג זאל ערפילט ווערען!" — האט דער קעניג געענטפערט. — זמירה האט זיך אפגעקירעוועט פון וועג און דעם קעניג'ס קארעטע איז אוועקגעפאהרען.

.5

צומארגענס, אום יום טוב, איז זמירה געקומען אין דער תפיסה, און דער אויפזעהער האט זי אריינגעפיהרט צו איהר מאן. ווען זי האט איהם דערזעהן האט זי געבראכען די הענט און זיך היסטעריש צעוויינט. איהר מאן האט צו איהר גערעדט:

„פערגעס מיך, זמירה, דו טייערסטע פון פרויען, פערלאז מיך. איך האב דיר שלעכטס געטאהן, דיך בעשווינדעלט און בעטראגען, איך האב געבראכט אונגליק און אייביגע שאנדע אויף דיר און דיין פאמיליע!"

„איך וועל דיך ניט פערלאָזען און וועל דיך ניט פער־געסען — האָט זמירה געזאָגט — דו ביזט מיין מאַן, דער ער־אָבערער פון מיין יוגענד, מיין זעעלע איז צו דיר צוגע־בונדען, און נאָר דער טויט קען אונז צושיידען!“

דער מאַן האָט זעהר געוויינט ווען זמירה האָט דאָס צו איהם געזאָגט און ער האָט אויסגעשריען:

„אַה, ווען דו וואָלסט געוואוסט פון מיינע שלעכטע מעשים, די פערברעכענס וואָס איך בין בעגאַנגען, וואָלסטו מיך פערעקעלט, וואָלסט מיר אין פנים געשפּיגען און מיך אויף אייביג פערלאָזען!“

זמירה האָט איהם געענטפערט:

„דו ביזט מיין מאַן און דיר געהער מיין גאַנץ לעבען, קיין אונטערשייד צו ביסטו אַ צדיק און געטאָהן לויטער גוטס, אָדער דו ביזט אַ רשע און האָסט געטאָהן לויטער שלעכטס“.

אַלס זמירה האָט דאָס געזאָגט, איז זי געפאַלען איהר מאַן אויפ'ן האַלדז און געוויינט אַזוי לאַנג ביז זי האָט מעהר קיין כח ניט געהאַט צו וויינען.

איהר יללה איז אין דרויסען אויפ'ן גאַס געהערט גע־וואָרען און מענשען זיינען געקומען צולויפען אויפ'ן הויף פון דער תפיסה און זיך נאָכגעפרעגט ביים אויפזעהער ווע־גען דער האַרצרייסענדען געוויין פון דער פרוי. דעם אויפ־זעהער'ס ענטפער וועגען זמירה'ס אונגליק האָט אַלע נאָכ־פרעגער טיעף גערירט און זיי זיינען פון דאָרט אַרויס מיט האַרצוועהטאָג און שווערע זיפצען.

ווען זמירה האָט אויפגעהערט וויינען, האָט איהר מאַן צו איהר געזאָגט:

„הער אויס, זמירה, מיין לעבענס־געשיכטע, וואָס איך האָב אָבגעטאָהן אין דער קורצער צייט פון מיין לעבען, און זאָל דיר דאָס דיענען פאַר אַ מאָראַל, צו ערציהען אונזער

זוהן אין גאָטס-פאַרכטיגקייט און אין ליעבע צו גוטעס און צו עהרליכקייט — און זיין סוף וועט זיין אַ בעסערער ווי דער פון זיין פאָטער, וועלכער ווערט אומגעבראַכט פאר זיינע אייגענע זינד".

„לאָמיך הערען" — האָט זמירה געזאָגט.

און ער האָט אָנגעפאַנגען:

„פופצעהן יאָהר בין איך אַלט געווען ווען עס איז מיר געשטאָרבען מיין מוטער, וועלכע האָט מיך שטאַרק ליעב געהאַט און האָט מיך געהאָדעוועט און ערצויגען אין פרומקייט און עהרליכקייט. מיין פאָטער איז געווען אַן אַפּיצער און ער איז ווייניג געווען אין דער היים. ער האָט מיך דערפאַר איינגאַנצען איבערגעגעבען אין מיין מוטער'ס הענט, אויף מיר אַכטונג צו געבען און מיך ערציהען אין גלייכען וועג. נאָך מיין מוטער'ס טויט, האָט מיין פאָטער חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער פרוי, וועלכע האָט מיך פיינט געהאַט, מיך געשאָלטען און געפייניגט און פערביטערט מיין לעבען. דאָס האָט מיך געטריבען אין דער חבר'שאַפט פון אנדערע יונגען פונקט אַזעלכע יתומים ווי איך, וועמען עס איז פונקט אַזוי ווי מיר ענג געוואָרען אין הויז פון זייערע עלטערען. איך האָב זיך מיט זיי בעפריינדעט, איך האָב פערלאָזען מיין פאָטער'ס הויז. אַן מיין פאָטער האָב איך זיך דערמאָנט נאָר דאַן, ווען דאָס געלט איז מיר אויסגעגאַנגען. מיין פאָטער'ס פרוי האָט ביי איהם אויף מיר אָנגערעדט, אַז איך בין אַן אויסגעלאַסענער, אַ זולל-וסובא, און אַז איך חבר זיך מיט שלעכטע יונגען. מיין פאָטער פלעגט מיך שלאָגען מכות רצח און מיר אָנזאָגען, איך זאָל מעהר ניט וואַגען געהן מיט די חברים, וועלכע איך האָב אַזוי ליעב געקראָגען. „אויב דו וועסט מיך ניט פאָלגען — האָט ער געזאָגט — און דו וועסט ווייטער מיט זיי אַרומגעהן, וועל איך

דיך ארויסטרייבען פון מיין הויז און דו וועסט מעהר ניט טאהרען אריינקומען אהער!"

„איך האב פאר מיין פאטער זעהר מורא געהאט. דער־ריבער האב איך פערלאזען מיינע חברים און בין געזעסען א גאנצען טאג אין הויז, ניט ארויסגעהענדיג אין ערגעץ. איך בין נאך מעהר פער'מיאוס'ט געווארען אין די אויגען פון מיין פאטער'ס פרוי. זי האט אויף מיר אויסגעטראכט א בלבול און געזאגט צו מיין פאטער: „דאס לעבען איז מיר שוין מיאוס געווארען פון דיין שלעכטען זוהן! אויב דו וועסט איהם ניט ארויסשיקען פון הויז, אז ער זאל מיך מעהר ניט קענען פערפאלגען — וועל איך מוזען אוועק!" מיין פאטער איז געווארען אין כעס און האט מיך ארויס־געטריבען פון הויז. איך בין אוועק צו מיינע חברים און זיי האבען צו מיר אזוי געזאגט: „עס זיינען איצט פאראן א סך אזעלכע וואס קימערען זיך נישט אין דעם קעניג'ס בעפעהלען און זיין ארדנונג, געהען ארום פון שטאדט און לאקערען אין בעהעלטענישען אויף די פערבייגעהער און נעה־מען־צו זייער פערמעגען... לאמיר אויך ארום און זיך אנ־שליסען אן די דאזיגע באנדעס, זיי מיטהעלפען און זיך טיילען מיט דעם רויב."

„ווען איך האב צו זייער פארשלאג ניט געוואלט איינ־שטימען, זיינען זיי פון מיר אוועקגעגאנגען און איך בין אליין געבליבען אין שטאדט. ערשט ווען דער הונגער האט מיך גענומען פייניגען, האב איך אויך פערלאזען די שטאדט, גע־גאנגען איבער פעלדער און וועלדער ביז איך האב געפונען מיינע חברים. זיי האבען זיך דערפרעהט מיט מיר און זיי האבען מיר געוויזען אלץ וואס זיי האבען אנגערויבט אין פערלויף פון דער צייט. די זאך איז מיר געפעלען... איך בין צו זיי צוגעשטאנען און געווארען איינער פון זיי. איך בין פיעל פערברעכענס בעגאנגען און אין א קורצער צייט האב

איך ביי מיינע חברים אזוי שטארק אויסגענומען, אז זיי האבען מיך געמאכט פאר דעם „עלטסטען" איבער זיי. איך האב זיך פערקליידעט, געלאזט וואקסען די האר אזוי, אז איך האב אויסגעזעהן ווי א נזיר. איך פלעג אויסשפּיאנירען הייזער, שטעדט און בערפער און מענשען האבען זיך פאר מיר נישט געהיט, בעטראכטענדיג מיך פאר א גאטס-פורכ־טיגען נזיר. צוריקקומענדיג פלעג איך דערצעהלען מיינע חברים אלץ וואס איך האב געזעהן, און מיר פלעגען בע־פאלען פריעדליכע איינוואוינער און צונעהמען זייערע פער־מעגענס..."

„איינמאל בין איך אנגעקומען אין דיין פאטער׳ס הויף, ווייל מ׳האט מיר געזאגט, אז זיין הויז איז פול מיט גאלד און זילבער. איך האב דיך געטראפען אין דעם „אוהל" פון דיין מוטער׳ס קבר, וואו דו ביזט געשטאנען און האסט מתפלל געווען. איך האב דיר דערצעהלט א ליגען, אז הורדוס פערפאלגט מיך און מיינע חברים דערפאר וואס מיר זיינען נזירים — און דו האסט זיך אויף מיר דערבארימט און מיר אוועקגעגעבען דיינע בראסלעטען, און אויך שפּייז אויפ׳ן וועג האסטו מיר מיטגעגעבען און מיר געגעבען דיין ברכה. איך האב דאמאלס געשוואוירען, אז דיר און דיין הויז-געזינט זאל קיין שלעכטס ניט פאסירען. ווען איך בין געזעסען אין מיין בעהעלטעניש, איז איינער פון מיינע חברים צו מיר געקו־מען און האט מיר דערצעהלט, אז א רייכער מאן, וועמעס קעמלען עס זיינען אנגעלאדען מיט גאלד און זילבער און אנדערע טייערע חפצים, פאהרט דורך דעם לבנון אויף זיין וועג צו יונדב׳ס הויז. איך בין גלייך אוועק אהין מיט מיינע חברים, מיר זיינען בעפאלען דעם מאן און די מענשען וואס זיינען געווען מיט איהם און האבען גע׳גזל׳ט זייער פערמעגען. איך האב געפרעגט דעם מאן ווער ער איז און וואוהין ער האט געוואלט געהן, און ער האט מיר דערצעהלט, אז ער מיט

זיין פרוי און זוהן געהען צו יונדבין פון לבנון אויף דער חתונה פון זיין זוהן מיט יונדבים טאָכטער זמירה. דאָס האָט מיך זעהר געערגערט און איך האָב מקנא געווען דעם חתן, וואָס גאָט האָט איהם בעשערט אַזאַ טייערע און גוטהערציגע פרוי ווי דו. איך האָב גענומען איהם מיט זיין פאָטער און מוטער און אַלע זייערע קנעכט און זיי אוועקגעפיהרט צו די פלשתים און זיי דאָרט פערקויפט פאַר אייביגע קנעכט. איך האָב זיך דאַן אומגעקעהרט אין מיין הייהל אַריין און געזאָגט צו מיינע חברים: „פון היינט אָן און ווייטער, וועל איך מעהר ניט זיין קיין וואַלד־רויבער, און איך קעהר זיך צוריק צו מיין משפחה וועלכע איך האָב פערלאָזען. איך האָב זיך צוטיילט מיט מיינע חברים דעם גאַנצען רויב אונזערען און זיך מיט זיי אָבגערעכענט. איך בין געקומען אין דיין פאָטערס הויז און האָב איהם דערצעהלט, אַז איך בין אבינדב דער זוהן פון עוזיאל פון חברון, און איך האָב חתונה געהאַט מיט דיר. ווען איך האָב צוגעזעהען דיין פאָטערים גוטע מעשים און געהערט זיינע קלוגע רייד, האָט מיך מיין גע־וויסען גענומען פלאָגען פאַר וואָס איך האָב פערקויפט אבינדבין און עוזיאלין פאַר קנעכט, און איך האָב בעשלאָסען תשובה צו טאָהן מיט׳ן גאַנצען הארצען און בעטען גאָט ער זאָל מיר מוחל זיין אויף מיינע שווערע זינד. איך האָב גע־פאַסט, זיך געפייניגט און געוויינט און געבעטען; איך האָב געשטיצט אָרימע לייט, האָב פרייגעלאָזען קנעכט און זיי אויסגעטהיילט פון דעם וואָס איך האָב פערמאָגט. אָבער גרויס זיינען געווען מיינע זינד, און איך בין געשטראָפט געוואָרען מיט שווערע ווייטאָגען אויף מיין געלעגער און בייזע חלומות און געדאַנקען האָבען מיך פערפאָלגט. האָב איך אויפגעוואַכט פון מיין שלאָף אַ לעבעדיגער, האָב איך געבעטען אויפ׳ן טויט... און איצט איז געקוממען מיין שטראָף טאָג; מען האָט מיך געכאַפט און פערשפאַרט אין דער דאָ־

זינגער תפיסה. מען האט מיך געמשפט פאר מיינע זינד און מיך פעראורטהיילט צו דער תליה...

„דעריבער בעט איך דיך, זמירה, דו אונגליקליכע פרוי, קעהר זיך אב פון מיר, ווייל איך האב בעטראגען דיך און דיין פאטער און דיין קינד וואס דו האסט מיר געבארען — מיינע זינד זיינען אזוי שווער, אז אפילו דער טויט וועט מיר אויף זיי נישט פערגעבען...“

.6

ווען זמירה האט אויסגעהערט איהר מאנ׳ס געשיכטע, האט זי איהם געטרייסט און געזאגט:

„האלט זיך ניט פאר קיין רשע און זאג ניט, אז דו האסט פערלוירען די האפנונג ביי גאט דעם דערבארעמדיגען און פערגיביגען! אפילו ווען די שווערד ליגט שוין דעם מענשען אויפ׳ן האלז דארף ער זיך נישט מיאש זיין, און נאך אלץ בעטען צו גאט, ער זאל זיך איבער איהם מרחם זיין!“

די דאזיגע ווערטער האבען איהם געשטארקט און ער האט געזאגט:

„ווען איך וואלט וויסען, אז עוזיאל און זיין פאטער לעבען נאך, וואלט איך אנטלאפען פון תפיסה; כ׳וואלט זיי ארומגעזוכט איבער דער גאנצער וועלט, און זיך אוועקגעגעבען פאר א קנעכט אויף זייער פלאץ!“

„א, ניין! — האט זמירה געענטפערט — ווען גאט וואלט אונז געטאהן דעם נס און דיך פרייגעלאזען פון דער דאזיגער תפיסה, וואלט איך זיך פון דיר ניט געשיידט, כ׳וואלט מיט דיר מיטגעגאנגען און זיך פערקויפט פאר א דיענסט אויפ׳ן פלאץ פון אבינדב׳ס מוטער“.

אלס זמירה האט ארויסגערעדט די דאזיגע ווערטער, איז אריינגעקומען דער אויפזעהער פון תפיסה און צו איהר געזאגט:

„פערלאַז, דו אונגליקליכע, דיין מאַן, ווייל באַלד מוז ער אַרויסגעפיהרט ווערען צו דער תליה!“

ווען זמירה האָט דאָס געהערט, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַזאַ אונגעהויערען געשריי, וואָס איז ניט געהערט געוואָרען ווי לאַנג די וועלט שטעהט; גאַנץ ארץ־ישראל איז אויפ־געטרייסעלט געוואָרען און זיך געוואַקעלט... די תפיסה איז איינגעפאַלען... אַ שרעק און אימה איז בעפאַלען די וועכ־טער און זיי זיינען אַנטלאָפען.

אין דעם טומעל האָט רעמיה, זמירה'ס מאַן, אָנגעכאַפּט זיין ווייב פאַר דער האַנד און געזאָגט: „קום, לאָמיר אַנט־לויפען פון דאַנען!“

רעמיה און זמירה זיינען אַנטלאָפען און זיי זיינען גע־גאַנגען דריי טעג און דריי נעכט ביז זיי זיינען אָנגעקומען נאָך לבנון. דעם קעניג'ס חיל האָט זיי ניט נאָכגעיאָגט, ווייל דאָס טרייסלען פון דער ערד האָט אַנגעוואָרפען אַ פחד אויף אַלע איינוואוינער און איינגעוואָרפען פיעלע הייזער. דאָס גאַנצע לאַנד האָט אין דעם געזעהן דעם צאָרן פון גאָט. ווען דער שטורם איז איינגעשטילט געוואָרען האָבען די קלוגע געפרעגט: „צוליעב וואָס האָט געציטערט די ערד?“ און זיי האָבען געענטפערט: „צוליעב דעם קנעכט הורדוס וואָס קעניגט...“ אָבער אַלע מענשען וואָס האָבען געהערט דעם ריעזיגען געשריי פון זמירה'ן, און וואָס האָבען געוואוסט איהר געשיכטע, האָבען געזאָגט: פון דעם געשריי פון דער אונגליקליכער פרוי, וועלכע איז זעהר צוגעבונדען צו איהר מאַן, האָט די ערד אויפגעציטערט און זיך פון אָרט גע־ריהרט...

* * *

ווען רעמיה איז אַרומגעגאַנגען זוכען עוזיאל'ן און זיין פאָטער, האָט איהם בעגעגענט איינער פון די קנעכט, וועלכען

רעמיה האָט געהאַט אויסגעליִיזט פון זיין האר און איהם בעפרייט. דער קנעכט האָט צו איהם געזאָגט:

„זיי מיר געגריסט, דו גנעדיגער מענש!“

„ווער ביסטו?“ — האָט רעמיה געפרעגט.

„דו האָסט דיך אויף מיר דערבאַרימט און מיך בעפרייט — האָט דער קנעכט געענטפערט — דו האָסט מיר געגעבען געלד און שפייז. איך האָב מיר געקויפט אַ קליינע פאַרם, און נאָט האָט געבענשט מיין אַרבייט, און פון אַלץ וואָס איך האָב פערזעעט איז אַרויסגעוואַקסען הונדערט מאָל אַזוי פיעל. איך האָב פערקויפט מיין תבואה און מיר געקויפט אַ גרויסע נחלה, וואָס איז פול מיט אַלעם גוטען.“

רעמיה האָט זיך זעהר דערפרעהט, און דערצעהלט דעם קנעכט, אַז ער זוכט עוזיאלין און זיין פאָטער פון חברון, וועלכע אַרבייטען אין דעם לאַנד פון די פלשתים, און אַז ער קען ניט רוהען ביז ער וועט זיי געפינען.

„ביי מיר געפינען זיך צוויי דיענער פונים לאַנד פון די פלשתים — האָט דער קנעכט געזאָגט — פרעג זיך אָן ביי זיי, אפשר קענען זיי דיר זאָגען.“

רעמיה האָט זיי אויסגעפרעגט, און די דיענער האָבען געענטפערט:

„יענע מענשען אַרביימען אין גת!“

רעמיה איז שנעל אוועק צו זיין פרוי און האָט איהר וועגען אַלץ דערצעהלט. זמירה האָט גלייך פערקויפט די נחלה וואָס זי האָט געקראָגען אַלס ירושה פון איהר פאָטער, און זי האָט גענומען דאָס געלד און איז אוועק מיט רעמיה׳ן נאָך גת אויסצולייזען אבינדבין און זיין פאָטער. עס האָט זיי, אָבער, אויסגעפעהלט זיבעציג שקלים צו דעם פרייז וואָס די בעלי בתים האָבען פון זיי געפאָדערט. צוליעב דעם האָט רעמיה זיך פערדונגען פאַר אַ קנעכט און געאַרבייט ביי זיין בעל הבית דעם פלשתי אַ יאָהר מיט דריי חדשים. ווען די

דאַזיגע צייט האָט זיך געענדיגט — און רעמיה איז בעפרייט געוואָרען, האָט ער זיך אומגעקעהרט מיט זיין פרוי און זוהן נאָך ירושלים. דאָרט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבען און ניט איבערגעלאָזט קיין יורש. רעמיה האָט דאַן איבערגענומען זיין פאָטער'ס הייזער און לענדערייען און זיי פערקויפט און אוועקגעגעבען דאָס געלד צו אבינדב'ן און זיין פאָטער. מיט אַ ריהרענדען געוויין און געבעט האָט ער צו זיי געזאָגט:

„אַ, זייט מיר מוחל פאַר די גרויסע זינד, וואָס איך בין נעגען אייך בעגאַנגען!“

שטאַרק געריהרט פון זיינע חרטה־ווערטער, האָבען זיי איהם מוחל געווען און איהם אומגעקעהרט אַ געוויסע סומע פון דעם געלד וואָס ער האָט זיי געגעבען.

„מיט דעם געלד — האָבען זיי צו איהם געזאָגט — זאָלסטו דיר קויפען אַ הויז און אַ פעלד און זיך ערנעהרען מיט דיין פאַמיליע“.

רעמיה האָט אַזוי געטאָהן און זיך בעזעצט אין איינעם פון די דערפער. ער האָט בעאַרבייט זיין פעלד און זיך מפרנס געווען בכבוד, און אַלע אידען האָבען צו דער משפחה בעצויגען מיט ליעבע און אכטונג.

—◇—

68

יהודית

1.

די שטאָדט בתול, איינע פון די שטעדט פון יהודה, איז בעלאַגערט געוואָרען פון אליפאַרניאוס' חילות. ווען די איינגענומען זייערע ברונימער און וואַסער־קוואַלען. ווען די אידישע איינוואוינער פון בתול האָבען געזעהן, אַז דאָס ביסעל וואַסער וואָס געפינט זיך נאָך אין זייער שטאָדט,

לאזט זיך אויס, האבען זיי גענומען מעסטען אויף א מאס דאס וואסער וואס זיי האבען צווישען זיך אויסגעטיילט.

פרויען און קינדער זיינען געלעגען פער׳חלש׳טע אויף די גאסען און ביי די טויערען פון שטאדט, ניט האַ־בענדיג מעהר קיין כח אויף די פיס צו שטעהן. דאס גאנצע פאלק, יונג און אלט, האט זיך פערזאמעלט ביי עוזיה׳ן, דעם הויפט פון שטאדט, און זיי האבען געשריען צו איהם און זיינע פיהרער:

„זאל גאט משפט׳ן צווישען אונז און אייך פאר דעם אונגליק וואס איהר האט אויף אונז געבראכט און ניט גע־וואלט איבערגעבען די שטאדט צו אליפארניוס׳ן און זיינע חילות. איצט זעהט: מיר האבען פערלוירען יעדע האפ־נונג און גאט האט אונז איבערגעגעבען אין די הענט פון שונא אונז אומצוברענגען דורך הונגער און דורשט. לאמיר בעסער רופען אליפארניוס׳ן און איהם איבערגעבען די שטאדט צו רויב, ווייל עס איז אונז פיעל בעסער בעראבעוועט צו ווערען און זיין קנעכט, איידער אויסצושטארבען פון דורשט!“

די גאנצע מאסע האט זיך היסטעריש צעוויינט, און אלע האבען געשריען און געבעטען צו גאט.

עוזיה, דער הויפט פון שטאדט, איז ערשינען פאר די פערזאמעלטע און ער האט געזאגט:

„הערט מיך, מיינע ברידער און גאט וועט אונז העל־פען:ווארט נאך פינף טעג, אפשר וועט זיך גאט דערבאַ־רימען און ער וועט לאזען וויסען אונזערע ברידער אז מיר געפינען זיך אין א צרה און זיי וועלען קומען אונז העלפען. איך האב געפלאנעוועט צו שיקען אין געהיים שלוחים צו אונזערע מלחמה־ערפאהרענע ברידער און זיי לאזען וויסען וועגען אלץ וואס ס׳האט מיט אונז פאסירט. כ׳האב אבער אויסגעפונען, אז אליפארנאס׳ חילות האבען פערשטעלט

אונזערע װענען און מ׳קען ניט, ניט ארויס און ניט אריין. דעריבער בעט איך ביי אייך, ברידער מיינע, װארט־צו נאך פינף טעג און דאן אז מיר װעלען זעהן אז עס קומט ניט קיין הילף, װעלען מיר טאהן אזוי װי איהר זאגט: מיר װעלען עפענען די שטאדט און זי איבערגעבען אין די הענט פון אונזערע שונאים; איצט געהט אהיים און האפט און בעט אויף גאט׳ס הילף, װייל גאט איז דערבארעמדיג און ער ענטפערט אלע װאס רופען צו איהם״.

אין יענע צייטען האט אין דער שטאדט בתול גע־װאוינט אן אלמנה, װעלכע האט געהייסען יהודית, די טאכ־טער פון יוחנן כהן גדול. איהר מאן האט געהייסען מנשה, װעלכער איז געװען פון איהר משפחה. ער איז געשטארבען פון א זונען־שלאג אין שניט־צייט אין מיטען דער ארבייט אין פעלד. יהודית האט געטרויערט נאך איהר מאן דריי יאהר מיט פיער חדשים. זי האט זיך געמאכט א קליין צי־מעריל אויפ׳ן בוידעם פון איהר הויז און איז דארט געזעסען די גאנצע צייט אנגעטאהן אין א זאק. זי האט געפאסט יעדען טאג אין דער װאך אויסער שבתים און ימים טובים.

יהודית איז געװען זעהר א שעהנע פרוי. איהר מאן האט איהר איבערגעלאזען פיעל געלד און זילבער, קנעכט און דיענסטען, און פיעלע הייזער און לאנד. זי איז געגאנגען אין גאט׳ס װעגען און האט געגעבען פון איהר רייכטהום א סך צדקה.

װען יהודית האט געהערט װי דאס פאלק בעקלאגט זיך פאר עוזיה׳ן װעגען דעם װאסער־מאנגעל, און די שבועה װאס ער האט זיי געגעבען, איבערצוגעבען די שטאדט צו אלי־פארניוס׳ן אין פינף טעג ארום, האט זי זיך זעהר מצער גע־װען. זי איז אװעק צו עוזיה׳ן און צו די עלטסטע פון שטאדט און האט געזאגט:

„ווער זייט איהר דאָס, וואָס איהר שטעלט גאָט צו פּראָבע — און אויב איהר וועט ניט געהאָלפען ווערען אין פינפטען טאָג, גיט איהר איבער די שטאָדט צום שונא? זינדיגט ניט, מיינע ברידער און דערצאָרענט ניט גאָט! ווען אפילו ער זאָל אונז ניט העלפען אין פינף טעג — איז פאַר איהם שווער אונז צו ראַטעווען אין אַן אַנדערען טאָג, וואָס ער וועט אַליין אויסקלייבען? דעריבער זאָג איך אייך: לאָמיר איין מינוט ניט פערצווייפלען, און לאָמיר וואַרטען אויף גאָט׳ס הילף, וואָס וועט זיכער קומען — אָבער לאָמיר זיך ניט איינגעגעבענווילינג איבערגעבען אין די הענט פון אונזערע שונאים, אונז אָוועקצופיהרען אַלס קנעכט און דיענסטען און פערלעצען אונזער עהרע — ווייל איידער א לעבען פון שקלאַפעריי און דערנידעריגונג איז שוין בעסער דער טויט!“

„געדעכט ביסטו, מיין טאָכטער — האָט עוזיה געענטפערט יהודית׳ן — ניטאָ אין דיינע רייד איין קרום וואָרט. וואָס האָב איך, אָבער, געקענט טאָהן, ווען דאָס פאָלק וואָס געהט אוים פאַר דורשט האָט זיך אַרום מיר פערזאַמעלט און פון מיר געפאָדערט דאָס וואָס איך האָב זיי צוגעזאָגט. איך האָב זיי מיין שבועה געגעבען און קען זי ניט ברעכען! און דו, גאָטספאָרכטיגע פרוי, בעט גאָט פאַר אונזערטוועגען ער זאָל אונז געבען וואַסער אָנצופילען אונזערע ברונימער, אום מיר זאָלען ניט אומקומען פון דורשט. אָליפאַרנאַס האָט געהייסען פערבאַפען די וואַסער־קוואַלען וואָס געהען אַריין אין שטאָדט אַריין פון הינטער די בערג — און אויב גאָט וועט אונז ניט געבען רעגען פון הימעל, וועלען מיר שטאַרבען פון דורשט.“

יהודית האָט דאַן געזאָגט צו עוזיה׳ן אַזוי:

„איהר שטעהט היינט ביי־נאַכט ביים טויער פון דער שטאָדט, און איך מיט מיין דיענסט וועלען אַרויסגעהן אין דעם לאַגער פון שונא און דאָרט טהון אַ זאַך וואָס איך

האָב אויסגעפּלאַנט. איך האָף צו גאָט, אַז דאָס וועט מיר געלינגען, און מיר וועלען געהאָלפען ווערען...“

ווען עוזיה און די זקנים האָבען געהערט יהודית׳ס ווערטער, האָבען זיי זיך שטאַרק געוואונדערט און געוואָלט זי אויספרעגען. יהודית האָט אָבער דעם געשפּרעך אָפּגעהאַקט און געזאָגט:

„איך וועל טאָהן ווי איך האָב געפּלאַנט, און איהר פרעגט מיך ניט קיין פראַגען, ווייל איך וועל אייך גאָר ניט דערצעהלען ביז גאָט וועט האָבען איבערגעגעבען אליפאַרנאָס׳ן אין מיין האַנט.“

„געה און זיי מצליח — האָבען עוזיה און די זקנים געזאָגט — און זאָל גאָט דיר העלפען נקמה נעהמען אַן אונזערע פיינד.“

און עס איז געווען אין דער שטונדע ווען מען האָט אין ירושלים מקריב געווען דעם אָווענד־קרבן, האָט יהודית זיך אָנגעטאָהן אַ זאַק, האָט געשאָטען אַש אויף איהר קאָפּ, און זי האָט מתפּלל געווען: „אָ גאָט פון ישראל! שטאַרק מיך און גיב מיר מוטה דורכצופיהרען וואָס איך טראַכט, צו העלפען דיין פאָלק, דיין הייליגע שטאָדט ירושלים און דעם בית המקדש. גיב־איבער דעם שונא און אכזר אליפאַרנאָס אין מיינע הענט, און זאָלען אַלע מענשליכע בעשעפּענישען וויסען, אַז עס איז פאַר דיר קיין שטערונג ניט פאַראַן צו העלפען מיט פיעל אָדער ווענינ. ביי דיר איז די ישועה און די אויגען פון אַלע אידען זיינען צו דיר געווענדעט. זאָלען זיך די מענשען מעהר ניט שטיצען אויף דער שפּיז און די פייל־און־בויגען. זאָלען זיי וויסען און אַנערקענען, אַז אַזאַ גאָט ווי דו איז ניטאָ און אַז אונפערגלייכליך זיינען דיינע מעשים! אַז דו בעפרייסט די געפאַנגענע און העלפסט די געפאַלענע, און דו הערסט דאָס געבעט פון אַלע וואָס רופען צו דיר!“

ווען יהודית האָט פערענדיגט איהר תפלה, איז זי אַרונ־טערגענאַנגען אין איהר הויז, וואו זי פלעגט זיצען שבתים און ימים טובים, האָט אויסגעטאָהן איהר זאַק און איהרע אַלמנה־קליידער. זי האָט געוואַשען איהר קערפּער אין וואַסער און טייערע איילען און אָנגעטאָהן איהרע שעהנסטע קליידער, וואָס זי פלעגט טראָגען ווען איהר מאַן האָט געלעבט — און דאַן איהרע בראַסלעטען, נאַז־באַנד און רינגען און איהר גאַנצע צירונג אַזוי אַז זי האָט אויסגעזעהן ווי אַן אמת'ע קעניגען. זי האָט דאַן גענומען עטליכע קריגלאַך מיט וויין, מילך און אויל, ווי אויך מעהל, ברויט און פייגען, זיי גע־געבען איהר דיענסט צום טראָגען, און זיי זיינען אַוועקגע־גאַנגען צום טויער פון שטאָדט. דאָרט האָט זי בעגעגענט עחיה'ן און די זקנים, וועלכע האָבען צו איהר געזאָגט:

„זאָל דער גאָט פון די אָבות דיר געבען חן אין די אוי־גען פון אַלע וואָס וועלען דיך זעהן, און ער זאָל בעגליקען דיין וועג, אַזוי אַז דיינע טהאַטען זאָלען זיין אַ כבוד און אַ הילף פאַר דעם אידישען פאָלק און ירושלים". די זקנים האָבען זיך געבוקט צו גאָט — און יהודית האָט געזאָגט:

„עפענט מיר דאָס טויער פון שטאָדט און לאָזט מיך אַרויס דורכפיהרען וואָס איך האָב בעשלאָסען."

די וועכטער האָבען געעפענט דאָס טויער און יהודית מיט איהר דיענסט זיינען אַרויס. די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען איהר נאָכגעקוקט ביז זי איז אַרונטער פון באַרג אין טהאָל אַריין, און זיי האָבען זי מעהר ניט געקענט זעהן.

.2

ווען יהודית איז דורכגעגאַנגען דעם טהאָל האָבען זי בעגעגענט אַליפאַרנאָס'עס מענשען און זי געפרעגט:

„ווער ביסטו, פון וואַנען קומסטו און וואוהין געהסטו?"

יהודית האָט געענטפערט:

„איך בין אַ אידין, און ווען איך האָב געזעהן, אַז מיין פאָלק פאַלט אריין צו אייך אין די הענט, בין איך אַנט־לאָפען. איצט ערלויבט מיר צו קומען צו אייער גענעראל, און איך וועל איהם ציינען אַ וועג, ווי אַזוי ער קען שנעל ערֹאָבערען דאָס גאַנצע לאַנד, און עס זאָל פון זיין אַרמעע ניט פאַלען אפילו איינער.״

ווען אליפּאַרנאַס׳ מענשען האָבען געהערט איהרע רייד האָבען זיי זי אין זייער האַרץ פערדאַמט פאַר דעם פעררעט וואָס זי בעגעהט געגען איהרע אייגענע ברידער, אָבער אין זייערע רייד האָבען זיי איהר אַרויסגעוויזען כבוד און גע־זאָגט:

„דיין לעבען האָסטו געראַטעוועט דערמיט וואָס דו ביזט שנעל געקומען צו אונזער גענעראל! ער איז אַ גוטער און פערגיבינער. ערשיין פאַר איהם און זאָג איהם, ווי די שטאָדט קען איינגענומען ווערען, און ער וועט דיר דערפאַר אָפּדינען און דו וועסט זיין די גליקליכסטע צווישען די פרויען.״

עס איז גלייך געמעלדעט געוואָרען אליפּאַרנאַס׳ן, אַז אַ פרוי איז אַנטלאָפען פון בתול, און אַז זי וויל מיט איהם ריידען. ער האָט צו איהר אַרויסגעשיקט זיינע דיענער, און זיי האָבען זי אַוועקגעפיהרט צו דער טיהר פון זיין צימער. אליפּאַרנאַס איז נאָך געלעגען אויף זיין בעט אונטער אַ פורפורנער דעק, וואָס איז געווען בעפּוצט מיט אַלערליי טייערע שטיינער. ער איז אויפגעשטאַנען און איהר אַנטקעגען געגאַנגען און די דיענער האָבען נאָכגעטראָגען פאַקעלען צו בעלייכטען דעם וועג אין דער פינסטערניש.

ווען יהודית האָט געזעהן אַז אליפּאַרנאַס קומט אָן, איז זי געפאַלען אויף די קניהען און איהם בעגריסט. אליפּאַרנאַס האָט זי געהייסען אויפהויבען און צו איהר געזאָגט:

„שטארק זיך, מיין טאכטער, האב קיין מורא ניט! דערצעהל מיר, פאר וואס ביסטו אנטלאפען, און ווענען וואס ווילסטו מיט מיר ריידען?“

יהודית האט געענטפערט:

„די ליידען פון מיין פאלק איז זעהר גרויס, זיי האבען קיין וואסער ניט צום טרינקען, און באלד וועט זיך ביי זיי אויך דאס ברויט אויסלאזען, און זיי פלאנען שוין אויסצו־הרגע'ענען אלע בהמות און עסען אלע אומווירדיגע זאכען; דעריבער, ווען זיי אלע זינדיגען געגען גאט און איהם דער־צערענען, וועט ער זיי איבערגעבען אין דיינע הענט אז דו זאלסט זיי פערניכטען, ווארים ער איז א גאט פון נקמה, און ער שענקט ניט קיינעם וואס זינדיגט געגען איהם. איך בין דעריבער אנטלאפען געווארען אין צייט, טראכטענדיג זיך: וואס וועט מיר ארויסקומען אז איך וועל נאך בלייבען צווי־שען מיין פאלק, און דיינע קנעכט וועלען אונז בעפאלען און ניט לאזען קיין לעבעדיגע זעעלע! איך בין דערפאר ארויס פון שטאדט און געקומען צו דיר, כדי פאר דיר פארצולעגען א זאך, פון וועלכען דאס גאנצע לאנד וועט ערשטוינט ווערען“.

„וואס איז דאס אזעלכעס?“ — האט אליפארנאס גע־פרעגט מיט גרויס איבערראשונג.

יהודית האט געענטפערט:

„ווי דיר איז שוין אודאי בעקאנט, קען דעם אידישען פאלק קיין שלעכטעס ניט געשעהן אזוי לאנג ווי זיי האלטען די תורה פון זייער גאט און היטען אפ זיינע מצוות; איצט האב איך איינגעזעהען, אז דער טאג איז ניט ווייט, ווען די אידען וועלען זינדיגען געגען זייער גאט. בין איך ארויס־געקומען וואוינען אין דיין לאגער ביז דעם טאג ווען די אידען וועלען אנפאנגען זייערע שלעכטע מעשים, און דיר קענען זאגען די ווערטער: דער מאמענט אויף וועלכען דו ווארטסט איז געקומען; נעהם דיין ארמעע און געה אויף

דער שטאָדט, ווייל גאָט האָט זי איבערגעגעבען אין דיין האַנט!"

אליפארנאס האָט אַביסעל נאָכגעדענקט און געזאָגט:

„דו האָסט רעכט! איך ווייס, אַז דער אידישער גאָט איז גוט צו די אידען ווען זיי היטען אָפּ זיינע געזעצען, און ער איז זיך אין זיי נוקם ווען זיי פערלאָזען איהם; אָבער ווי אַזוי וועסטו קענען וויסען דעם טאָג ווען דיין פאָלק וועט אָנפאַנגען זינדיגען, אַז דו האָסט זיי פערלאָזען און ביסט אַוועק?"

„ווענען דעם האָב איך אַ פּלאַן — האָט יהודית געענטפערט — ערלויב מיר אַרויסצוגעהן פון דעם לאַגער יעדען אָווענד און צוקומען צו די טויערען פון שטאָדט. דאָרט וועל איך זיך דורכריידען מיט מיינע בעקאַנטע וואָס שטעהען אויף די טורמס, איך וועל פון זיי אַלץ אויסגעפינען, און דיר יעדע זאַך איבערגעבען. ווען איך וועל זיך דערוויסען אַז מיין פאָלק האָט שוין אָנגעפאַנגען זינדיגען, וועל איך דיר דערצעהלען, און דו וועסט אויף זיי אָנפאַלען מיט דיין אַרמעע, און קיינער וועט ניט וואַגען זיך דיר אַנטקעגען צו שטעלען. איך וועל דיך דאַן פיהרען דורכ'ן לאַנד פון יהודה ביז דו וועסט אָנקומען אין ירושלים. איך וועל אויפשטעלען פאַר דיר אַ שטוהל אין מיטען שטאָדט, און דו וועסט איינגעהמען דאָס גאַנצע פאָלק ווי שעפּסען אָהן אַ פּאַסטוך, און קיין הונט וועט ניט בילען..."

„אויב דו וועסט אַזוי טאָהן ווי דו זאָגסט, וועל איך אָנגעהמען דיין גאָט און דיין נאָמען וועט בעריהמט ווערען איבער'ן גאַנצען לאַנד!"

אליפארנאס האָט בעפעהלט, און יהודית איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין זיין טייערסטען צימער דאָרט צו וואוינען, און מיט איהם צו עסען און טרינקען ביי איין טיש.

אָבער יהודית האָט געזאָגט:

„כאַטש איך בין צו דיר איצט געקומען — האָב איך אָבער נאָך אַלץ מורא פאַר גאָט און היט אָפּ זיינע געזעצען. דעריבער קען איך נאָר עסען דאָס ברויט וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט.“

„און וואָס וועסטו עסען — האָט אליפאַרנאָס געפרעגט — ווען דיין ברויט וועט דיר אויסגעהן? עס איז דאָך ניטאָ קיינער פון דיין פאָלק אין אונזער לאַגער, וואָס זאָל דיר קענען צוגרייטען עסען לויט'ן אידישען געזעץ?“

„איך שווער דיר, מיין האַר — האָט יהודית געזאָגט — אַז גאָט וועט דורכפיהרען זיין שטראָף אויף די אידען נאָך איידער מיין ברויט וואָס איך האָב מיטגענומען וועט אויס־געהן...“

נאָכדעם ווי יהודית האָט געגעסען און געבענשט האָט זי געזאָגט צו אליפאַרנאָס'ן:

„בעפעהל דיינע מענשען, זיי זאָלען מיך לאָזען ארויסגעהן מיט מיין דיענסט אויסער דעם לאַגער, אַזוי ווי מיר האָבען אָפּגערעדט!“

אליפאַרנאָס האָט בעפעהלט זיינע קנעכט זיי זאָלען איהר ניט שטערען און זי לאָזען ארויס ווען זי וועט וועלען.

יהודית איז געזעסען אין לאַגער דריי טעג און זי פלעגט ארויסגעהן יעדע נאַכט צום טויער, וואָס איז נעבען בתול, און מתפלל זיין צו גאָט, ער זאָל איהר העלפען און ברענגען דורך איהר די ישועה פאַר'ן אידישען פאָלק. נאָכדעם פלעגט זי זיך אומקעהרען אין לאַגער און פאַסטען ביז אָווענד.

.3

דעם פינפטען טאָג, האָט אליפאַרנאָס געמאַכט אַ סעודה און ער האָט געזאָגט צו זיין דיענער „באגאו“: „געה רוף די אידישע פרוי און לאַד זי איין צו דער סעודה.“

דער דיענער איז אוועק און איהר איבערגעגעבען אלי־פאַרנאָס' איינלאַדונג. יהודית האָט איהם געזאָגט:

„בעדאנק דיין האר און זאג איהם, אז זיין פריינד־ליבקייט ווערט הויך געשעצט פון דער אידישער פרוי, וועלכע איז גרייט אפילו צו וואשען די פיס פון זיינע קנעכט...“

ווען דער דיענער האט איבערגעגעבען אליפארנאס'ן יהודית'ס ענטפער, האט ער זיך זעהר דערפרעהט און זיך געטראכט: ווען זי וועט קומען צו מיר אין צימער, וועל איך זיך איהר אין ליעבע ערקלעהרען און זי בעטען זי זאל מיין פרוי ווערען, ווייל אזא שעהנע און קלוגע פרוי איז ניט צו געפינען צווישען אלע פרויען פון מיין פאלק!“

יהודית איז אריינגעקומען און זיך געזעצט ביים טיש. אליפארנאס האט געזאגט:

„איך וויל דו זאלסט מיך בעעהרען און מיט מיר עסען און טרינקען.“

„איך וועל דיר צוליעב טאהן — האט יהודית געענט־פערט — אבער מיט דעם בעדינג, אז דו זאלסט פריהער עסען די שפייזען וואס איך האב דיר געבראכט.

יהודית האט ארויסגענומען פון איהר האנט־טאש פלאשען מיט מילך און זעהר אלטען וויין, און אוועקגעשטעלט פאר אליפארנאס'ן.

„טהו מיר דעם כבוד — האט זי געזאגט — און עס ערשט קעז וואס איך האב פאר דיר געמאכט און טרינק דעם גוטען וויין וואס שטעהט ביי מיר א לאנגע צייט.“

אליפארנאס האט געגעסען דעם קעז און איז זעהר דורש־טיג געווארען. יהודית האט דאן אנגעגאסען א גלאז וויין און איהם דערלאנגט. ער האט עס אינגאנצען אויסגעטרונקען און ווידער געגעסען פון דעם קעז. דער דורשט האט איהם גענומען נאך מעהר ברענען און יהודית האט איהם דער־לאנגט נאך א גלאז וויין. ער האט עס אויסגעטרונקען ביז'ן לעצטען טראפען און געזאגט:

„זעהר גוט איז דיין וויין, יהודית, און גרויס איז מיין דורשט. זיי אזוי גוט און דערלאנג מיר נאך אביסעל וויין!“

אליפארנאס האט זיך אנגעטרונקען און איז שכור גע־ווארען. ער איז אוועקגעפאלען אויפ׳ן בעט און איז איינ־געשלאפען...

ווען יהודית האט געזעהן, אז אליפארנאס שלאפט שטארק, האט זי פערשלאסען די טיהר און אויפגעהויבען איהרע הענט צו גאט און געבעטען:

„גרויסער, מעכטיגער גאט! העלף מיר נקמה נעהמען אן דעמדראזיגען מענש, וועלכער איז געקומען שלעכטס טאהן דיין פאלק, עס פערשקלאפען און פייניגען!“

זי איז צוגעגאנגען צו דער וואנד נעבען בעט און האט ארונטערגענומען אליפארנאס׳ שווערד וואס איז דארט גע־האנגען... לאנגזאם האט זי איהם אנגענומען ביי די האר, און נאך דעם ווי זי האט נאך אמאל געשעפטשעט איהר הילפס־רוף צו גאט, האט זי מיט דער שווערד צוויי מאל פעסט איינגעשניטען אין זיין האלדז און אפגעשניטען דעם קאפ. זיין קערפער איז אראפגעפאלען פון בעט. יהודית האט גע־נומען די פארהאנג וואס האט אפגעטיילט אליפארנאס׳ בעט פון זיין צימער, און זי איז ארויסגעגאנגען. זי האט אריינגעלייגט דעם אפגעשניטענעם קאפ אין א זאק און גע־געבען איהר דיענסט — וועלכע האט געווארט אין דרויסען — און זיי זיינען ארויס פון לאגער, ווי זיי פלעגען טאהן יעדען אווענד. זיי זיינען ארויף אויפ׳ן בארג און צוגעקומען צו די טויערען פון בתול. יהודית האט אריבערגעשריען צו די וועכטער פון טויער:

טויער:

„עפענט, עפענט דאס טויער — די ערלייזונג איז גע־קומען!“

ווען די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען דערהערט איהר שטימע, האָבען זיי גערופען די עלטסטע, און זיי זיינען גע־קומען און האָבען געעפענט די טויערען. זיי האָבען אָנ־געצונדען א פאַקעל און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פער־זאַמעלט אַרום יהודית׳ן און אויף איהר געקוקט מיט פער־וואונדערונג.

„לויבט און בענשט גאָט! — האָט יהודית געשריען — גרויסעס האָט ער פאַר אונז געטאָהן!“

יהודית האָט אַרויסגענומען אליפארנאס׳עס קאָפּ פון איהר זאַק און געזאָגט:

„אָט דאָס איז דער קאָפּ פון גענעראַל אליפארנאס! איך האָב איהם אַרונטערגעשניטען נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעשכור׳ט פון מיין ווייַן און איז איינגעשלאָפען.“

דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געבוקט צו גאָט און גע־זאָגט:

„געלויבט ביסטו, אַלמעכטיגער, וואָס דו האָסט היינט איבערגעגעבען אונזער שונא אין יהודית׳ס הענט!“

און עוזיה האָט געזאָגט:

„געבענשט זאָלסטו זיין, טאָכטער, פון גאָט, ווייל די קליגסטע פון אַלע טעכטער פון לאַנד ביסטו. דיין לעבען האָסטו איינגעשטעלט צו ראַטעווען דיין פאָלק פון דעם שונא — זאָל דיך דערפאַר גאָט תמיד געדענקען צום גוטען!“

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט נאָכגעזאָגט: „אָמן!“

יהודית האָט דאַן פאָרגעשלאָגען פאַר די עלטסטע פון שטאָדט:

„נעהמט דעם דאָזיגען קאָפּ און הענגט איהם אויף אויף דער מויער גאַנץ אויבען, און אין דער פריה, ווען די זון וועט אויפשיינען, זאָלט איהר אַלע אַרויס בעוואפענטע מיט אייערע גענעראַלען אַן דער שפּיץ און איהר זאָלט זיך וויזען גרייט אַרונטערצוגעהן פונ׳ם באַרג אַריין אין אליפארנאס׳

לאגער, אבער ארונטערגעהן זאלט איהר ניט. ווען אליפארנאס׳ מענשען וועלען אייך זעהן, וועלען זיי אוועקלויפען צו זייערע גענעראלען, זיי אויפצוואוועקען פון שלאף; ווען זיי וועלען אריינקומען צו אליפארנאס׳ן און איהם געפינען א טויטען, וועלען זיי פערציטערט ווערען און פאר אייך אנטלויפען. זאלט איהר זיי נאכיאגען און מיט זיי טאהן אלץ וואס זיי האבען געפלאנעוועט צו טאהן מיט אונזער פאלק, און זאל פון זיי קיין געדעכעניש ניט בלייבען.״

ווען עס איז געקומען אין דער פריה, האבען די אידען אויפגעהאנגען אליפארנאס׳עס קאפ אויף דעם מויער, יעדער איינער האט אנגעגורט זיין שווערד, און זיי האבען זיך גע־לאזען ארויף אויפ׳ן בארג. ווען אליפארנאס׳עס מענשען הא־בען זיי געזעהן, האבען זיי דערצעהלט זייערע אפיצירען, וועלכע זיינען שנעל אוועק אין אליפארנאס׳עס צימער.

„וועק אויף שנעל דעם גענעראל — האבען זיי געזאגט צום דיענער באגאו — און זאג איהם, אז די אידען האבען געוואגט אונטערצונעהמען א מארש געגען אונז!״

דער דיענער האט געעפענט די טיהר, און ער האט גע־פונען אליפארנאס׳ן ליגענדיג אויף דער ערד א טויטער מיט אן אפגעשניטענעם קאפ... ער האט גענומען שרייען און צוריסען זיינע קליידער. אויף זיינע געשרייען זיינען זיך צוזאמענגעלאפען אלע אפיצירען, און ווען זיי האבען געזעהן אליפארנאס׳ן א טויטען, האט זיי אלעמען א שרעקליכער פחד אנגענומען. באלד איז ענטשטאנען א טומעל אין דעם לאגער, און די סאלדאטען זיינען ארומגעלאפען ווי פער־סמ׳טע אהין און צוריק, אויפ׳ן בארג און אין טאהל, און איינער איז געפאלען איבער׳ן צווייטען.

די אידען האבען דערזעהן די מהומה, און זיי זיינען בעפאלען און אויסגעהרג׳עט פיעלע; די איבעריגע זיינען אנטלאפען און פערשפרייט געווארען אין אלע ריכטונגען.

די אידען האבען דאן זיך גענומען צוריקקעהרען פון דער מלחמה, און זיי האבען צוגענומען אלע טייערע מא־טעריאלען וואס זיי האבען געפונען אין אליפארנאס׳עס לא־גער, וועלכעס האט זיי אלעמען שטארק רייך געמאכט.

עוזיה האט דאן אוועקגעשיקט שלוחים אנצוזאגען אין ירושלים די בשורה וועגען דער גרויסער ישועה וואס גאט האט געשיקט זיין פאלק, און עס איז געקומען דער כהן גדול און די אידישע עלטסטע פון ירושלים, און זיי האבען גע־בענשט יהודית׳ן פאר איהר העלדענטהאט:

„געבענשט זאלסטו זיין אויף אלע דורות — האבען זיי געזאגט — דיין נאמען זאל פון איצט אן און אייביג גע־דענקט ווערען ביי אידען, ווען זיי וועלען לויבען גאט פאר זייער ערלייזונג פון די הענט פון זייערע שונאים!"

און דאס גאנצע פאלק האט נאכגעזאגט: „אמן!"

די אידישע פרויען זיינען אנטקעגען געגאנגען יהודית׳ן מיט געזאנג און טענץ, און זיי האבען זי געלויבט און גע־בענשט. יהודית האט גענומען צווייגען פון איילביערטען און זיי אויסגעטהיילט צווישען די פרויען. זיי האבען פון דעם געפלאכטען קרוינען און זיי אויפגעזעצט אויף דעם קאפ פון יהודית, וועלכע האט דאן געזונגען א לויב־ליעד צו גאט.

יהודית איז אוועק נאך ירושלים און אויסגעטהיילט פאר הייליגע צוועקען איהר טהייל פון אליפארנאס׳עס זאכען, און זיך אומגעקעהרט אהיים. זי האט געלעבט הונדערט און פינף יאהר, און ווען זי איז געשטארבען, איז זי בעערדיגט געווארען אין דעם קבר פון איהר מאן מנשה, און דאס גאנצע פאלק האט זי בעווייגט און נאך איהר געטרויערט.

אין פערלויף פון איהר גאנץ לעבען, האט איהר לאנד קיין שווערד ניט געצויגען, און אויך פיעלע יאהרען נאך איהר טויט האט דאס לאנד געלעבט אין פריעדען.